STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00639

www.libtool.com.cn

# GEZAMELTE SHRIFTEN

Joseph Bovshover

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Solomon Epstein*
*in honor of*
*the Gantse Mishpokhe*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn



י. באָושאָווער

www.libtool.com.cn

# געזאמעלטע שריפטען

פון

## י. באָוושאָווער

(פּאָעזיע און פּראָזא)

ארויסגעגעבען פון די
פרייע ארבייטער שטימע
ניו יאָרק
1911

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אינהאַלטס-פערצייכניס:

## ליעדער און געדיכטע.


| | זייטע |
|---|---|
| מיין געבעט | 3 |
| שרייבענדיג | 5 |
| צו מיין מוזע | 7 |
| דעם דיכטער'ס ווירקען און געבורט | 10 |
| דער דיכטער אַלס גאַסט | 12 |
| צום ווינד | 14 |
| דיכטונגס־לוסט | 15 |
| דער בלומען־אינזעל | 17 |
| פריהלינגס־לוסט | 18 |
| פריהלינגס־געוויטער | 19 |
| הערבסט־בלומען | 20 |
| דער פראָסט | 23 |
| מיין לעצטער וואונש | 27 |
| צום שקלאַף | 28 |
| אונרוה | 29 |
| צום אַרבייטער | 31 |
| צו די ברידער | 32 |
| פרייהייט | 33 |
| רעוואָלוציאָן | 34 |
| אַמאָר און די פרייהייט | 37 |
| אַ געזאַנג צום פאָלק | 43 |
| צום קעמפּפער | 46 |
| צום פאָלק | 47 |
| מערץ־געדאַנקען | 51 |
| צום אַנדענקען פון דוד עדעלשטאַדט | 52 |

www.libtool.com.cn


| | זייטע |
|---|---|
| ביין מאָנומענט | 57 |
| דער געניום דער מענשהייט | 60 |
| ליכט און שאָטען | 66 |
| די ווינטער־זון | 73 |
| דער פרייהייטס־וואַנדערער | 76 |
| דאָס לעבען | 81 |
| צוויי וועלטען | 84 |
| אַ מאָנאָלאָג פון דער דומהייט | 88 |
| און אימער נאָך | 90 |
| צום גלויביגען | 91 |
| דעם נביא'ס מפּלה | 93 |
| דער שלאָף | 94 |
| נעכטען און היינט | 98 |
| פריעדען | 99 |
| פריהלינג און הערבסט | 100 |
| די פריעדענס־פּאַלמע | 101 |
| דער פרייהייטס־קעמפּפער | 104 |
| די קוגעל־גיסער | 106 |
| דער אַבשיעד | 109 |
| מייסטער און לעהרלינג | 113 |
| פאָטער־געפיהלען | 114 |
| ציהט שטאַרקער די סטרונעס | 115 |
| לעבט אין פריעדען | 116 |
| ערפאָלג | 117 |
| וואַנדער־ליעד | 118 |
| צו די ברידער | 119 |
| עס איז אַ טרוים — דאָך ריכטיג | 120 |
| ענטשלאָסענהייט | 121 |
| ווערטער פון אַ ברודער | 122 |
| אַ גוט וואָרט | 123 |
| אויפ'ן שטערבע־בעט | 124 |
| צו די שטערען | 126 |
| פון מיין אַלבום | 127 |
| נאַטור־ליעדער | 129 |

www.libtool.com.cn


| | זייטע |
|---|---|
| פעסט־ליעדער | 131 |
| ערזינערונגען פון קינדהייט | 133 |
| ליעבע־ליעדער | 135 |
| לוסט־ליעדער | 137 |
| געדיכטע | 139 |
| לוינען | 141 |
| פערזען | 142 |
| דאָס בענקען נאָך שעהנקייט | 143 |
| אַ פרעג מיך ניט | 144 |
| מיין פריינדין | 146 |
| איינזאַם | 149 |
| צו מיינע ברידער | 150 |
| פערלאַנג | 150 |
| די מיידעל׳ס ליעבע־ליעד | 151 |
| ער איז אַוועק | 152 |
| פרייהייט | 153 |
| אונזער וועג | 155 |
| נאָך היינריך היינע | 157 |
| די אָרמוטה פריהער און יעצט | 158 |
| די גראָבע האַנד | 160 |
| דאָס מאַדעל | 162 |
| די בעשטראָפטע אונשולד | 165 |
| בעריל מטושטש | 167 |
| ליעדער | 171 |
| אַלטע און נייע ליעדער | 173 |
| מוטער און טאָכטער | 175 |
| די זיפצענדע שטימע | 176 |
| אויפרוף | 177 |
| פון ציריך | 178 |
| עפיגראַמען | 180 |
| אונזער וועלט | 182 |
| אַ גאָלדענע פעדער | 183 |

www.libtool.com.cn

## געדאַנקען, בילדער און סקיצען.


זייטע

„זיינאָדער גיט זיין" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 187
אוים מיין טאַגעבוך . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 191
אוים דעם טאַגעבוך פון אַ שטילען מענשען . . . . . . . . . . . . . . . . 202
געדאַנקען און בעטראַכטונגען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 207
פאַנטאַזיעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 216
געזאַנג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 220
ליעבע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 223
אוים דעם טאַגעבוך פון אַ פרוי . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 229
די שטראָף פון דער נאַטור . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 235
אַ ליעבעס-געשיכטע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 240
די יתומה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 246
צוויי דורות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 255
צו וואָס די גרויסע שטעדט ? . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 263
קאַפּיטאַל'ס קרבנות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 268
געדיכטע אין פּראָזאַ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 276


## פּאָעזיע און גרויסע מענער.


זייטע

וועגען פּאָעזיע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 181
היינריך היינע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 309
ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 318
וואָלט וויטמאַן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 329
עדווין מאַרקהאַם . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 340

www.libtool.com.cn

# י. באָושאָווער

## זיין לעבען און זיין שאַפען.

יוסף באָושאָווער איז געבאָרען אין ליבאָוויץ, מאָהילעווער גובערניע, און ווערט דעם קומענדען ערב יום כפור אכט און דרייסיג יאָהר אַלט. שטאַמען שטאַמט ער פון א זעהר פיינער משפחה: חזנים און לומדים פון דער מוטער'ס צד און סוחרים פון פאָטער'ס צד. דער פאָטער גופא איז געווען א גרויסער למדן; אַן אמת פרומער איד, טאַקע מיט'ן גאַנצען הארצען, ניט קיין עיט צבוע, און בעוואוסט אַלס בעל־טובה און בעל־צדקה, אָבער א גרויסער פאַנאַטיקער.

וואָס פאַר אַן ערציהונג קינדער געניסען ביי אַזעלכע עלטערען אין א שטעדטעל ווי ליבאָוויץ, קענען מיר זיך שוין לייכט פאַר־שטעלען.

זיי זיינען געווען זעקס ברידער, און אַלע משכילים. צוויי זיינען נאָך עד היום אין רוסלאַנד און ביידע זיינען זיי גרויסע חזנים און זעהר אינטעליגענטע מענשען, „מושלמים גדולים", ווי די העברעער וואָלטען זיי גערופען. צוויי אַנדערע ברידער זיינען געשעפטס־לייט דאָ אין אמעריקאַ. די איינציגע שוועסטער אין דער משפחה איז פערהייראַט אין רוסלאַנד צו א זעהר געבילדעטען מאַן (איהר ווידמעט באָושאָווער זיין ליעד: „עראינערונגען פון קינדהייט"). דער עלטסטער ברודער איז שוין לאַנג טויט, „א קרבן פון דער אַלטער פאַנאַטישער ערציהונג ביי אידען", שרייבט מיר ה' ס. באָושאָווער פון אַלבאַני.

אונזער אונגליקליכער פאָעט האָט געלערענט אין חדר און ביין פאָטער גופא. דאָך איז פון איהם קיין גרויסער למדן ניט ארויס־

www.libtool.com.cn

געקומען, און ער איז אוועק ארבייטען אין א מעהל־געשעפט נאך אין זיין גאנץ פריהער יוגענד.

און דא מערקט זיך שוין אין איהם זעהר דייטליך זיין שטאר־קער וואנדער־גייסט, וועלכער כאראקטעריזירט זיין גאנצעם לעבען.

י. באוושאווער קען זיך בשום אופן ניט איינהאלטען לאנג אויף איין ארט. עפּעס ציהט איהם א מאגנעטישע קראפט אימער ווייטער און ווייטער. זיין נשמה זוכט תמיד עפּעס הויכעס, ערהא־בענעס, אויסערגעוועהנליך גרויסעס. פון דעם מעהל־געשעפט אין רוסלאנד קומט ער פּלוצלינג אין אמעריקא. דא לערענט ער זיך אוים די פעלץ־ארבייט, און הויבט שוין אן גאר נישקשהדיג פערדיע־נען, ווען פון עלערהויט שפּרינגט אין איהם אריין דער רוח הקודש און ער נעהמט שרייבען ליעדלעך פאר די ארבייטער און זיי פאר־לעזען טאקע אין שאפ גופא, און דערמיט ענדיגט זיך נאטירליך אונזער פּאעט׳ם פאבריק קאריערע.

אביסעל שפּעטער קויפט איהם דער ברודער א בשמים־קראם (גראסערי). נו, נו; קאנט איהר שוין אליין פערשטעהן דעם סוף דערפון. אונזער סוחר נעהמט גלייך לעבען א טאג: רופט צונויף חברים פון ארבע פנות עולם און הוליע ברודער! וואס עס איז געווען אין קראם האט ער צוטהיילט: עסענוואהרג, אלערליי אנדערע סחורה און באארעם געלד וויפיעל ער האט נאר געהאט. אי וואס, דאס גע־שעפט הויבט אן ווערען לעדיגלעך? זיין באבע׳ם דאגה איז דאס. זאל זיין. וועט ניט זיין קיין סחורה וועט מען ניט פערקויפען און א סוף.

און עס איז טאקע אין גיכען געווארען א סוף. ווי דען? פון אזא פאנטאסטיש־פּאעטישער נשמה קאן מען מאכען א גראשעדיגען גראסעריי־מאן?

דער ברודער פּרובירט איהם דאן האלטען ביי זיך אין געשעפט, אבער וואו! קיין מענש אין דער וועלט איז ניט געווען ביכולת באוושאווער׳ען צו „האלטען“. אז אפילו ער גופא האט זיך אליין ניט געקענט האלטען, א פשיטא שוין אנדערע. נאך אלס קינד

www.libtool.com.cn

פלעגט ער פלוצלינג נעלם ווערען פון דער היים און זיך בעהאלטען ערגעץ. כאָטש זוך איהם אין עק וועלט, ניטאָ! זיין אייגענע משפחה האָט איהם ניט געקענט בעגרייפען, כאָטש אפילו זיינע גרויסע פעהיגקייטען האָט יעדער מענש געקענט זעהן באלד פון זיין קינד־הייט אָן. פון דעסטוועגען קען מען ניט זאָגען, אז דיעזע פעהיגקייטען זיינען איהם איבערגעגעבען געוואָרען בירושה פון זיינע עלטערען, און וועלכע מען געפינט זיכער קיין בעזונדערעס ניט אין דיעזער הינזיכט. נאָר ווען זעהען מיר עם זשעניאַלע קינדער ביי גרויסע מענשען? זשעני שיינט אדרבא זיך צו ערשעפּפען ביין ערשטען דור, און אָנשטאָט צו זיין גרויס, זיינען די קינדער כמעט תמיד מיטעל־מעסיגקייטען אָדער גאָר דעגענעראטען.

בשעת מיר דערקענען זיך דאָ מיט אונזער דיכטער זעהען מיר פאַר זיך נאָך גאָר א יונגען מענשעל (געקומען איז ער אהער אין זיין אכצעהנטען יאָהר, מיט צוואַנציג יאָהר צוריק), גלייך און שעהן גע־וואקסען, געזונד ווי א יונגער בוים אין פולער בליהונג, מיט א שעהנעם רונדען פּנים, ברענענד שווארץ־ברוינע אויגען, א פיין־געוועלבטען שטערען, א קאָפּ בעדעקט מיט פּעך־שווארצע, געדיכט געקרויזטע האָר, א גריכיש געטאָקטען נאָז און א ליעבליכען שמייכעל אויף די עטוואָס פולע ליפּען.

זיין גאַנצע געשטאַלט איז געווען אזוי אינדיווידועל, אזוי זאָנדערבאר אנציהענד, ווי זיין עדעלע נשמה, זיין גרויסע הארץ, און שפּעטער זיין ערהאבענע דיכטונג גופא.

צוויי פאַר אונזער אונגליקליכען דיכטער גרויסע עראייגניסע האָבען דאָ פּאסירט אין זיין לעבען: די ערשטע עראייגניס איז געווען, בעת ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן זיינע פּאָעמען אָבגעדרוקט אין דעם „ארבייטער פריינד" און דער „פרייע ארבייטער שטימע" אין אידיש, און די צווייטע עראייגניס איז געווען, בעת ער האָט דערלעבט צו זעהן זיין פּאָעזיע אין ענגלישאמין ר. טאָקער'ס „ליבערטי", אין וועלכער דאָס ערשטע געדיכט, ווי מיר שיינט, „אָן

www.libtool.com.cn

דהי טאָילערס", איז געווען זיין אייגענע איבערזעצונג פון זיין אידישער פּאָעמאַ „צו די ארבייטער".

ה' טאָקער, וועלכער איז געווען פאר א לאַנגע רייהע יאָהרען דער גרעסטער פאָרשטעהער פון אינדיווידואליזם-אַנאַרכיזם אין אמעריקא, האָט אויפגענומען אונזער פּאָעט מיט אָפענע אָרעמס און אמת הערצליכער ליעבשאַפט. ער איז פּשוט געווען ערשטוינט און ענטציקט פון זיין גרויסען טאַלאַנט, און איז גלייך ארוים אין „ליבערטי" מיט א פייערדיגען לויב-געזאַנג, אין וועלכען ער ער-קלעהרט פאר די וועלט די ערשיינונג פון א שטערען פון ערשטען ראַנג אויפ'ן האָריזאָנט פון דעם ענגלישען ליטעראַטור-הימעל. ער האָט ניט געקאָנט גענוג אָבלויבען די געוואַלדיגע קראַפט פון דעם זעהר יונגען דיכטער.

און דאָ, האָב איך מורא, הויבט עס אָן שווינדלען אין דעם מח פון אונזער פּאָעט, אַקוראַט ווי אין דעם מח פון דעם גרויסען קינסטלער סאָלנעס אין איבסען'ס „מייסטערבילדער", בעת ער דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ פון דעם הויכען טהורעם, וואָס ער זעלבסט האָט אויפגעבויט.

יא, יא, דאָס אונגליק איז געשעהן. שוין ניט איין זשעניאַלער קאָפּ איז פערדרעהט געוואָרען פון די צו שווערע לאָרבערקראַנצען, וואָס מען האָט אויף איהם מיט אמאָל און אונערוואַרטעט ארויפ-געלעגט.

און באָושאָווער האָט תמיד געטרוימט פון די סאַמע העכסטע הויכקייטען. איהם האָט זיך געוועלט, און געוואַלדיג שטאַרק געוועלט, דערגרייכען דעם העכסטען פון אַלערהעכסטע הימלען. זיין גאַנצעס לעבען איז געווען איין לאַנגע פאָעטיש-הימלישע וויזיאָן. זיין גאַנצעס וועזען איז געווען איין גרויסע צאַפּלענדע האַרץ, פול מיט עכט רויטע בלוט פון ליידענשאַפט און זעעלען-לעבען. זיין נשמה איז געווען א פאַנטאַסטישע סימפאָני, וועלכע שוועבט אייביג ארום איבער די העכסטע וואָלקענס.

אמת, ער האָט קיינמאָל ניט פערגעסען, אז זיין שטרעבען

www.libtool.com.cn

צו דערגרייכען דעם שפּיץ פון דעם פּאַרנאַסוס איז נאָך אַלץ געווען אין דער לופטען, אַז זיין הימלישען טרוים מוז מען נאָך ערשט אַראָבברענגען אַט דאָ אויף דער ערד, אָבער דאָ פּלוצים דערזעהט ער זיך מיט געדרוקטע אותיות שוואַרץ אויף ווייס, אין איינער פון די בעסטע צייטשריפטען פון אַמעריקאַ געשילדערט אַלס שטערען פון ערשטען ראַנג מיט וועלכען די ענגלישע דיכטער־וועלט האַלט אין בערייכערט ווערען.

דאָס הייסט אַלזאָ, אַז זיין טרוים איז פערווירקליכט, זיין אַמביציע דערגרייכט.

און באָוושאָווער איז שוין פון דאַמאָלסט אָן ניט דער זעלבער מענש.

דער פינסטערער שטן האָט פּיעלע געשטאַלטען,
וואָס שטעהען דעם קעמפּפער אין וועג,
און יעדע בעזונדער פערשטעלט איהם דעם אויסגאַנג
און לאָזט איהם ניט זעהען דעם ברעג...

דאַרום הער מיין עצה, דו עדעלער קעמפּפער,
ניט לאָז זיך פערפיהרען, ניט לאָז!
זאָל שטורעמען, בליצען, זאָל דונערען, קראַכען,
זיי שטאַרק, ווען דער ווינד גיט אַ בלאָז!...

אַזוי זינגט אונזער דיכטער. אָבער ליידער האָט ער אַליין נעבעך ניט געקענט ווידערשטעהן דעם פינסטערען שטן און דעם העלען בליץ. דער צו שטאַרקער ליכט האָט איהם פערבלענדעט די אויגען, ווי אַ בליאַסק פון אַ צו שטאַרקען שיין.

ווען איך שטעה ביים ברעג פון הויך־געוועלבטען פעלז,
און קוק אַרונטער אויף דעם ברייטען ים;
ווען אויף די ריעזענ־וואָלקען רוהט מיין בליק,

www.libtool.com.cn

און ווערט באהעפט מיט דער אונענדליכקייט;
ווען דורך דעם עטהער שוועבט מיין פאנטאזיע,
און זעהט דעם ליכטיגען פלאנעטען־גאנג,
ווי מעכטיג בין איך דאן, און דאך ווי שוואך!
ווי ניכטיג בין איך דאן, און דאך ווי גרויס!

פראפעטיש זינגט דא אונזער אונגליקליכער דיכטער. פונ'ם ריעזענ־פעלז ווארפענדיג זיין בליק אויף די הימלען אין דער הויך און די ימים אין דער טיעף, שוועבענדיג אין דעם עטהער און בעהעפטענדיג זיך מיט דער אונענדליכקייט, ווערט דער מעכטיג־שוואכער זינגער בעפאלען פון א געפעהרליכען קאפ־שווינדעל און ער פאלט, פאלט פאלט ביז צום אבגרונד.

„ווי גרויס בין איך דאן, און ווי ניכטיג!"

דאך האלט ער זיך נאך פעסט א היבשע שטיקעל צייט און שרייבט אפט אין „ליבערטי" אונטער'ן נאמען „באזיל דאהל", פער־פאסט פיעלע אידישע פאעמען און זעצט איבער שעקספיער'ס „קויפמאן פון ווענעדיג", „פאוסט" פון געטהע און אנדערע ווערק.

איבער זיין איבערזעצונג פון „דער קויפמאן פון ווענעדיג" זאגט פריינד אלכסנדר הארקאווי אין זיין פארווארט צו ה" ש. יודסאן'ס איבערזעצונג פון „ווערטהער'ס ליידען" פאלגענדעס:

„קונסטווערק פון גרויסע דיכטער, אין אזא געוויסענהאפטער איבערזעצונג ווי אייערע, זיינען אין אידיש, אויסער באוושאווער'ס איבערזעצונג פון „מוירטשענט אוו ווענים" נאך ניט ערשיענען."

און אז הארקאווי'ן ליעגט נאך עד היום אין זינען באוושא־ווער'ס ארבייט, קאן מען זיך פארשטעלען וואס פאר א מייסטער־ווערק אונזער דיכטער האט געשאפען.

איך ווייס ניט אויף וויפיעל טאקער האט דא איבערשעצט באוושאווער'ס טאלאנט. אבער, אז ער האט געהאט גרויסע פעהיג־

www.libtool.com.cn

קייטען וועט יעדער פערנינפטיגער לעזער צוגעבען. זיין אָריגינאַלי־טעט, דרייסטקייט און אויסדרוקס־קראַפט זיינען אָפט וואונדערבאַר. ער האָט בעזעסען ביידע מעלות: אי אַ מערקווירדיגע השגה, אי אַ וואונדערבארען זכרון. עס איז איהם איינמאָל איינגעפאַלען די אידעע צו נעהמען אַ קורס אין ענגלישער ליטעראַטור אין דעם בעריהמטען יעיל קאָלעדזש. ער איז גלייך אַוועק אין ניו־הייווען, וואו דיעזער קאָלעדזש געפינט זיך און גענומען לעזען אין דער יעיל ביבליאָטעק אַלע קלאַסיקער אין דער ענגלישער שפּראַך.

נאַטירליך האָט זיך דער גאַנצער פּלאַן אויסגעלאָזען מיט גאָר ניט, ווייל ווי קומט אַזאַ ווילדער שווערמער צו אַ סיסטעמאַטישער לעהרע? וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען ביי איהם פּראָגראַמען, טעקסט־ביכער און בעשטימטע לעקציאָנען?

אָבער ווען ער איז אין פערלויף פון וועלכע צעהן מאָנאַט צוריקגעקומען אַהער פון ניו־הייווען האָבען מיר אַלע זיינע אינטימע פריינד געמוזט שטוינען פון זיין פאָלשטענדיגער ערלערנונג פון דער ענגלישער שפּראַך. ער איז געווען אַן אמת׳ע ענציקלאָפּעדיע אויף צוויי פיס, אַ לעבעדיגער לעקסיקאָן. איך געדענק פּונקט ווי היינט, בעת מיר זיינען איין זומער־אבענד געזעסען אויף מיין וועראַנדאַ, נעב. קאַץ, באָוושאָווער און איך, און האָבען גערעדט איבער די גרויסע ענגלישע פּאָעטען, און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט זיך באָוושאָווער געגעבען זיין איראָנישען לאַך און אַ זאָג געטהאָן: „וואָס, שעללי? איך שאָקעל איהם אויס פון ארבעל“. מיר זיינען שוין אפילו געווען געוועהנט צו זיינע פּוסטע בעריהמ־מערייען און האָבען זיי קיינמאָל ערנסט ניט גענומען. ווייל וואָס אַ פשוט׳ן בשר ודם איז ניט ערלויבט, איז עס דעם דיכטער אָפט ערלויבט. און נאָך בעזונדער אַזאַ נאַאיוו־אונשולדיגען טרוימער, אַזאַ אידעאַליסטישען נאַטור־קינד ווי באָוושאָווער. נור דאַמאָלסט זיינען מיר גראָד געווען אויפגעלעגט צו האָבען מיט איהם אביסעל שפּאַס, און איך רוף זיך אָב צו איהם: „באָוושאָווער, ווען וועסטו שוין אויפהערען מיט דיינע משוגע׳נע שטיק? איך וועל דיר וועטען

www.libtool.com.cn

א גוטען דינער אז דו פערשטעהסט ניט אפילו די פירוש המלות פון די שווערע שטעלען פון שעללי׳ס פּאָעזיע.״

„אָט, לאָמיר זעהן״, איז געווען זיין ענטפער. מיר זיינען אריין אין הויז, אויפגעמישט די שווערסטע בלעטער פון שעללי׳ס ווערק און האָבען גענומען פרעגען ווערטער, אָבער אזעלכע וואָס מיר האָבען טאקע אליין ניט געוואוסט זייער בעדייטונג. און ווי ערשטוינט זיינען מיר געווען, ווען מיר האָבען נאָכגעזעהן אין וועבסטער׳ס ווערטערבוך, אז באָושאָווער גיט אונז די ריכטיגע בעדייטונג פון יעדען וואָרט, פון זעלטענע פויגעל, פלאנצונגען, קרייטיכער, טעכנישע טערמינען און דאָס גלייכען. ער האָט אָבער ניט טריאומפירט איבער אונז, ער האָט בלויז נאָך טיעפער איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, ניעדריגער ארונטערגעלאָזען זיין לינקען אקסעל און שווייגענדיג ארומגעגאנגען איבער׳ן צימער, רויכערענדיג איין סיגארעטעל נאָכ׳ן אנדערען, ווי געוועהנליך.

(איך מוז צוזעצען, אז מיט דעם קורס אין ענגלישער ליטעראטור איז ער חלילה ניט אויסען געווען קיין קאריערע, נור פשוט ווייל ער האָט געוואָלט זיך פערפאָלקאָמנען אין דער ענגלישער שפּראַך.)

איך רייד אלזאָ ניט פון טאָקער׳ס איבערשעצונג פון באָושאָווער׳ס קרעפטען, כאָטש איך בין שטארק גענייגט צו גלויבען, אז ער האָט מיט זיין ליעב־געזאנג איבערגעכאַפּט די מאָס. אָבער אז טאָקער האָט איהם מיט זיין עטהוזיאסטיש פייערדיגער אויפנאהמע פיעל שאדען געטהאָן, איז ביי מיר קיין שום ספק ניט. דאָך ווייסען מיר, אז באָושאָווער׳ס לירישע נשמה איז טיעף איינגעבאקען אין דעם הארצען פון דעם ראדיקאלען המון אונזערען, און נאָך לאנג, לאנג וועט זיין נאָמען לעבען צווישען אונז.

און ניט איך און ניט איהר קאָנען דאָ ארויסגעבען דעם פסק דין פון דער צוקונפט. אויף א סך, א סך דיכטער און קינסטלער האָט די וועלט אפילו אויף איין מינוט זיך ניט אָבגעשטעלט א קוק טהאָן, איז אָבער געקומען די מיסטישע צוקונפט פון א שפּעטערען

www.libtool.com.cn

דור און האָט זיי מיט טריאומף אריינגעטראָגען אין דעם סאַמע טרקלין פון די מוזען.

די צייט וועט אפשר אויך אין דיעזען פאַל ענטפּלעקען סודות און ענטפּערען פראגען. איין זאך איז אָבער זיכער: דער קולטור־היסטאָריקער פון דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקא וועט אונזער פּאָעט מוזען אָבגעבען א היבש עהרווירדיגען ווינקעל אין דעם טעמפּעל פון די געטער פון פּאָעזיע און הומאנער עמאנצי־פּאציאָן.

נאטירליך, מוזען מיר נעהמען אין אָנבעטראכט דעם פאקט, אז באָוושאָווער האָט געשאפען בלויז עטליכע געצעהלטע יאָהרען. און ווער קען וויסען וואָס פאר א געוואלדיגע קראפט עס איז געלעגען בעהאלטען אין זיין בעגאבטען מח, אויב דער בייזער שיקזאל וואָלט איהם ניט אזוי אונערבארעמליך פערפאָלגט, איהם אריינטרייבענדיג אין דער שוידערהאפטער מרה שחורה אין וועלכער ער געפינט זיך שוין כמעט צעהן לאנגע יאָהרען!

איך בין ניט קיין פעסימיסט. דאָך צוריקבליקענדיג אויף מיין לאנגע און אינטימע פריינדשאפט מיט דעם אונגליקליכען, מוז איך קומען צום שלוס, אז זיין שיקזאל איז געווען אונפערמיידליך, ווי דער טויט זעלבסט. אלע זיינע פריינד וועלען מיט מיר איינשטימען, אז דער סוף פון א באָוושאָווער האָט בשום אופן ניט געקענט זיין אנדערש ווי ענטוועדער דורך א פריהצייטיגען טוידט אָדער אין א משוגעים־הויז. און, אונטער די אומשטענדען איז דער וואהנזין געווען דאָס נאטירליכסטע וואָס מען האָט געקענט ערווארטען אין דיעזען פאל. דער פאקט איז, אז ווען ניט זיין אייזערנער קערפּער־געבוי, וואָלט אונזער דיכטער זיך שוין לאנג ניט געפונען צווישען די לעבעדיגע.

איך האָב דאָ אָקערשט געזאָגט „אונטער די אומשטענדען“. ווייל זעהר אָפט מאטערט מיך דער געדאנקען: וואָלט זיין שיקזאל גענומען אן אנדער ווענדונג, ווען די געזעלשאפט וואָלט זיך, למשל, מיט אזא בעגאבטען נאטור־קינד בענומען אנדערש, ווען זי וואָלט

www.libtool.com.cn

איהם, לאמיר זאגען, בעזארגט מיט א קליין באטקעלע ערגעץ אין א הערליכער לאנדשאפט, ארומגערינגעלט מיט דער פרעכטיגער נאטור, וועלכע זיין נשמה האט אזוי פערגעטערט? א מקום מנוחה, וואו ער זאל קריגען דאס ביסעלע לעבענס־מיטעל, פון וועלכע ער האט זיין גאנצען לעבען אזוי ווייניג געפאדערט, — אן ארט וואו ער זאל קאנען דיכטען, טרוימען, פאנטאזירען וויפיעל זיין גרויסע הארץ זאל נור גלוסטען, וואו ער זאל קענען ארויסלאזען זיין מעכטיגע טענאר־שטימע אין איהר גאנצער הערליכער ווילדקייט, אקאמפאנירט פון דער נאכטיגאל און בעצויבערט פון בארג און טהאל, בוים און בלום? וואלט אויך דאן אונזער דיכטער געשמאכטעט אין דעם אנשטאלט, אין וועלכען דער גוטהערציגער שטאאט אונזערער האלט איהם אוים אזוי פיעל יאהרען?

נור דא רייסט זיך ארייין אין אייער מח די פיעל ברייטערע פראגע:

און וואס מכח אונזער אונשטערבליכען עדעלשטאדט? און מכח אלע מיליאנען נשמות יתרות, אלע אונגליקליכע זשעניעס, דיכטער און קינסטלער וואס קריגען קיינמאל גאר קיין שאנס ניט צו ענטוויקלען זייערע טאלאנטען, אדער וואס קאנען זיך בשום אופן ניט צופאסען צו אונזער עקעלהאפט ניעדריגען לעבען פון פראזאאישער מיטעלמעסיגקייט, און שטארבען פון נויט און דחקות אין מיטען פון זייער רעכטען שאפען?

און ווי די הארץ וויינט אין אייך, ווען איהר בעדענקט, אז אזא שוידערליכער סוף איז דער נאטירליכער אויסגאנג, אז דאס איז דער אונפערמיידליכער פינאל, וועלכער איז ווירקליך אין פולער הארמאניע מיט דעם לעבען און שאפען פון דער מאדערנער צייט; אז, ווען אזא באוושאווער וואלט געענדיגט אנדערש ווי אין משוגעים הויז, וואלט ער געוועזן אוננאטירליך, אונבעגרייפבאר, און ניט אין איינקלאנג מיט אונזערע פערשאלטענע אומשטענדען.

„נו“, הער איך אייך זאגען, „עס איז טאקע שווער פאר'ן אוטאפיען־אידעאליסט דורכצוקומען אין אזא שלעכטער פראקטישער

www.libtool.com.cn

וועלט. אָבער מען מוז זיך אָביסעל צובויגען, זיך צופּאסען צו דער פערדאָרבענער סביבה אין וועלכער מיר אַלע געפינען זיך ביי היינטיגען טאָג".

און פאַר מיינע אויגען גיט מיר אַ בליאסק באָוושאָווער׳ס שפּאָטיש־וואָרעמער שמייכעל אַלס תשובה אויף איער הארבע איינוועגדונג.

פערשטעהט איהר מיך, אַזעלכע נשמות ווי זיינע פּאסען זיך קיינמאָל אין לעבען ניט צו צו קיינעם און צו קיין זאַך. ברעכען קאָנט איהר זיי, אָבער בויגען קיינמאָל אין לעבען ניט. קאָנט איהר בויגען שטאָהל? צין, בלעך, בליי, גאָלד יא; שטאָהל ניט. אַזעלכע נשמות ווי באָוושאָווער׳ס ווערען ניט געגאָסען פון קיין בויגזאַמען שטאָף. זיי טרוימען, דיכטען מאָהלען, שניצען און שאַפען ניט פאַר איך, נאָר פאַר זיך גופא; ניט פון אויסענגוויינינג, צו געפעלען וועמען, אויפ׳ן בעפעהל אָדער פאַר די בעלוינונג פון דעם אָדער יענעם, נאָר פאַר די טיעפסטע טיעפענישען פון זייער הארצען, פאַר די בעלוינונג פון זייער אייגענער נשמה.

דורך מיר געהט אויף די ליכט פון פריהען מאָרגען,
די ערשטע שטימען דער נאַטור רייזען דורך מיר,
מיט מאַכט ענטדעק איך וואָס זי האַלט פערבאָרגען,
מיט שטורם און מיט אור־געוואַלד ציה איך דורך איהר.

איך עפען אויף די שעפּפונג׳ס ברייטע טיהרען,
און פיהר דעם מענשען אין איהר הערץ אַריין;
דורך איהרע סודות שטרעב איך איהם צו פיהרען,
ער זאָל איהר מייסטער און בעפעהלער זיין.

אַזוי זינגט אונזער דיכטער אַ לאַ וואַלט וויטמאַן, פון וועלכען ער האָט פיעל געהאַלטען.

www.libtool.com.cn

אָדער נאָך דייטליכער זאָגט ער דאָס וואָרט געגען דאָס צו־פּאַסען זיך אין זיין „ענטשלאָסענהייט".

איך מוז געהן, און געהן אַליין,
כאָטש די וועלט האָט ליעב צו שטעהן,
גרויס אין פרייד און גרויס אין קוואַל
איז דער מענשליכער שיקזאַל.

אָפּט האָט מיך די זאָרג געקוסט,
אָפּט געבלוטעט האָט מיין ברוסט,
כ'האָב עס קיינעם ניט ערצעהלט,
און די וואונד האָט זיך פערהיילט.

ווי אַ לייכט־טורם וועל איך זיין
אין דער וועלט פון שמערץ און פּיין,
לייכטענדיג דורך שטורם און נאַכט
ביז דער מיעדער מענש ערוואַכט.

עס איז אמת, אז אין אונזער פּראַקטישען יאָמער־טהאַל זיינען ניט אַלע פּאָעטען אזוי נאאיוו־ריין, אזוי וואָלקען־הויך פאַנטאַס־טיש ווי באָושאָווער איז עס געווען. פערקעהרט, מאנכע זיינען שוין נאָר צו מאַטעריאַליסטיש־פּראַקטיש. זיי דיכטען צו אָרדער, און פאַר אַ דאָלאַר וועלען זיי פערקויפען זייער נשמה פונקט ווי דער סאַמע פּראָזאאישסטער בשר ודם. כי על פת לחם יפשע גבר. און אפילו די פעדער וואָס האָט אין זיך דעם פייער פון הימעל זינדיגט אָפט פאַר'ן שטיקעל ברויט. אָבער אויף אונזערע פּאָעטען־אנאר־כיסטען קאָן דאָס קיין לעבעדיגער מענש ניט זאָגען. אזעלכע נשמות ווי די פון עמערסאָן, וויטמאַן, טהאָראָ, איבסען, טאָלסטאָי און וויליאם מאָריס פערקויפען זיך ניט פאַר דאָס גאַנצע גאָלד פון

www.libtool.com.cn

טויזענד וועלטען. זיי דיכטען פאר די אייביגקייט, און אונשטערב־ליכקייט איז זייער נאטירליכע ירושה.

אויף דער אידישער אנארכיזם דא ביי אונז האט א רעכט צו שטאלצירען מיט די צוויי ליכטיגע שטערען וואס זיינען ערשיענען אויף זיין פאעטישען הימעל. אזעלכע הערליכע נשמות ווי די פון אונזער עדעלשטאדט און באוושאווער וועלען לאנג, לאנג ניט פער־געסען ווערען פון דעם אידישען פרייהייטס־שטרעבענדען ארבייטס־מאן.

די נשמות פון די אמת'ע פאעטען זיינען בעזונדערס מסוגל צום אנארכיסטישען אידעאל, שוין דערפאר ווייל זיי קאנען זיך וועניגער ווי אנדערע צופאסען צום געדאנקען פון אויסערליכען געזעץ און בעפעהלענדער אויטאריטעט. זיי זעהען העט אריבער איבער די געקינצעלטע גרענעצען, איבער וועלכע דער געוועהנליכער „שפיעזביגער“ איז ניט בכח אריבערצוקוקען. דער גייסט פונ'ם פאעט לאזט זיך ניט בינדען פון די טראדיציעס פון דער פערגאנגענהייט אדער די קאנווענציאנעלע ליגענס פון דער געגענווארט. זיין אויג איז די אויג פון א נביא, א זעהער, וואסווארפט זיין אדלער־בליק טיעף אין דער צוקונפט און זאגט פאראויס די אונפערמיידליכקייט פון אן אידעאלער געזעלשאפט, וואו שקלאפען און הערען וועלען זיין אונמעגליך.

דורך די שווארצע וואלקענס פון דעם היינט זעהען זיי דעם פרעכטיגען רעגענבויגען פונ'ם מארגען.

ארעמער, אונגליקליכער שווערמער! דו האסט קיינמאל ניט געוואוסט פון אן אבהאלט, און ווער רעדט שוין פון געהן צוריק? דיין שווערמער־אויג איז תמיד געווען געריכטעט אויף די העכסטע הויכקייט, וועלכע דו האסט אויף איין מינוט ניט געצווייפעלט צו דערגרייכען. ליידער האט עס אבער ביי דיר ניט געסטאיעט אטהעם. און דאך ווער ווייס? אפשר חלומ'סטו נאך איצט דיינע גרויסע חלומות?

מען מוז צוגעבען, ריידענדיג וועגען די צוויי פאעטען,

www.libtool.com.cn

אז  ב אָ ו ו ש אָ ו ו ע ר  שטעהט ניט אין ערך העכער ווי ערעל־שטאדט אין פּאָעטישער קראפט. זיין בליק אויף דאָס גאנצע לעבען און די נאטור איז פיעל ברייטער, טיעפער און אומפּאַסענדער. זיין אַמביציע איז אַן אונענדליך העכערע. ער איז ניט צופריעדען צו שרייבען שעהנע, גלאַטע פּאָעמען פאַר'ן אידישען ארבייטער, וועלכע זאָלען איהם וועקען צום קאמפּף און בעוויינען זיינע ליידען, ווי ערעלשטאדט טהוט עס. באָווּשאָווער שטרעבט צו דיכטען אין דער שפּראַך פון שעקספּיער און מילטאָן, וויל ריידען צו דער גאנצער וועלט, און קלעטערט מיט די לעצטע כחות ביז אויף דעם סאַמע שפּיץ פון דעם געטליכען פּאַרנאַסוס.

ווי געזאָגט, ער איז נעבעך ארונטער פון דער ביהנע אין רעכטען מיטען פון זיין שאַפען און דארום איז שווער צו זאָגען, צי ער וואָלט ווען דערגרייכט צום הויכען פּעדעסטאַל אויף וועלכען עס געפינט זיך היינט־צו־טאָג א פרוג, א יהואש אָדער א ביאַליק.

דען איהר מוזט וויסען, אז עס גיבט צווייערליי פּאָעזיע: איינפאַכע וואָס פליסט שטיל־מורמלענדיג, ווי די שמאָלינקע טייכעלעך וואָס פליסען פון די ניעדריגע בערג, און אַפּעלירט צום הארצען אפילו פון דעם פּראָסטעסטען מענשען, און ערהאַבענע שטורם־און־דראַנג פּאָעזיע וואָס זעצט מיט א געוואלדיגער קראַפט, ווי דער וואַסערפאַל פון ניאַגאַרא, און ווערט שווערליך בעגריפען אפילו פון דעם קולטיווירטען מענשען.

נאַטירליך געפינט זיך א מאַסע פּאָעזיע, וועלכע ליעגט, אַזוי צו זאָגען, צווישען די פלעכע און דעם שפּיץ פונ'ם בארג. אָבער ניט יעדער וואָס קען מאַכען גראַמען איז א פּאָעט. פּאָעזיע, אמת'ע פּאָעזיע, איז, מוזט איהר וויסען, א גאנץ „ערעלע זאַך“. דאָס איז די העכסטע פאָרמע פון ליטעראַרישער קאָנסטרוקציאָן. זי מוז זאָגען גאָר א סך אין גאַנץ ווענִיג, איבערלאָזענדיג דעם לעזער זיך אָנצו־שטויסען אויף דאָס ניט־דערזאָגטע. און גראַד דאָס איז וואָס מאַניעט אונז אויסצופילען דעם דיכטער'ס גרויסען געדאַנק און ענדיגען דאָס הערליכע ניט־דערענדיגטע בילד. דאָס איז וואָס מאַכט די פּאָעמא

www.libtool.com.cn

אזוי ווערטהפול. און קיין זאַך קען ניט שטאַרקען און בעררייכערען אונזער גייסט ווי דאָס ערלערנען פון אַ גרויסער דיכטונג.

באָוושאָווער האָט דאָס הפנים גוט געוואוסט. ער פלעגט אַרומ־געהן און דעקלאַמירען צעהנדליגע בלעטער פון שעקספּיער, דאַנטע, מילטאָן און וויהיטמאַן אויף אויסענוועניג. זיין וואונדערבאַרער זכרון איז איהם דאָ שטאַרק צוניץ געקומען.

אָבער מיר זעהען איהם אין די שפּעטערע צייטען פיעל געענ־דערט. דער לינקער אַקסעל שטאַרק אַראָבגעלאָזען, דער רעכטער אונגאַטירליך הויך; דער קאָפּ אַריינגעבויגען אין די פּלייצעס, דער פנים בלאַס, די קליידער פערלאָזען. בלויז די אויגען ברענען נאָך מיט זייער אַמאָליגען פייער. דאַן פלעגט שוין זעהר אָפט טרעפען, אַז באָוושאָווער זאָל אַריינשפּאַצירען צו מיר אין הויז דורכ'ן פענסטער. „פאַרוואָס האָסטו ניט אָנגעקלונגען?“ פרעגט מען ביי איהם. „אָט, קלינגען, ניט געוואָלט שטערען“, ענטפערט ער און שמייכעלט. „פון וואַנען קומט אַ איד פּלוצלינג?“ „ווייס איך, בין געוועזען אין ניו יאָרק, האָט זיך מיר פערוועלט זיך דורכגעהן צו אייך אין בראָנזוויל“.

און דאָס פלעגט אָפט פּאַסירען. ער איז געווען אַ געבוירענער וואַנדער־קינד; האָט ניט געקאָנט איינזיצען אויף איין אָרט, כאָטש שמיעד איהם צו מיט אייזענס. צו יענער צייט פלעגען איהם שוין מענשען נאָכקוקען אין גאַס. די דיענסטמיידלעך האָבען פאַר איהם געציטערט ווי פאַר'ן אשמדאי אליין. „אַ משוגע'נער טרעמפּ“, אָבער וואָס פאַר אַ געטליכע נשמה!

און מיט אַלע זיינע חסרונות האָב איך איהם ליעב געהאַט, כאָטש ער האָט אָפט געקאָנט אַ מלאך פון געדולד אַרויסברענגען.

איין מאָל זיצט ער און רעדט מיט מיין פרוי. זי פלעגט איהם תמיד אויסמוסר'ן פאַר וואָס ער פיהרט זיך ניט אויף ווי אַ מענש, זיצט ניט אויף אַן אָרט, און דאַסגלייכען. און אין מיטען דערינען גיט ער איהר אַ זאָג: „איך בין אַ גאָט, מיסעס קאָהן! אַזעלכע ווי איהר

www.libtool.com.cn

מוזען צו מיר דיענען, מיט עהרפורכט מיך בעטראַכטען און אַכטונג געבען מיר זאָל קיין זאַך ניט פעהלען".

איהר האָט געקאָנט לאַכען פון איהם וויפיעל אייער הארץ האָט געגלוסט. איהם האָט דאָס ניט געארט. ארגומענטירען האָט מען מיט איהם ניט געקאָנט. קאָנט איהר ארגומענטירען מיט אַ קינד? ניט איך און ניט קיינער פון די אַנדערע אינטימע פריינד זיינע, ווי זאָלאָטאַראָף, מאָיסעיעף, מייזעל, פישער און די איבעריגע, וועט זיך בשום אופן ניט קאָנען דערמאָנען ווי באָוושאָווער האָט אויסגעזעהן, בעת ער איז געווען אין כעס אויף וועמען, פשוט דערפאַר, ווייל מיר האָבען איהם קיינמאָל אין כעס ניט געזעהן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס קנאה אָדער שנאה איז אַזעלכעס. ער איז ארומגעגאַנגען אויף דער ערד און געלעבט אין די הימלען.

געלד האָט ביי איהם גאָר אין גאַנצען קיין ווערטה ניט געהאַט. האָט ער עס געהאַט איז עס ביי איהם אין דער מינוט פערשוואונדען. האָט ער עס ניט געהאַט, איז אויך רעכט. האָט ער צוגעהונגערט, אָדער איז זיך דורכגעגאַנגען אַן אכט, צעהן מייל צו אַ פריינד (אָפט ניט פאַר נחת: ס'איז פשוט דער ניקעל ניט געווען) און אָבגעגעסען אַ מאָהלצייט אָדער צוויי, און דאַוואי אין וועג אריין. דער וואַנדערענדער גוף האָט נעבעך געמוזט מיטהאַלטען מיט'ן וואַנדערענדען גייסט, און אַזוי האָבען זיי ביידע קיין מנוחה ניט געהאַט.

ער פלעגט אָבארבייטען אויף אַ טהעאַטער־שטיק, פאַר אַדלער'ן, למשל, וואַכענלאַנג, אָבנעהמען די אָרעמע עטליכע דאָלאַר און זיך אויספּוצען אין שפּאָגעל נייע קליידער פון קאָפּ ביז די פיס, אָנשטאָפּען די קעשענעס מיט טשאָקאָלאַד און אַנדערע נאַשערייען, און הוליע קבצן! ער האָט זעהר ליעב געהאַט אוועקצוגעבען זאַכען צו קינדער. אַליין אַ גרויסע קינד, פלעגט ער אָפּט מיט דעם קליינוואַרג פערברענגען. זיין גאַנצער לעבען איז געווען איין שטיק „באָהימיאַניזם" (אַ „באָהימיאַן" אין ענגליש הייסט ניט אַ פּראָסטער, וואָכעדיגער טרעמפּ, נאָר אַן ארטיסט אַן אביון, וואָס שטאַרבט פון הונגער זינגענדיג, מאָהלענדיג אָדער דיכטענדיג).

www.libtool.com.cn

ווען מיר האָבען שוין ניט געקענט אויסהאַלטען פון איהם, פלעגען מיר איהם געבען עטליכע דאָלאַר צו פאָהרען צום ברודער אין אָלבאַני. אָפט האָט ער פאַר די געלד זיך איינגעקויפט אַלערליי זאַכען און — והילד איננו, דער בחור איז דאָ צוריק. „סטייטש, באָוושאָווער, פאַר וואָס ביזטו ניט אָבגעפאָהרען?“ „וואו אָבגעפאָהרען?“ פרעגט ער איך. און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַרויסגעהענדיג אין גאַס האָט ער זיך פער'חלום'ט איבער וואָס עס איז און פערגעסען, אַז דאָס איז ער געגאַנגען צום טריין קיין אָלבאַני. אויף אַזאַ'ן אופן, דערצעהלט מיר פריינד זאָלאָטאַראָף, האָט איהם יעקב גאָרדין איין מאָל דערלאַנגט אַכט דאָלאַר ער זאָל פאָהרען צום ברודער. (גאָרדין האָט פון איהם געהאַלטען אַן עולם ומלואה און געלעגט גרויסע האָפנונגען אויף זיין צוקונפט.) לאָזט זיך אויס, אַז מיין פאָעט געהט זיך אַוועק צו צייטלין אין רעסטאָראַן און לעבט אַ טאָג מיט חברה אויף וואָס די וועלט שטעהט. אַלע חברים האָבען געמוזט עסען מיטאָג אויף זיין רייכע קעשענע, און פון די אַכט דאָלאַר איז קיין פעני ניט געבליבען.

ער האָט געהאַט אַ שעהנע טענאָר־שטימע, וועלכע ער וואָלט וואַהרשיינליך געקאָנט קולטיווירען אויסגעצייכענט גוט. איז אָבער די צרה וואָס ביי איהם איז קיין געדולד ניט געווען צו אַרבייטען לאַנגזאַם, שטופענוויין, צו קלעטערען מיהזאַם, אום צו דערגרייכען דעם ציעל. ער האָט גלייך געוואָלט זיין אַ זינגער אין מעטראָפאָליטאַן אָפּעראַ הויז, און טאַקע דער ערשטער זינגער אין דער וועלט. מיט ווענינער האָט ער זיך ניט צופריעדענגעשטעלט. און ער פלעגט תמיד זינגען אָפעראַס, אָדער זיינע אייגענע פאַנטאַסטישע קאָמפּאָזיציעס און זיך בעגלייטען אויף דעם פאָרטעפיאַן גאָר נישקשה'דיג.

ער זאָגט צו מיר איין מאָל: „דאָקטאָר, נעקסטען סיזאָן זייט איהר מיין גאַסט אין מעטראָפאָליטאַן“. איך קוק איהם אָן און שטוין. „וואָס איז, האָסט שוין אָבגעקויפט די אָפעראַ הויז?“ „וואָס הייסט?“, פרעגט ער, „איהר ווייסט גאָר ניט, אַז איך בין שוין אַזוי גוט ווי ענגאַזשירט אַלס ערשטער טענאָר?“

www.libtool.com.cn

איך ווייס ניט צי ס'איז אמת, נור מען זאָגט, אז זשיהן דע רעשקע זאָל איהם האָבען שטאַרק ערמוטהיגט און פערשפּראָכען הילפע, אויב ער וועט קולטיווירען זיין שטימע.

איך קאָן מיר שוין פאָרשטעלען וואָס פאַר א שרעקליכע וויר־קונג עטליכע גוטע ווערטער פון דע רעשקע וואָלטען געהאַט אויף אונזער קראַנקען דיכטער. און אז ער איז געגאַנגען צו איהם ווייס איך געוויס. נאָר וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי חברה־לייט ווייס איך ניט.

גענג. פּישער האָט איהם געהאַט אריינגענומען צו זיך אין הויז און האָט איהם אויסגעהאַלטען מיט עסען, לאָזשי און קליינ־געלד. דערפאַר האָט ער געזאָלט לערנען מיט די צוויי קינדער דייטש. נו, נו, קאָנט איהר זיך שוין פאָרשטעלען ווי אונזער „פּעדאַגאָג" טהוט זיין ארבייט. נאָך ניט געננוג, געהט ער ארום גאַנצע נעכט איבער'ן צימער, זינגט און דעקלאַמירט וואו און ווען איהם פאַלט איין און מען קאָן פון איהם ניט דערהאַלטען.

זאָגט ער איהם: „באַוושאָוועך, זייט מוחל, זוכט זיך אן אנדער לאָזשי, מען קען פון איך ניט לעבען."

„וואָס הייסט ?" מאַכט ער, „וואָס הייסט איך זאָל זיך זוכען אן אנדער לאָזשי ? און וואָס פעהלט מיר דאָ ? מיר איז דאָ זעהר בעקוועם. אלא וואָס דען, איהר קאָנט ניט ליידען, טו מופּט זיך אנדערשוואו." און גאַר אָהן כעס, אין פולען ערנסט, „היינע'ן אָדער געטהע'ן וואָלט איהר עם אויך געהייסען מופען ?" גיט ער דערנאָך א פרעג פּישער'ן.

צו יענער צייט שרייבט ער עם מסתמא זיינע טיעפזיניגע „בעטראַכטונגען איבער'ן לעבען", אין וועלכע ער גיט זיך פּלוצלינג א פרעג: „וואָס ציה איך מיך אזוי צוריק פון לעבען ? וואָס האָב איך מורא ?"

און ער ענטפערט זיך אליין:

„איך געה אוועק צו דער נאַטור. אין שטילען וואַלד, צווישען די דונקעלע, גרינצווייגיגע בוימער וועך איך ווי נייע־בעלעבט. עס

www.libtool.com.cn

ווערט מיר קיהל, שטיל און רוהיג צום מוטה. מיין אויג פאלט אויף די אָבגעבראָכענע צווייגלעך אויף דער ערד. איך בליק אריין אין די דונקעלע ווערבונגען פון די בוימער; איך זוך א געהיימניס.

„אייביגע געהיימניס פון דער וועלט, פון דער נאטור! ווי לאנג וועט דיך מיין גייסט זוכען צו פערשטעהן? ווי לאנג וועט ער שטרעבען צו דיר?"

און ווייטער: „וואָס הויבט זיך מיין פאנטאזיע אויף צו די שטערען? וואָס טראָגט זי זיך ארום אין די הימלען? וואָס זוכט זי דאָרט ווייט וואו דער הימעל וועלבט זיך ארונטער? וואָס וויל זי אין דער טיעפעניס פון ים?

„איך וויל ניט געהן מיט מענשען. איך וועל מיך ליעבער פערטיעפען אין די סודות פון דער שעפפונג פון דער וועלט, וועל זוכען צו געפינען דעם אָנפאנג פון אלע אָנפאנגען: איך וועל אוועק צוריק צו דער ערשטער קוועלע פון דער נאטור און פון לעבען, איך וועל ארויפשטייגען צו די העכסטע הימלען, ארונטערשטייגען צו די טיעפסטע טייכען פון דער וועלט, איך וועל וויסען וואָס איך בין."

אָט די נור וואָס קאָפּירטע צייל‍ען כאראקטעריזירען אונזער אונגליקליכען דיכטער'ס גאנצען לעבען.

אין אן אנדער שטעלע און אן אנדער צייט רופט ער אויס:

— „און ווארום ניט לעבען, זיין ניצליך פאר זיך אליין, און בעפרובטען דעם לעבען פון אנדערע? ווארום ניט אָפּט אויסנוצען מיין עקזיסטענץ און שטעהן אין דער וועלט, אין מיין לעבען ווי נאָך מיין טויט, א געביידע אָבגעענדיגט, אויסגערונדעט, אויסגעפיהרט און דורכגעפיהרט אין אלע איינצעלהייטען, ביז דער קלענסטער פערציערונג?

„ווי שעהן עס איז ווען די אקאָרדען און הארמאָניען פון דער אָפּערא שטייגען אויף אין דער לופט און וויקלען זיך פונאנדער אין טויזענדער רעגענבויגענס פון פארב און קלאנג, און פלעכטען, קרייזלען זיך און שטראָמען ארום אין טויזענדער פאלטען, פארבען און בלומען־קאָלירען; ווי שעהן עס איז ווען די בעגייסטערטע, ענט־

www.libtool.com.cn

ציקענדע טענער דרינגען ארויס פון דעם זינגער'ס הארץ, און די פעלאדי הערט זיך קלאהר און זילבערדיג און דופטענד!
„קען דען ניט מיין לעבען זיין אזוי?"
און דער בייזער שיקזאל ענטפערט: „ניין, עס קען ניט זיין".
און אין די אויערען קלינגט מיר באוושאווער'ס געזאנג:

טרוימער, טרוימער, דו נאאיווער,
ווילסט אומזאנסט אין הימעל פליהען,
און דיין הערץ זאל ווי די זאנע
אויף דעם גאנצען ערד־באל גליהען.

טרוימער, טרוימער, דו נאאיווער,
האסט א הערץ א זעהר הייסע,
אבער אין די ברידער'ס הערצער
איז די קעלט א זעהר גרויסע....

מערקווירדיג רייך איז זיין ווערטער־שאץ. און ניט נאר אין זיין פאעזיע נור אויך אין זיין שטארקער, אונערשעפפליך רייכער פראזא. זיינע איבערזעצונגען פון שעקספיער'ס „מוירטשענט אוו ווענים" און געטהע'ס „פאוסט" וועלען אויף אייביג בלייבען קלא־סיקער אין דער אידישער ליטעראטור. ער איבערזעצט אזוי, אז איך פערגעסט גאר אין גאנצען, אז דאס לייענט איהר ניט דעם אריגינאל גופא. עס פליסט אזוי גלאט, וואונדער־שעהן און נאך דערצו אזוי טריי צום טעקסט.

לייענט אויפמערקזאם זיינע אויסגעצייכענטע ארטיקלען איבער „וואס איז פאעזיע?" „איהרע פארמען און נוצען" און די שעהנע ביישפיעלע וועלכע ער פיהרט אן צו אילוסטרירען לירישע און עפישע פאעמאס, סאננעטען, אדען, באלאדען, פאבעל און עפיגראם־געדיכטע און עלעגיען.

לייענט אויך אויפמערקזאם זיינע קלאסישע ביאגראפיעס פון

www.libtool.com.cn

וואַלט וויטמאַן, ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, היינריך היינע און עדווין מארקהאַם. אַלע וועלען זיי פערבלייבען אין אידיש קלאַסיש.

עס איז ביי מיר אויך קיין ספק ניט, אז מיט דער צייט וועט אויך זיין הערליכע ארבייט אויף דער ענגלישער שפּראַך ריכטיג אָבגעשאַצט ווערען . ס'וואָלט געווען אַ שאָד זי זאָל געהן לאבוד.

ווען עס קומט צו רייד וועגען באָוושאָווער פרעגען אַ סך פון זיינע פריינד און פערעהרער: „וועלכע אורזאַכען האָבען איהם געריהרט פון זינען?" „אַזאַ געניאַלער קאָפּ", זאָגען זיי, „און האָט דאָך ניט אויסגעהאַלטען."

הערסטו, אַט דאָס איז עס דאָך, וואָס אַזאַ געניאַלער קאָפּ. אַ גראָבע קאָפּ, אַ ווענינער סענזיטיווע נאַטור וואָלט זיכער אויסגע־האַלטען, ווי עס האַלטען אויס מילע־מיליאָסען גראָבע קעפּ און שטיינערנע הערצער.

אָבער נעהמט אַזאַ עדעלע פלאַנצע און רייסט זי אויס מיט'ן וואָרצעל יונגערהייד פון איהרגעבורטס־אָרט, ווען זי האַלט אין רעכטען בליהען, און פערוואַרפט זי ערגעץ איבער שבעה ימים אויף אַ ווילד־פרעמדען מאַטעריאַליסטיש־שטיינערנעם באָדען, און זי מוז פערוועלקט ווערען אָדער שטאַרבען פאַר דער צייט.

וואָלט זיין בעסער ער זאָל געווען בלייבען אין דער היים? יאַ, אין דער היים. אָבער וואו האָט אַ איד אַ היים? און נאָך אַ רוסישער איד, אַן אָרעמער איד, און דערצו נאָך אַ גאון'ישער, אַ טיעף־פיהלענדער און ראַדיקאַל־דענקענדער איד?

ברויך זיך אָבער מאַכען, אַז ער נעהמט שוין, ווי דער היסטאָ־רישער גלות־איד, דעם וואַנדערשטעקען אין האַנד אריין און לאָזט זיך אַוועק נע ונד אויף דער גרויסער, גרויער וועלט, זאָל ער דוקא אריינפאַלען אין אַמעריקאַ, און נאָך אין דעם טויזענד מאָל פער־שאָלטענעם, קאָמערץ־מאַטעריאַליסטישען ניו יאָרקער גיהנם, אין דעם אָרט וואו עס בליהען דלות און מיליאָנען אָנשטאָט בלומען און ציטראָנען, אין דעם לאַנד וואו דאָס לעבען איז אונמענשליך פּראַקטיש, וואו עס גריבעלט און שווייבעלט מיט „פאַנטאַטאַס" און

www.libtool.com.cn

„גרעפּטערס“, אין דער שטאָדט אין וועלכער די לופט גופא איז פערפעסטעט פון שווינדעל, רויב און מענשליכע בלוט, וואו עס געפינט זיך מאַמאָן׳ס גרעסטער בית המקדש פון דער גאַנצער מאָדערנער וועלט — די וואָלל סטריט בערזע. דאָ אין דיעזען כף הקלע איז נעבעך די צאַרטע נשמה פון אונזער פּאָעט־אידעאַליסט פערוואָרפען געוואָרען. טאָ וואָס אנדערש האָט געקענט פון איהם ווערען? וואו דען, ווען ניט אין אַ משוגעים הויז, האָט אַזאַ אונגליקליכער געקענט געפינען אַ מקום מנוחה?

ווי אָפט קומט יעטווערען עדעלען מענשען אויפ׳ן געדאַנקען, אַז דער איינציגער קלאָהרער און אמת׳ער אָרט אין דיעזער אוננאַטירליכער, צודרעהטער און פערמאַסקירטער וועלט איז דאָס משוגעים־הויז?

די נשמות יתירות זיינען דאָ איבערפליסיג, מען לאַכט פון זיי אין די הויפענס. טאַלאַנט, זשעני און הארץ געהען דאָ נאַקעט, באָרוועס און הונגעריג. ווער ברויכט זיי? מאַך געלד, אַ סך געלד, אַ גאַנצען באַרג מיט געלד, און דו ווערסט גלייך גרויס און בעריהמט. אי, אינעווענינ ברענט ביי דיר אַ הייליג פייערעל? טאָ גוט זשע, ברויכסטו דאָך וויעדער קיין בגד אויפ׳ן נאַקעטען לייב ניט.

גיבט עס נאָך אַ גרעסערע זעעלען־טראַגעדיע אויף דער וועלט? יאָ, דער אונשטערבליכער פּרוג האָט רעכט ווען ער זינגט זיין איראָניש־בייסענדען פערז:

מי טאָר ניט טראַכטען,
מי טאָר ניט קלעהרען:
מי קען פון דעם
משוגע ווערען.

און באָוושאָווער האָט יאָ געטראַכט און געקלעהרט, און געהונגערט און געשמאַכטעט דאָ אויף אונזער באָדען פון שטיינער און דערנער, און די אונפערמיידליכע טראַגעדיע האָט פּאַסירט.

www.libtool.com.cn

ווייל קיין איבערראשונגען זיינען אין דער נאטור ניטא. איין מאל אזוי אנגעהויבען, מוז עס זיך אזוי און ניט אנדערש ענדיגען. האט איבסען'ס בראנדט געקאנט ענדיגען אנדערש ווי מיט א פריה־צייטיגען טוידט? אזא'ן אייזען־פעסטער כאראקטער ווי בראנדט לאזט זיך בשום ענין אופן ניט בויגען און ניט צופאסען, און ער לעבט ווי א העלד און שטארבט ווי א העלד.

יעדע גרויסע דראמא איז פאטאליסטיש אונפערמיידליך אין איהר סוף. איבערראשונגען טרעפט איהר בלויז אין אלערליי שונד און מעלאדראמא. ווייל יעדע אמת'ע דארשטעלונג פונ'ם לעבען מוז זיין אזוי רעאליסטיש טריי ווי דאס לעבען גופא.

דעריבער האבען אלע די וואס קאנען אביסעלע טיעפער אריינבליקען אין דער נשמה פונ'ם מענשען, אויך געקענט דערקענען די ערשטע, אבער אונפעהלבארע, סמנים פון אונזער דיכטער'ס דעגענעראציאן. זיינע אימפולסיווע טהאטען, די גוזמא'דיגע קראפט פון זיינע געפיהלען, זיין אונרוהיגקייט, די ענדערונג אין זיין אויסזעהן, אין זיין כאראקטער און שטאנדהאפטיגקייט, זיין אונפעהיגקייט זיך צו קאנטראלירען און דער פערלוסט פון דער מינדעסטער אינטערעסע אין זיין אומגעבונג, — אלעס דאס האט דייטליך אנגעוויזען די ווענדונג אין וועלכער דער שיקזאל האט איהם געטריבען.

דאך, מוזע, מיין הערץ, ווי די ראזע, פערוויאנעט,
זי ווערט אימער שוואכער פון שמערצען אהן שיעור,
דורך פיילען פון יעצטיגען גיהנב צוראניעט...
דאך, אך! עס געפינט זיך קיין טהוי ניט פאר איהר...

א, אמת, אויך איך זעה א נאכט אויף מיר ווארטען,
דאך זי וועט ניט ברענגען קיין קוויקענדען דופט.
אך ניין! נאר א קבר, א קאלטען, א הארטען,
וואו טויט וועל איך ליגען אהן אטהעם, אהן לופט...

www.libtool.com.cn

אָדער ווען באָוושאָווער זינגט וועגען „מיין פריינדין“ און ענדיגט:

די זינגסט מיר שטיל, מיין טהייערע,
אַ טרויער־ליעד אָהן סוף,
און זינגסטו ווען אַ גייערע —
זי חער איך ניט... איך שלאָף...

איך האָב קיין פריינד, קיין גרעסערע,
ווי דו אין נויט און פיין,
קיין טרייסטעריןָ, קיין בעסערע,
אַ, מעלאַנכאָליע מיין!...

אין דיעזער שרעקליכער מעלאַנכאָליע, אין דיעזען מאָנאָפּסיכאָזים, פול מיט אילוזיאָנען און דעלוזיאָנען, ערהויבענע און אומעטיגע שטימונגען, געפינט זיך אונזער פּאָעט שוין אַ דוצענד יאָהרען.

אָנפאַנג פלעגט ער ארומגעהן אין דולהויז און ריידען צו זיך אליין און שרייבען אויף די ווענד — ווער קאָן וויסען וואָס?

זעהט ער נאָך איצטער די הימעלשע מוזע אין זיינע טרוימען? מאַניעט איהם נאָך איצט אויך די הערליכע לאָרעליי מיט איהר געטליך־טיפעלשען צויבער? דאכט זיך איהר ארבייט איז דאָך שוין אָבגעטהאָן... און

דער שיפער בלייבט אונטען זיצען,
ערגריפען פון ווילדען פּיין;
ער זעהט ניט די פעלזען־שפּיצען,
ער קוקט זיך אין איהר נור איין...

איך גלויב דאָס די כוואַליעס פערשלינגען
די שיפעל און דעם שיפער דערביי;

www.libtool.com.cn

אוּן דאָס האָט געטהאָן מיט איהר זינגען
די שעהנע לאָרעליי.

וועט ער נאָך אַמאָל צוריקקעהרען צו אונז, אָדער איז ער פער־לוירען אויף איביג ? ווער ווייס. דערווייל געהען אַוועק די יאָהרען, וועלכע קומען שוין קיינמאָל ניט צוריק.

דאָך לאָמיר האָפען.

דאָ ניט לאַנג האָט די קונסט־וועלט אויפגעקאָכט מיט דער פרעהליכער בשורה, אַז ו ו י נ ט ש ע נ צ אָ ד ז ש ע מ י ט אָ, דער בעריהמטער סקולפּטאָר, וועלכער האָט אין זיינע יונגע יאָהרען פערשפּראָכען וואונדער, האָט פּלוצלינג ווידער אויפגעלעבט, נאָכ־דעם ווי זיין מייסטער־האַנד האָט פינף און צוואַנציג לאַנגע יאָהרען קיין זאַך ניט געשאַפען, די נשמה פון דעם זשעני אַבשלאָפענדיג איהר שרעקליך לאַנגען מעלאַנכאָלישען שלאָף אַ האַלבען לעבען לאַנג. דער גרויסער שניצער איז תחית המתים אויפגעשטאַנען און שאַפט ווידער וואונדער, ניט מעהר אַלס אינגלינג, נור אַלס אַלטער גרייז מיט זיין איביג יונגען גייסט.

„וואונדערבאַרער ווי די פאַנטאַזיע איז די וואַהרהייט".

קאָנען מיר נאָך אפשר האָפען אַז אויך באָוושאָווער וועט צוריקקעהרען צו אונז און ווידער דיכטען און שאַפען פאַר אונז !

**מיכאל קאָהן.**

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# ליעדער און געדיכטע

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# מיין געבעט

שטיל איין, אַ נאַטור, דיינע זיסע אַקאָרדען,
דיין גאָלדענע האַרפע שטיל איין!
דיין ליעד וויל מיין ליעבע צום שוואַכען ערמאָרדען,
עס ציהט אין דיין שוים מיך אריין.

איך וויל ניט אין דיינע מעלאָדישע ים'ען
דערטרינקען מיין ברענענדע זעעל;
די זילבערנע כוואַליעס זיי וועלען די פלאַמען
פערלעשען פון איהר אויפ'ן שטעל, —

די פלאַמען, וואָס ברענען מיט האַס און מיט ליעבע,
געצונדען פון ריינעם פערשטאַנד;
וואָס שטייגען אַרויף ביז די וואָלקען די טריבע,
אין ווילדען וואולקאַנישען בראַנד.

אָ, לאָז מיך, נאַטור, מיין געליעבטע, מיין זיסע,
בעדעק, אָ, דיין הימלישע ברוסט!
דיין אָטהעם, דיין הויך, איז פאַר מיר יעצט אַ תפיסה!
איך טאָר ניט פערזינקען אין לוסט!

איך טאָר ניט — און מעג איך עס טויזענד מאָל וועלען,
דען דאָרטען... אָ, שרעקליך! בעטראַכט,
ווי ס'טרינקען זיך טויזענדער מענשליכע זעעלען
אין פינסטערען אַבגרונד דער נאַכט.

www.libtool.com.cn

אָ, זעה ! זיי זינקען דאָרט אין טייכען פון טרערען,
זיי שלאָפען בעדעקט פון טומאַן...
זיי קענען דעם רוף פון צייט־ווינד ניט הערען,
צו ברעכען די שיף פון טיראַן.

אהין וויל איך וואַרפען מיין זעעלע מיט פריידען,
אהין, ביז צום פינסטערען שלונד —
און זאָל זי מיט שטראָמען פון פייער בעקליידען
דעם טיעפען, דעם שווייגענדען גרונד.

זאָל נעהמען דאָרט קאָכען און שוימען, און מישען,
זאָל שטייגען צום וואָלקען דער דאַמפף —
זאָלען אויך אין דער לופט זיך די כוואַליעס צוגיסען,
זאָל שטורמיש בעגינען דער קאַמפף !

און זאָלען צושמעלצען די וואַרעמע פאַרעם
דעם שאָטען, וואָס דעקט צו דאָס ליכט ;
זאָלען ווערען צושפּאָלטען, צוריסען די כמאַרעם,
זאָל צייגען די זון איהר געזיכט...

זאָל גלענצען, בעלייכט פון די גאָלדענע שטראַהלען,
דער טהוי אויף די בלומען אין פעלד ;
זאָל טרינקען פון לעבענ׳ס פערפומיגע קוואַלען
די מענשהייט מיט פרייד אויף דער וועלט...

ערשט דאַן, אָ, נאַטור, וועל איך האַלזען און קיסען
דעם זאַמד, וועלכער רוהט אויף דיין טריט —
דערטרינקען מיין זעעלע אין דיינע געניסען
מיט רוהיגען, זיסען געמיטה...

www.libtool.com.cn

# שרייבענדיג

איך בין מיר געזעסען אליין אין מיין צימער
פערטיעפט אין געדאנקען, פער׳חלום׳ט, ווי אימער,
און האב מיט׳ן פעדער געצאצקעט די גראמען,
מיין ליעדעל זאל קלינגען הארמאניש צוזאמען.

איך האב די זשארגאנישע ווערטער געקליבען,
פיעל מאל יעדע שורה אלץ איבערגעשריבען,
פיליכט וועט דער טאקט מוזיקאלישער קלינגען,
ווייל היינטיגע צייטען... מי וויל, מי זאל זינגען...

אזוי האב איך גאנץ לאנג געזוכט און געגרגיבעלט,
די הילצערנע ווערטער געהאקט און געהובעלט,
ביז... פלוצלינג, איך הער א גערויש, א געפילדער,
א שרייען, א ליארמען, אלץ ווילדער און ווילדער.

מיר האט זיך געדוכט אין די ערשטע סעקונדען,
איך בין אין א ים אין א טיעפען פערשוואונדען,
און איבער מיין קאפ הער איך קלאפענדיג פאהרען
דעם ווינד אויף די כוואליעס מיט שטירמישען צארן.

מיר האט זיך געדוכט, אז די ערד איז צופאלען
אין טויזענדע שטיקלעך מיט שרעקליכע קנאלען,
נאר באלד, די מינוט, בין איך צו זיך געקומען —
איך האב אין טומעל א שטימע פערנומען:

www.libtool.com.cn

„וואָס זיצסטו, דו נאַר, זאָ פערטיעפט אין דיין חלום ?
דיין ליעדעל איז גאָרנישט, איז הבל הבלים,
אונז וועסטו אין לעבען ניט קענען בעגרייפען,
מעגסט טויזענדער מאָל נאָך די ווערטער פערשלייפען.

„אונז ווילסטו אין שורות און פערזען פערצאַמען,
פערשעהנען, פערפוצען, פערגלעטען מיט גראַמען !
דו נאַר ! ניין, ניט אונז וועסטו קענען בעשרייבען !
מעגסט וואַכען און יאָהרען נאָך גריבלען און קלייבען.

„דו מעגסט אויף די בערג פון געדאַנקען אומפליהען
צושפּרייט אויף דער פליגעל־פוהר דער פאַנטאַזיען,
און וועלען אונז ריכטיג, נאַטירליך בעדענקען,
וועט אלץ אונזער שטראָם פון דיין אָרט דיך פערשוויינקען.“

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער זייט איהר, אָ זאָגט, איהר געהיימע געשפּענסטער ?
ענטפלעקט אייך פאַר מיר, אין מיין הויז, נעבען פענסטער—
„מיר וועלען דעם נאָמען דיר אונזערען זאָגען :
מיר זיינען די צרות, מיר זיינען די פלאָגען !“...

www.libtool.com.cn

# צו מיין מוזע

פערלאָז מיך ניט, מוזע, אַ טייערע מיינע,
דו ליכטיגער שטערן פאַר מיר אויף דער ערד!
דו הימלישע טאָכטער, דו הייליגע, פיינע —
נאָר דו ביזט מיין וואַפען, נאָר דו ביזט מיין שווערד.

ווען נאָר דיינע פינגער, די עדעלע, צאַרטע,
וואָס זיינען ווי בליהענדע ליליען זאָ ווייס,
בעריהרען די אייז־בערג, די הויכע, די האַרטע,
וואָס פרעסען מיין הערץ — דאַן צושמעלצט גלייך דער אייז—

דאַן שמעלצט דער אייז, אויך מיין הערץ ווערט צושמאָלצען
און הויבט אָן צו שווימען אין טרערען אַ טייך;
דאַן שטייג איך אַרויף אויפ'ן פאַרנאַס דעם שטאָלצען,
און שלאָג פון מיין האַרפע די סטרונעס זאָ גלייך —

דאַן שלאָג איך די סטרונעס און טהוי־טראָפּען־טרערען
פערגים איך אויף זיי, ווען זיי ציט'רען אין קלאַנג,
אַן אָבקלאַנג, אַ זיפצענדער לאָזט זיך שטיל הערען,
וואָס שטילט אין מיין הערץ דעם טיעפסטען פערלאַנג...

אַ מוזע, דורך דיר, נאָר דורך דיר קען איך וועקען
די ליידענדע ברידער, וואָס יאָמערן שטיל...
וואָס לעבען אין עלענד, אין אייביגען שרעקען,
דורך די, וועלכע האָבען קיין מענשען־געפיהל...

www.libtool.com.cn

געליעבטע! איך קניע אויף דער ערד פאַר דיר נידער
און שמאַכטענדיג קום איך דעם זוים פון דיין קלייד;
הויב אויף דיינע בליקען, די גאָלדענע ווידער
און הער צו מיין תפלה, אָ, הער, וואָס איך רייד!

עס פלאַקערט די זאָנע און שיסט איהרע פיילען;
די ראָזע אין פעלד ווערט פערדאַרט און פערשמאַכט,
דאָך גיך לאָזט אַרונטער די נאַכט איהרע זיילען
און בויט אוים איהר טעמפעל מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט —

זי בויט איהם פול וואונדער, פון ריינע ברילליאַנטען,
בעדעקט מיט אַ העל־בלויען זיידענעם דאַך,
אין מיטען אַ קרוין־לאָמפּ בעזעצט מיט דיאַמאַנטען
און זילבערנע ליכטער ארום איהם אַ סך —

און דאַן לאָזט זי געהן אַ קריסטאַל־קלאַהרען רעגען,
וואָס קרייזעלט פון יעטווידען זייל זיך אַראָפּ,
און טרינקט אָן די ראָזע — זי נעהמט זיך בעוועגען,
און שעפּט די פערפום־לופט, און לעבט ווידער אָפּ —

דאָך, מוזע, מיין הערץ, ווי די ראָזע, פערוויאַנעט,
זי ווערט אימער שוואַכער פון שמערצען אָהן שיער;
דורך פיילען פון יעצטיגען גיהנם צוראַניעט...
דאָך, אַך! עס געפינט זיך קיין טהוי ניט פאַר איהר...

אָ, אמת, אויך איך זעה אַ נאַכט אויף מיר וואַרטען,
דאָך זי וועט ניט ברענגען קיין קוויקענדען דופט.
אָך ניין! נאָר אַ קבר, אַ קאַלטען, אַ האַרטען,
וואו טויט וועל איך ליגען, אָהן אָטהעם, אָהן לופט...

www.libtool.com.cn

אָ, זאָג מיר ניט, ליעבסטע, איך וועל דאָס דערטראָגען
און זעהן די צוקונפט׳ם בעלייכטענדען טאָג —
ניט־ווילענדיג, טהייערסטע, מוז איך פערצאָגען,
דארום הער מיך, אָ, הער וואָס איך בעט, וואָס איך זאָג:

בעגלייט מיך, בעגלייט ביז די לעצטע מינוטען
און העלף מיר דערצעהלען מיין שמערץ דורך געוויין.
און דאַן ווען מיין הערץ וועט אין גאַנצען פערבלוטען,
דאַן, ליעבסטע, ניט לאָז מיך, ניט לאָז מיך אליין.

דער טויט, ווען ער וועט מיט זיין אָרעם צודריקען
די גאָלדענע זאַנגען פון יוגענד און לוסט,
דאַן ווענד איך צו דיר מיינע פלאַמענדע בליקען
און דריק צו מיין קאָפּ צו דיין הימלישער ברוסט.

איך וויל אין דיין אָטהעם זאָל לאַנגזאַם צורינען,
ווי נעבעל, מיין טריבער, געפייניגטער גייסט;
דאַן ביז איך וועל פאַלען, בעלייכט מיר מיין זינען,
צו וועקען די ברידער, וואָס זיינען פערגרייזט!...

www.libtool.com.cn

# דעם דיכטער׳ס ווירקען און געבורט

דורך מיר געהט אויף די ליכט פון פריהען מאָרגען,
די ערשטע שטימען דער נאַטור ריידען דורך מיר,
מיט מאכט ענטדעק איך, וואָס זי האַלט פערבאָרגען,
מיט שטורם און מיט אור־געוואַלד ציה איך דורך איהר.

איך עפען אויף די שעפפונג׳ס ברייטע טהירען,
און פיהר דעם מענשען אין איהר הערץ אריין;
דורך איהרע סודות שטרעב איך איהם צו פיהרען,
ער זאָל איהר מייסטער און בעפעהלער זיין.

איך שאַף און לעב אין איהרע טיעפסטע טיעפען,
איך דענק און פיהל אין איהר; איך האָף און טרוים;
איהר עוויגעס לעבען ווערט פון מיר בעגריפען,
זי איז מיין שוץ, מיין ענדציעל און מיין היים.

איך וועק דעם שטורם אין די טיעפע ימים,
איך שוועב אום מיט די וואָלקען מיט שטורם און רויש;
איך ברענג דעם פריהלינג׳ס אייביגע בשמים,
דורך זאַנפטע ווינטעלעך זינג איך מיר אוים.

ביז אין דעם פיינסטען שטויב פיהל איך די בלומען,
דעם רעגען פיהל איך עה׳ ער הויבט אָן געהן,
איך פיהל די שטורם־ווינדען איידער נאָך זיי קומען,
אלעס בעגרייף איך, וואָס איז ליעב און שעהן.

www.libtool.com.cn

עס האָט מיך די נאַטור מיט לוסט געבאָרען,
איהר ברוסט האָט מיך געזויגען און גענעהרט;
און טריי און הייליג דורך דעם לויף פון יאָהרען,
האָב איך איהר שטימע אין מיין ברוסט געהערט.

די שטימען דער נאַכט האָבען ליעבליך געקלונגען,
די אייביגע שטערן האָבען אויף מיר געבליקט,
דער ווינד האָט מיר אַ וויגען־ליעד געזונגען,
דער ברייטער ים האָט מיך אין שלאָף פערוויגט.

www.libtool.com.cn

# דער דיכטער אלס גאַסט

מונטער איז דער ווירטה געזעסען,
  ביי דעם וויים־געדועקטען טיש,
האָט זיין טאָגעס־זאָרג פערגעסען
  לוסטיג פיהלענדיג און פריש.

האָט געטרוימט פון פרישע בלומען,
  פון געזאַנג און פון מוזיק;
האָט זיין קינד אַרומגענומען
  מיט זיין טרייען פאָטער־בליק.

האָט געטרוימט פון פרישע בלומען,
  פון דער ליעבע׳ס רוהע צייט,
פון די דופטענדע פערפומען,
  און דאָס גליק פון שטילע לייט.

האָט געבייגקט נאָך לוסט און לעבען,
  נאָך דעם דיכטער און זיין ליעד;
צו דער רוהע הינגעגעבען,
  פון דעם לעבענ׳ס ליידען מיעד.

און ווי ווארעם אָנגעצויגען
  פון זיין הערצענ׳ס־זאָנענשיין;
מיט די שעהנע בלויע אויגען
  איז דער דיכטער דאַן אריין.

www.libtool.com.cn

האַט מיט פריידע איהם געגריסט דאַן
מיט זיין זיסען זילבער־לאַך ;
און די שטונדע איהם פערזיסט דאַן
מיט זיין ליעבע הונדערט־פאַך.

האַט געשפּיעלט און דאַן געזונגען,
האַט געשטיפט און האַט געלאַכט ;
ליעבליך האַט זיין ליעד געקלונגען
אין דער וואַר'מער זומער־נאַכט.

וועלען זיינען זוייט געפלאָסען
צווישען וועלדלעך פריש און גרין ;
טרעלען האָבען זיך געגאָסען,
זילבער־טרעלען זים דאַרין.

פריי איז דאַן די לופט געוואָרען,
די געמיטהער זאַנפט און ריין ;
קלאַר, ווי אין די קינדער־יאָהרען,
ווערט דער גייסט נאַך זים געווין.

www.libtool.com.cn

# צום ווינד

צוטראָג, אַ ווינד, אויף דיינע פליגעל
די הייסע ווערטער פון מיין פען,
וואָס זיינען שוואַרץ, ווי זשאַר פון אויבען,
דאָך אונטען קען מען פייער זעהן...

און וואו דו הערסט אַ הערץ נאָר שלאָגען
אויב שלעכט, פערדאָרבען אָדער פיין —
זאָ ברענג אַהין די פלאַמען־ווערטער
און בלאָז זיי טיעף אין הערץ אַריין.

און אויב דאָס בלוט איז דאָרט פערפראָרען,
זאָ וועק עס, ווי דו וועקסט דעם ים ;
און מאַך עס זידען, מאַך עס קאָכען,
און וועק דאָרט אויף דעם פרייהייטס פלאַם !..

www.libtool.com.cn

# דיכטונגס-לוסט

1.

ווי דער דיאמאנטען־שלייפער זיץ איך,
און איך פוץ די ליעדער מיינע,
מוטה און זין, און קראפט בעזיץ איך,
זיי צו שאפען די ליעדער מיינע.

אלעס, וואס מיר יעצט בעזיצען,
האט דעם מענשענ'ס מיה געשאפען;
ווער עס וויל זיין קראפט בענוצען
קען פאר זיך א וועלט בעשאפען.

נור געארבייט, ניט געצענגערט,
ניט געפוילט זיך, ניט געוויינערט,
אימער פארווערטס נור געגאנגען,
מענש, ערפיעלסט דאן דיין פערלאנגען!...

2.

אין דעם ענגען קרייז דער ברידער,
דיכט איך לוסטיג מיינע ליעדער,
ווילינ זעץ איך מיך אנידער,
און די דיכטונגס־לוסט קומט ווידער.

אין דעם ענגען קרייז דער ברידער,
דיכט איך לוסטיג מיינע ליעדער,

www.libtool.com.cn

און דעם שטראָם פון די געפיהלען,
זוך איך מיט מיין פען צו שטילען.

.3

לוסט און לעבען זיי צו געבען,
דאָס איז יעצט מיין איינציג שטרעבען;
מיט מיין גייסט זיי יעצט צו נעהרען,
דאָס איז גענצליך מיין בעגעהרען. —

.4

ליעב איז מיר אינ'ם קרייז פון פריינדע,
וואו די ליעבע וואַרעם שיינט;
פרעהליך איז מיר אין דער וועלט,
ווען דער שטראָם דער דיכטונג קוועלט. —

.5

ליכטיג איז עס אין מיין צימער,
ליכטיג־העל מיין לאָמפּע ברענט,
און דאָס ליכט פון די געדאַנקען
שיינט צו לייכטען אויף דער וועלט.

זים און טרויליך איז די שטונדע,
זים איז מיר די אבענד־צייט,
ווי אַ פרעהליכע בשורה
קלינגט מיר עטוואָס פון דער ווייט. —

www.libtool.com.cn

# דער בלומען-אינזעל

איך האָב אין מיין יוגענד געטרוימט פון אַן אינזעל —
אַן אינזעל, אַ גרינעס, בעוואַקסען מיט בלומען,
געצייכענט פון נאַטור'ס צויבער־פינזעל
מיט גלענצענדע פארבען, געמישט מיט פאַרפיומען.

דער קינדערשער טרוים האָט אין פינסטער'ן דרעמעל,
געצויגען מיין הערץ, ווי מיט גאָלדענע צוואַנגען,
און צווישען די פורפורנע וואָלקענס אין הימעל
בין איך שטאַרק בעגייסטערט איהם זוכען געגאַנגען...

ס'זיינען זייט דאַן פיעלע יאָהרען פערשוואונדען,
איך וויל יעצט מיין קינדערשען שכל פערפלוכען.
אומזיסט, אַך אומזיסט, האָב איך צייט דאַן פערנומען —
דעם אינזעל, דאָרט אויבען, אין אַ הימעל צו זוכען —

אָט דאָ אויף דער ערד, וואו עס האָט מיך געבאָרען
מיין מוטער, אלס שקלאַפען, פון הענקער צו ליידען —
אָט דאָ איז דער אינזעל פון אייביגע יאָהרען,
מען דאַרף נאָר די הערנער, די דערנער אויסשניידען!

www.libtool.com.cn

# פריהלינגס-לוסט

רוישט אויף איהר שטראָמען פון מיין יונגער זעעלע
און גריסט די וועלט, די נייערע, די העלע,
מיט כרובים־קלענגע זאָל מיין הארפע זינגען,
ווי טויזענד פידלען זאָל מיין לוסט־ליעד קלינגען.
פון אלע פעלדער שפּראָצט אַ נייעם לעבען,
עס שוועבט אַ טיעפער פרייד פון אלע זייטען,
און רופט מיט צויבער־טענער פון דער ווייטען.

ווי בשמים פון דעם הר הזיתים שמעקט עס,
ווי מיט אַ לופט־געוועבטען שלייער דעקט עס
די בערגע צו, און רעגט זיך זאַנפט און פרייער,
אַ נייע האָפנונג אין אַ וועלט אַ נייער.

ווי שעהן דו ביזט, אַ וועלט פון טויזענד גליקען,
ווי שעהן דו ביזט, אַ ערד, אין דיין ענטציקען!
ווי פרעכטיג ביזטו, לעבען, אין דיין גרויסקייט,
ווי מעכטיג — אין דיין טומעל, אין דיין הייסקייט!

ווי הויבט דער גייסט זיך אויף אויף אָדלער פליגעל,
ווי לייכט ער אין דעם הימעל׳ס קלאָרען שפּיגעל!
ווי יובעלירט די זעעלע אין איהר פרייהייט,
ווי שוועבט זי הין אין אונפערוועלקטער טרייהייט!

www.libtool.com.cn

# פריהלינגס־געוויטער

פעלקער, אין שמערץ צייט פיעלע יאָהר געבונדען,
דענקט פון ערלייזונג און פון פרייערע שטונדען.
ברעכט איין די מויערען פון דער אונבעזיגונג,
און קעמפפט מיט מענער־מוטה פאַר איי׳ר ענטרינונג!
רייסט זיך ווי שטראָמען פון די בערג די ענגע,
און נעהמט די וועלט מיט קאַמפף און שטורם־געזענגע.
טויטעט דאָס פאַלשע, און פערניכטעט דאָס שלעכטע,
בעפרייט דאָס עדעלע, דאָס ריין־גערעכטע.
זייט ווי די לייבען אין דער מדבר מעכטיג,
און אין שטיקער רייסט וואָס איז נידערטרעכטיג!
זייט ווי די וועלדער שטאַרק אין נייעם בליהען,
און ווי די זון זאָל אייער לעבען גליהען.
בעפרייט די אָרעמע, שטיצט די בעטריבטע,
לערנט די פערבלענדעטע, די יאָך־בעטויבטע,
ווערט דורך די ליידען איי׳רע שטאַרקער, קליגער,
און שטעהט אין לעבען ווי בעקרענצטע זיעגער!
א וועלט זאָל אויפשטעהן פון דער וועלט׳ס רואינען,
קיין מענשען־טרער זאָל מעהר אומזיסט ניט רינען.
קיין אָרעמאַן זאָל אויף דער ערד ניט קלאָגען,
קיין מענש זיין ברודער־מענש צו טויט ניט שלאָגען...
גערעכטיגקייט זאָל אייער גליק בעקרוינען,
פרייהייט — די וועלט און אייער זיין, בעשעהנען.

www.libtool.com.cn

# הערבסט בלומען

1

מיין קעמפפער, מיין קעמפפער,
וואס זיצסטו זא שטום ?
דו זעהסט ווי מען ווארפט דיר
א בלום נאך א בלום ?...

דאס פאלק איז נאך נאריש,
פערקריפעלט און קראנק,
דאך ווייס עס צו געבען
זיין קעמפפער א דאנק...

דו גלויבסט ניט ? א, זעה נאר !
א בלימעלע פאלט ! —
א בלומע, א הארטע,
וואס קלאפט און וואס קנאלט !...

עס איז איצטער הערבסט־צייט,
פערשטעהסט דאך אליין :
די בלומע פערפלאנצט מען,
עס בליהט אויף א... שטיין...

www.libtool.com.cn

## 2

„קיין נייעם פּאַסירט ניט
דאָ, אונטער דער זון“ —
אויך דו מוזט, מיין קעמפּפער,
דאך וויסען דערפון. —

בעטראַכט דיזע שטיינער,
בעטראַכט זיי און זעה:
דאָס זיינען די פונקען
פון׳ם „אויטאָ־דאַ־פע“ ...

## 3

עס פלאַקערט אין דאָרן
די „גבורה“ פון גאָט
און לאָזט איהם נאָך וואַקסען —
צום אייגענעם שפּאָט!...

עס צאָרנט אין רייכען
דאָס „געטער־געפיהל“,
און איהם לאָזט עס לעבען —
אַ, טייפלישעם שפּיעל!...

## 4

די „זעקעלעך“, די „קנעפּעלעך“,
די „צעטעלעך“, די „פערד“,
זיי זיינען צוזאַמען
געוואָרען אַ שווערד;

www.libtool.com.cn

זיי געהען אין איינעם
אויף „קדוש השם“
בעקעמפפען די זינדער,
וואָס שרייען: „ניט נעהם!“...

„ניט נעהם אָב פון שקלאַפּען
זיין קאַרגען פערשטאַנד,
זיין מיה און זיין ווערקצייג,
זיין הויז און זיין לאַנד!“

„ניט נעהם אָב זיין ווילען,
דעם ש א פ ע ר פון רעכט,
זיין מוטה און זיין צאָרן,
זאָנסט בלייבט ער אַ קנעכט!“

* * *

די חברה ערהויבט זיך,
ערקלערט אונז אַ שטרייט. —
נאָר פאָרווערטס, נאָר פאָרווערטס,
עס קומט נאָך די צייט...

www.libtool.com.cn

# דער פראָסט

עס קאָכט און עס מישט, און עס זידט און עס שטורעמט,
עס צאָרענט דער ים — ס׳איז אַ שרעק, אַ סכנה!
אַט זעהט מען די כוואַליעס, ווי פעלזען געטהורעמט,
אַלס וואָלטען זיי וועלען פערשלינגען די לבנה,
נאָר זי, די לבנה, זי ציטערט, זי שרעקט זיך
און וויל אויפ׳ן הימעל איהר פּאַקעל ניט טראָגען,
זי פלאַטערט, בעהאַלט זיך, פערהילט זיך, פערשטעקט זיך
גאַנץ טיעף אין די פינסטערע וואָלקען, וואָס יאָגען.

מען זעהט ניט קיין פויגעל, מען זעהט ניט קיין שיפען,
נאָר וואַסער־בערג הויכע צום לינקען און רעכטען,
וואָס ראַנגלען זיך, קעמפּפען, וואָס זיינען בעגריפען
ווי העלדען אין שלאַכטפעלד, צו קריגען, צו פעכטען.
עס הערט זיך אין מיטען דעם רויש, דעם געפּילדער,
די שטימע פון ווינד מיט זיין וואויען און פייפען,
אַט גראָבט ער זיך איין אין די כוואַליעס — און ווילדער
בעגינען די קעמפּפער דעם קאַמפּף אָנצוגרייפען.

נאָר דאָרטען גאַנץ ווייט אויף אַ פינסטערען אינזעל
ביין ברעג פונ׳ם ים, דאָרטען זעהט מען שטיל קריכען
דעם פראָסט, ווי אַ בער, מיט זיין טייפלישער פּינזעל
בעמאָהלט ער די ערד מיט פערשיעדענע שטריכען.
ער קריכט זיך אַלץ ווייטער און שטעלט אוים די אויגען
אַזוי ווי אַ בייזער, אַ צאָרניגער טיגער —

www.libtool.com.cn

אַט האָלט ער זיין פינזעל צום וואַסער געבויגען
און ברומט אין דער שטיל: „יאַ, איך מוז זיין דער זיעגער,

„איך וועל זיין דער זיעגער! — איך הויב אָן צו פיהרען
מיט כשוף, מיט צויבער מיין האַנד אויף די וועלען
און באַלד, די מינוט, מוז דער וואַסער פערפרוירען,
דער שטורמישער ים מוז זיך רוהיג יעצט שטעלען."
און גלייך ווי עס ענדיגט דער פראָסט זיך בעקלעהרען,
זאָ ווערט ער אַלץ שניידענדער, גרויזאַמער, האַרטער;
ער הויבט אָן זיין האַנד אויפ'ן וואַסער צו קעהרען
און מורמעלט זיין כשוף מיט־פאָלגענדע ווערטער:

„זיי בעשוואָרען ביי דעם ערד־באַל,
ביי די בערג קליין און גרוים,
ביי די טייכען, בלומען, גראָזען,
וועלכע רוהען אין מיין שוים!

„ביי די טויטע זיי בעשוואָרען,
וועלכע שלאָפען אין דער ערד,
ביי די ב ע ט ל ע ר, וואָס געשטאָרבען
זיינען דורך מיין שאַרפען שווערד!...

„ביי די קינדער זיי בעשוואָרען,
וועלכע קוועלען זיך אין קעלט,
ביי די בייבים פון די שקלאַפען,
וואָס איך טרייב זיי פון דער וועלט!

„זיי בעשוואָרען ביי די גליעדער,
ביי די פים און ביי די הענד,

www.libtool.com.cn

וואָס איך האָב פון זיי דעם לעבען
דורך מיין צאָרען אָבגעטרעננט !...

„זיי ביי יעדער זאַך בעשוואָרען,
וועלכע האָט אין זיך אַ זאַפט,
ביי די ווייכע, פייכטע, נאַסע,
וואָס פערפרירט נאָר דורך מיין קראַפט !

„זיי בעשוואָרען, ים, דו ווילדער,
פאַר מיין כשוף האָב רעספעקט !
רויש ניט, זיד ניט, קאָך ניט מעהרער —
ווער מיט אייז זאַגלייך בעדעקט !...“

— — — — — — — — — — — — — — —

עס קאָכט און עס זידט, און עס מישט און עס שטורעמט,
עס צאָרענט דער ים — ס'איז אַ שרעק, אַ סכנה !
און צווישען די כוואַליעס וואָס שטעהען געטהורעמט
דערהערט זיך אַ שטים, ווי אַ שטאַרקע קאַנאָנע :
„איך לאַך פון דיר, פראָסט, מיט דיין כשוף און נאָמען ;
איך בין ניט געגליכען צו לוזשעס און טייכען,
וואָס האָבען געקענט זיין זאַ מעכטיג צוזאַמען,
אַז דו וואָלסט פון זיי, ווי פון מיר, מוזען ווייכען !...

„בעטראַכט נור, דו נאַר, אין דער לענג און אין דער ברייט מיך,
ווער קען מיר בעדעקען, פערשיטען, פערשטאָפען !
און דאָך קען מען זעהן — נאַר דער, וואָס פערשטעהט מיך,
אַז איך בין צוזאַמענגעגאָסען פון טראָפען...
מיך ווילסטו בעשווערען ביי טויטע, ביי קינדער,
וואָס דו האָסט געשיקט אינ'ם קבר, אין קאַלטען !
די מענשען, דו נאַר, זיינען מעכטיג ניט מינדער, —
ווען זיי זאָלען, אַ, נור צוזאַמען זיך האַלטען !....

www.libtool.com.cn

„זיי לײַדען אָהן שיעור פון אַן אייביגען ווינטער,
אַן ערגערער פיעל נאָך, ווי דו און דײַן צאָרען.
„מאַמאָן" איז זיין נאָמען, ער קוועלט זיי, ברענגט אונטער!
דורך איהם, ניט דורך דיר, ווערען מענשען פערפראָרען,
זיי פאַלען אין גאַס, ווי די מוקען, די פליגען,
זיי ווערען צו מערדער, צו רויבער פערדאָרבען,
פער'משפט צו גאַלגאַן, אין קערקער צו ליגען —
זיי זיינען נאָך נאַריש און פאַלען אלם קרבן"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס הויערט דער פראָסט נעבען ים ביי די ברעגעם,
און קוקט צו מיט צאָרען דעם טאַנץ פון די כוואַליעם...
אַ מענשען! קענט איהר ניט פערטרייבען די נגע'ם,
אַזוי ווי דער ים, זיך בעפרייען פון אַלעם?!...



www.libtool.com.cn

# מיין לעצטער וואונש

אָ, פאָלק! איך וואָלט וועלען דערלעבען די שטונדען,
ווען דו וועסט בעזיעגען דיין בלוטיגען פיינד;
ווען דו וועסט ניט זיין אין קייטען געבונדען,
נור גענצליך פון פרייהייט בעקרענצט און בעשיינט!

און דאַן, ווען דו וועסט זיך פערזאַמלען אין פריידען
צו פייערען פרעכטיג דיין מענשליכען זיעג,
וואָס דו האָסט עררונגען דורך צרות, דורך ליידען,
דורך שווערע, דורך ביטערע, שרעקליכע קריעג —

אָ, דאַן, ווען אויף גרינע, אויף בלומיגע פעלדער
וועט שאַלען דיין פרעהליכער זיעגעס געזאַנג,
און ווייט פון די טיעפע, די דונקעלע וועלדער
וועט אָבקלינגען הימליש פון דאָרטען דער קלאַנג —

ווען ס'וועלען פון פרייד זיין בעשטראַהלט די געזיכטער,
אַזוי ווי דער מזרח פון זאָניגען גלאַנץ,
די אויגען זאָ גלענצען, ווי הימלישע ליכטער,
פון מענער און פרויען אין לוסטיגען טאַנץ —

אָ, דאַן וואָלט איך וועלען, אָ פאָלק! איין סעקונדע
בעטראַכטען די סצענע, כאָטש געבען אָ בליק.
עס וואָלט זיך פערהיילען די בלוטיגע וואונדע,
וואָס ברענט אין מיין הערצען זייט יאָהרען צוריק...

www.libtool.com.cn

און דאַן וואָלט איך זינגען אַ ליעד צום געזעגענען,
ביז וואַנען מיין הערץ וואָלט פאַר שמחה צוגעהן...
און נאָכדעם דעם טויט מיט פערגניגען בעגעג׳נען,
עס זאָל מיך בעווײנען די פרייהייט אליין!...

# צום שקלאַף

ווען כ׳זעה דיינע הערשער, וואָס טרינקען דיין בלוט —
דיין בלוט, וואָס ביי מיר איז זאָ טהייער,
דאַן צינדט זיך אין הערצען ביי מיר אַן אַ גלוט,
עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט אַ פייער...

אַ ווילדער פייער פון צאָרן און האַס,
מיין יעטווידער נערוו שרייט נאָך ראַכע;
איך וויל דאַן צוריבען, צומאַלען אויף אַש
די אַלע, וואָס דריקען די שוואַכע...

נור שקלאַף, ווען איך זעה, אַז דו גיסט זיך קיין ריהר
און ווילסט זיך גאָר בעסער ניט מאַכען —
אַ, דאַן ווערט דאָס הערץ שיער צושפּרונגען אין מיר,
איך הויב אָן פאַר וועהטאָג צו לאַכען...

www.libtool.com.cn

# אונרוה

א שטיקעלע שטויב אין גרויסען, ברייטען וועלט־רוים,
דאָך שטאָלצער פון א גאָט דורך זעלבסט־בעוואוסטזיין,
האָב איך, א טרוימער, געוואַנדעלט דורך דאָס לעבען,
פערלייק'נענדיג דעם הימעל און די געטער,
די בלוט־פערלאַנגענדע, די מענשען־פרעסענדע,
קיין מאָל געוועזענע און בייזע געטער. —
אָ, ליעבער אין א מדבר וואָלט איך וואַנדלען,
אין מענשען־לעערע, לעבענס־לעערע סטעפּעס,
וואו ס'וואַקסט קיין גראָז, קיין בלומע און קיין בוים ניט,
וואו ס'פליסט קיין וואַסער און עס ווייעט קיין ווינטעל;
וואו אונערטרעגליך ברענט די זון און פלאַקערט
נאָך הייסער, ווי דער פייער־פלאַם פון גיהנם,
און איהרע שטראַהלען ברענען אויף די שטיינער,
דיווילדע, קאַלע, אונבעגראָזטע שטיינער,
און מאַכען גלוטיג־הייס די הייסע זאמד־וועג,
וואו טיעף פערזינקט דער פוס פון וואַנדערער; —
ווי — ליעבער אין א מדבר וואָלט איך וואַנדלען,
אין איינזאַמקייט, אָהן לאַבונג, אָהן ערפרישונג,
אין האַנד דעם וואַנדער־שטאַב, אָהן ברויט, אָהן וואַסער, —
נאָך רוהע שמאַכטענדיג און לעבען זוכענדיג,
נאָך מענשען בענקענדיג און איינזאַם שטאַרבענדיג;
און אַלע שמערצען וואָלט איך שטיל פערטראַגען
און שטיל און רוהיג וואָלט איך אויסגעגאַנגען,
א וויסטע זעהענדיג און קיין גן־עדן! —

www.libtool.com.cn

יאַ, ליעבער אין אַ מדבר וואָלט איך שטאַרבען,
אַלס וואַנדלען אין אַ וועלט פון פּראַכט און שעהנקייט,
אומרוישט פון׳ם הייסען, טויזענדפאַכען לעבען,
אומרוישט פון גליק, פון פריידע און ענטציקען,
די זיסקייט פיהלענדיג פון קורצען דאַזיין,
און פיהלענדיג די הייסעסטע פערלאַנגען
און דאָך פערברענט, פערצעהרט זיין און פערשמאַכטעט,
און אומגעהן הונגעריג אין קאָרן־פעלדער
און דורשטיג ביי די מאַרמאָרנע פאָנטאַנען,
פאַר י ע נ ע ם שאַפענדיג אַ גליקליך לעבען,
און זעלבסט, ניט שרייענדיג, צום טויט פערוועלקען,
אַ ג ן ע ד ן זעהענדיג און ניט קיין ו ו י ס ט ע —
אָ, ליעבער אין אַ מדבר וואָלט איך וואַנדלען! —



www.libtool.com.cn

# צום אַרבייטער

אַ, צאָרן ניט, ברודער, אויף מיר פאַר מיין ליעדעל,
וואָס ריהרט אָן זאַ טרוי׳ריג דיין שמאַכטענדע הערץ!
איך קען זיך ניט העלפען — עס כליפּעט מיין פידעל,
זי יאָמערט, זי וויינט אויף דיין צו־גרויסען שמערץ...

איך פיהל עס, אַ ברודערעל, גלויב מיר, ביין זינגען,
אַז דו וועסט עס הערען מיט ביטערען וועה —
אָבער, וואָס האָב איך שולד, ווען איך הער אימער קלינגען
דיין אייגענעם שרעקליכען ליידענס־געשריי?...

איך וואָלט זעהר וועלען דיר זינגען פון פריידען,
די סטרונעם בעריהרען אין שטונדען פון לוסט, —
דען דאָס איז דאָס בעטען, דאָס וויינען, דאָס רעדען
זייט לאַנג פון מיין הערץ, וועלכע זיפצט אין מיין ברוסט.

דאָך, ברודער, זאָלאַנג דו וועסט טראַגען געדולדיג
די שענדליכע קייט, דעם טיראַנישען יאָך,
זאָלאַנג וועל איך וועקען, אַ, מאַך מיך ניט שולדיג! —
און טהוסטו עס יא, אַ דאַן... זינג איך דיר דאָך...

www.libtool.com.cn

# צו די ברידער

קומט, ברידער, געטרייע! אהין לאָמיר שטרעבען, —
אהין, וואו די זילבערנע קוואלען פון לעבען
צוגיסען זיך ברייט פונ'ם פעלזען ארונטער
און פלוידערן, פלאפלען, און רופען אונז מונטער:
„קומט, אירדישע קינדער!
קומט גיכער, געשווינדער
און לעשט אָב פון הערצען דעם ברענענדען פלאם!
פערלירט קיין סעקונדע,
דען קורץ איז די שטונדע;
מיר פליסען אוועק באלד אינ'ם נאכט־שווארצען ים!..."

קומט, ברידער, אהין אין געשלאָסענע רייהען, —
דאָרט וועט נאָך א בלום אונזער הערצען ערפרעהען,
בענעצט מיט דעם לעבענ'ס פערפומיגע טראָפּענס;
דאָרט זינגט זי איהר ליעדעל ביים פעלזען צוקאָפּענס:
„איך בין פון די בלומען
פון לעבען גענומען,
אהן מיר איז ער ביטער, נאָך ביטערער ווי גאל; —
איך בין עס די פרייהייט,
איך דיען אייך מיט טרייהייט, —
קומט, פליקט מיך — איך גלענץ, ווי א הימלישער שטראהל!"

www.libtool.com.cn

# פרייהייט

נאָך בענקט די וועלט נאָך פרייהייט'ס זיסען פריעדען,
נאָך לעבט די צוקונפט אין דעם שקלאַפען'ס ברוסט ;
דער וועלטען־אורטייל איז פאַר א י ה ר ענטשיעדען,
עס שטרעבט דער מענש צו איהר אין לעבענס־לוסט !—

נאָך האָט דער אַרבייטער זיין זעלבסט־בעוואוסטזיין,
נאָך איז דער מענשענ־פונק אין איהם ניט טויט, —
ענטציקט פון פרייהייט וועט אַמאָל זיין ברוסט זיין,
און זיינע טעג וועל'ן זיין פריי פון נויט.

אַ ליכט וועט אויפגעהן אין די קומענדע צייטען,
דער מענש וועט שטעהן אין קראַפט ווי ניי בעלעבט,—
די שלעכטע דורות וועל'ן זיך לאַנגזאַם בייטען,
די וועלט וועט האָבען דאָס, צו וואָס זי שטרעבט...

www.libtool.com.cn

# רעוואָלוציאָן

איך קום ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס
הויבט אָן צו טאָגען ;
איך קום ווי אַ בייזער געוויטער פון בליץ און פון
דונער געטראָגען ;
איך קום ווי אַ גלוטיגע לאַוואַ פון וואָלקען־בעדעקטע
וואולקאַנען ;
איך קום ווי דער שטורעם פון צפון, וואָס וועקט און
ערשרעקט אָקעאַנען.

איך קום, ווייל עס האָבען טיראַנען פערוואַנדעלט די
פעלקער אין טראָהנען ;
איך קום, ווייל מען פיטערט דעם פריעדען מיט פולווער
און בליי און קאַנאָנען ;
איך קום, ווייל די וועלט איז צוטהיילט און דער בונד
פון דער מענשהייט צוריסען ;
איך קום, ווייל מען וויל פאַר דעם צייט־גייסט דעם
ענדלאָזען וועלט־רוים פערשליסען.—

איך קום, ווייל איך בין אין דער מדבר פון הערשאַפט
געבאָרען געוואָרען ;
איך קום, ווייל עס האָבען די הערשער געוועקט און
ערצויגען מיין צאָרן ;
איך קום, ווייל די מענשליכע ברוסט קען די זריעה פון
לעבען ניט טויטען ;

www.libtool.com.cn

איך קום, ווייל מען קען ניט די פרייהייט אויף אייביג
פערשמיעדען אין קייטען. —

איך האָב די געקנעכטעטע פעלקער געפיהרט אין די
פריהערע צייטען
און האָב זיי געהאָלפען די שענדליכע קנעכטשאַפט
אויף פרייהייט פערבייטען,
איך בין מיט דעם פאָרטשריט געגאַנגען, די וועלט
איהם געהאָלפען בענייען,
און געהן וועל איך היינט מיט די פעלקער, און וועל זיי
אין גאַנצען בעפרייען.

און אייך, איהר געהייליגטע געלד־זעק, געזאַלבטע,
געקרוינטע באַנדיטען,
איך וועל אייך פערניכטען מיט אייערע פאַלשע
געזעצע און זיטען,
און אייערע הערצער, וואָס שמאַכטען נאָך מענשען־
בלוט, וועל איך דערשטעכען,
און אייערע קרוינען און סצעפטער, די גאָלדענע,
וועל איך צוברעכען!

איך וועל אייער פאַרביגען פורפור, ווי שמאַטעס אין
שטיקלעך צופליקען,
צו וועלכע דאָס פאָלק האָט געיובעלט אין נאַרישער
פרייד און ענטציקען, —
פערליערען וועט אייער פערפראָרענע וועלט איהר
בלענד־שיין דעם שטאָלצען,
אַזוי ווי דער שנעע, וועלכער פאַלט פון די אייז־בערג,
פון זונ־שיין צושמאָלצען!

www.libtool.com.cn

פערניכטען וועל איך אייער שפּינוועב־מאַראַל און
די אוראַלטע ליגען,
און אייערע פּפאַפּען, די פינסטערע, וועל איך
דערשטיקען ווי פליגען,
און אייערע הימלען, און אייערע שדים, און אייערע
געטער,
איך וועל זיי צושטערען, און ריין וועל איך מאַכען די
ערד און דעם עטהער! —

און מעגט איהר מיך ווערגען, און שיסען און הענגען —
אומזאָנסט אייער מיהע!
מיך שרעקט ניט קיין קערקער, מיך שרעקט קיין שאַפּאַט
ניט, מיך שרעקט ניט קיין תליה!
ארויסוואַקסען וועל איך פון דר'ערד און איך וועל זי
מיט וואַפען בעדעקען,
ביז איהר וועט אויף אייביג פערזינקען, ביז אייך וועט
דער קבר פערמעקען! —

www.libtool.com.cn

# אַמאָר און די פרייהייט

עס נייגט זיך די זון צו פערזינקען
אין ים, אין דעם שפּיגעלדיג גלאַטען,
אויף וועלכען די נעכטליכע שאַטען
פערשפּרייטען זיך לאַנגזאַם און ווינקען...

און גאָלדענע וואָלקען־פיגורען
מאָהלט אויס נאָך די זינקענדע זאָנע,
און טרעט אָב איהר טראָהן דער לבנה,
וואָס צייגט פון דער ווייט איהרע שפּורען.

און וואָלקען, ווי מאַרמאָרנע זיילען,
ווי טעמפּעל צושטערטע פון זיעגער,
בעפאַרבטע מיט בלוט פון די קריעגער —
בעדעקען דעם הימעל אין צייולען...

ווי שטיל איז אויפ'ן ים, אויפ'ן ווייטען !...
נאָר דאָרט ביי די דונקעלע סקאַלעס,
דאָרט מורמלען די שלאָפענדע כוואַליעס,
לעגענדען פון אוראַלטע צייטען.

* * *

דאָך זעהט ! דורך דער לופט שוועבט אַ רייטער,
אַ קינד מיט געשלאָסענע אויגען,

www.libtool.com.cn

אַ יונגלינג מיט פייל און מיט בויגען —
ער יאָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.

ער יאָגט זיך אַלץ נעהנטער צום לאַנד צו
און פּאַכט מיט די פליגעל, די קליינע,
די שנעע־ווייסע פליגעל, די שעהנע,
זיי ברענגען געשווינד איהם צום סטראַנד־צו.

„יעצט פליהט, מיינע פיילען — זאָ רעדט ער —
פליהט הין אויף דער ערד צו די מענשען,
וואָס וועלען אי פלוכען, אי בענשען
די פרוכט, וואָס איהר ברענגט זיי אויף שפּעטער.

„דער זומער־טאָג איז שוין פערשוואונדען,
די זאָנע, די הייסע פערגאַנגען,
און יעדעם הערץ פיהלט אַ פערלאַנגען —
אין לוסט צו פערברענגען די שטונדען.

„מיט בשמים פול זיינען די לופטען,
וואָס ווירצען די נעכט פונ׳ם זומער;
די וועלט וויל פערגעסען איהר קומער,
ווען בלומען און בליהונגען דופטען.

„עס פיהלט יעדער מענש זיך געטריבען
פון קרעפטען זייט אייביגע יאָהרען,
זיין הערץ מיט אַ צווייטע צו פּאָרען —
און לעבען, געניסען און ליעבען...

„דרום פליהט, מיינע פיילען דער ליעבע,
אויף אייביג ניט וויעדער צו קעהרען —“

www.libtool.com.cn

דאָך האַלט ! — פון דער ערד לאָזט זיך הערען
אַ שטימע, אַ טרויעריג־טריבע —

דאָס בלאָנדזשעט אַ יונגפרוי ביים וואַסער,
געשלאָסען אין אייזערנע קייטען:
זי הויבט אויף איהר שטימע צו בעטען
און ווערט אימער בלאַסער און בלאַסער:

„האַלט אָב, אָ, אמאָר, איין סעקונד
די פיילען! ניט אייל זיי צו וואַרפען!
מען דאַרף שוין ניט מעהרער פערשאַרפען
דעם שמערץ פון מיין בלוטיגער וואונד...

„די פרייהייט בין איך, די געפּלאָגטע,
די אייביג פערהאַסטע פון הענקער,
די אייביג געזוכטע פון דענקער,
און יעצט נאָך, ווי אימער, געיאָגטע —

„דאָך האָב איך מיין מוטה ניט פערלאָרען;
נאָך לעבען די פריינדע דער פרייהייט,
וואָס קעמפּפען ענטשלאָסען מיט טרייהייט,
מיט אייביג גערעכטיגען צאָרן.

„און זיי, אָ, אמאָר, די וואָס ווילען,
די פרייהייט זאָל ליעבע בעקרוינען,
זיי זאָלסטו, איך בעט דיך, פערשוינען,
פערהיטען פון ליעבעס־געפיהלען —

„נאָך ווילען די פרויען ניט וויסען
די מענער אין קאַמפּף צו בעגלייטען,

www.libtool.com.cn

און שווער איז די ליעבע צו טויטען —
מיין קעמפפער וועט ווערען ענטריסען!

„זי וועט איהם פון שלאכטפעלד פערפיהרען
אויף קרומע, געפעהרליכע וועגען...
וואוהין? וועט זיין ליעבע ניט פרעגען —
און איך וועל מיין קעמפפער פערליערען!

„דרום הער, אָ, אָמאָר, צו מיין תפלה
און רויב ניט פון מיר מיינע פריינדע,
וואָס ווילען מיך רעטען פון פיינדע,
פון בלוטיגע פיינדע, פון פיעלע!"

„איך קען דיין פערלאַנג ניט ערפילען
(ענטפערט אַמאָר איהר פון אויבען),
כ'וויל דיינע קעמפפער ניט רויבען,
איך זעה ניט וואוהין איך זאָל ציעלען...

„דאָך פרייהייט, מעלד אָן דיינע קינדער
מיין שפרוך, וואָס דו וועסט פון מיר הערען,
עס וויל זיי אין לעבען בעלעהרען,
דער גאָט פון דער ליעבע, דער בלינדער:

„דעם קעמפפער דאַרף קיין זאַך ניט בינדען!
און דאָס, וואָס עס האָט איהם געהינדערט,
וואָס האָט זיינע טהאַטען געמינדערט,
דאָס מוז אוים דעם וועג איהם פערשווינדען!

„ער מוז יענע בענדער צופליקען,
וואָס האַלטען נאָך איהם ביי דאָס אַלטע,

www.libtool.com.cn

די צוקונפט, די פרייהייט־בעשטראַהלטע,
זאָל יעצט אויך זיין לעבען בעגליקען.

„וואָס טויגען די שוואַכע נאַטורען,
די וואַקס־ווייכע שטילע געמיטהער?
אין דעם קאַמפּף, זאָ הייס און זאָ ביטער,
פערשווינדען גאַר שנעל זייערע שפּורען.

„אין דעם קאַמפּף זיינען פערבונדען
דער אָבגרונד מיט'ן הימעל צוזאַמען —
דאָ רוישען פיעל זאַלציגע ים'ען,
דאָ ברענען פיעל בלוטיגע וואונדען...

„דער קעמפּפער מוז קענען בעגרייפען
דעם קאַמפּף אין זיין ריכטיגער גרויסקייט,
דאַן וועט ער מיט דאָפּעלטער הייסקייט
זיין שווערד געגען הענקער פערשלייפען.

„אַ פייער־זייל וועט ער דאַן ווערען
און וואַנדלען פון איין אָרט צום צווייטען,
דעם האַס געגען הערשער פערברייטען,
די שרעק פאַר טיראַנען צושטערען.

„ער וועט דורך די לענדער פערקינדען
דעם קומענדען ליכטיגען מאָרגען,
די ענדע פון קנעכטשאַפט און זאָרגען,
און וועט דעם רעבעלען־בראַנד צינדען.

„און ווען ער זאָל ווערען געבלוטיגט
פון פיינד, וואָס שטעהען ענטקעגען;

www.libtool.com.cn

און ווען עס זאָל ברעכען זיין דעגען —
זיין גייסט וועט ניט ווערען עטנמוטהיגט.

„דאָרום פרייהייט, דו יונגפרוי דער וויסטע,
די געטין פון גליק און פון פריידען,
זאָל טרויער דיין גלאַנץ ניט בעקליידען,
ניט נעהם זיך קיין זאָרגען אומזיסטע!

„ווען אָהן דיר איז פינסטער די ערד יעצט,
ווען אַלעס איז דאָרטען פערדאָרבען,
ווען ליעבע אויך פאַלט אלס אַ קרבן
און האָט געגען גאָלד ניט קיין ווערטה יעצט —

„זאָ וועט זיך דיין קעמפפער מיט עקעל
ענטהאַלטען פון דיעזע געניסען;
ער וועט די געליעבטע ניט קוסען,
וואָס וויל דערפאַר רענדלעך אַ זעקעל.

„און ווייל, אום דעם יעצט צו פערזיסען,
מוז ער זיין געוויסען פערשוואַרצען —
וועט ער מיט דער פרייד פון זיין הארצען
די פרייהייט דער צוקונפט בעגריסען!“....

www.libtool.com.cn

# א געזאַנג צום פאָלק

הויב אויף דיינע אויגען, אָ פאָלק, וואָס דו ביזט
אַזוי עלענד און אָרעם,
הויב אויף דיינע אויגען צו מזרח און מערב,
צו צפון און דרום
און זעה די געזאַמעלטע אוצרות, און זעה
פון דיין אַרבייט די פירות,
און זעה דעם געבליבענעם רייכטהום פון
פריהער געוועזענע דורות.

הויב אויף דיינע אויגען און זעה אויפ'ן ים
די געלאָדענע שיפען,
און זעה אין די דונקעלע וועלדער דעם רויך
פון די לאָקאָמאָטיפען,
און זעה, ווי זיי שוועבען און קומען געשווינד
פון אַ געגענד אַ ווייטען
און פיהרען אין אַנדערע לענדער פּראָדוקטען
און סחורות צו בייטען.

הויב אויף דיינע אויגען און זעה די
געמויערטע גרויסע פאַבריקען,
וואו אַרבייטער זעגען און הובלען, און וועבען,
און נעהען, און שטריקען,
און שמידען און פיילען, און טאַקען און שניצען,
און גלעטען און פוצען,

www.libtool.com.cn

און שאפען די וואַרע, און שאפען דעם רייכטהום
צום מענשליכען נוצען.

און זעה די מאשינען, די בלאַנקע, די ריעזיגע
אייזערנע שקלאפען,
וואָס היטען די מענשליכע כחות און העלפען
די רייכטהימער שאפען,
און זעה, ווי די ווילדע, די מעכטיגע קראפט
דער נאַטור איז בעצוואונגען,
וויל טיעף איז דער מענשליכער שכל אין
איהרע געהיימניס געדרונגען.

און וויט אויף די בליהענדע, לוסטיגע פעלדער
הויב אויף דיינע אויגען
און זעה, ווי עס שטעהען די גאָלדענע זאנגען
פון שווערקייט געבויגען,
און זעה אין די פרעכטיגע גערטנער די בוימער
מיט פרוכטען בעהאנגען,
און פויגעל ערפילען די צווייגען, ערפילען
די לופט מיט געזאנגען.

און זעה, ווי די זאפטיגע ווינטרויבען ווערן
געטראָטען אין קעלטער,
דער וויין ווערט געגאָסען אין פעסער צו ווערען
געשמאַקער און עלטער,
אום שפעטער צו זידען אין בעכער, די מענשליכע
הערץ צו ערפרעהען,
ערוועקענדיג האָפנונג און ליעבע, פעריאָגענדיג
שמערצען און וועהען.

www.libtool.com.cn

און זעה, ווי די גאַנצע נאַטור איז בערייט צו
פערזיסען דיין לעבען,
און פיהל אין דיין ברוסט אַ פערלאַנגען און פיהל אין
דיין הערצען אַ שטרעבען,
און מוטהיג אין ריעזיגע מחנות שטרעק אוים דיינע
הענד, די פערדאַרטע, —
גענוג שוין צו זיין די בערויבטע! גענוג שוין
צו זיין די גענאַרטע!

הויב אויף דיינע אויגען, אַ פאָלק, געה אַרוים פון
די פינסטערע קברים,
הויב אויף דיינע אויגען צו מזרח און מערב,
צו צפון און דרום
און נעהם די גע׳ירש׳ענטע אוצרות און נעהם
פון דיין אַרבייט די פירות,
און שאַפּענדיג לעב און געניסענדיג שאַף
אין די פרייערע דורות! —

www.libtool.com.cn

# צום קעמפפער

די יעצטיגע צייט איז אַ שאַרף פון אַ מעסער
פאַר דעם, וועלכער קעמפפט געגען איהר;
זיין לעבען קען ווערען אין צווייען צושניטען,
פערניכטעט ביי יעטיוודען ריהר.

דער פינסטערער שטן האָט פיעלע געשטאַלטען,
וואָס שטעהען דעם קעמפפער אין וועג;
און יעדע בעזונדער פערשטעלט איהם דעם אויסגאַנג,
און לאָזט איהם ניט זעהן קיין ברעג...

דאַרום הער מיין עצה, דו עדעלער קעמפפער,
ניט לאָז זיך פערפיהרען, ניט לאָז!
זאָל שטורעמען, בליצען, זאָל דונערען, קראַכען,
זיי שטאַרק, ווען דער ווינד גיט אַ בלאָז!...

דיין פיהלענדע הערץ זאָלסטו, ברודער, פערבינדען
גאַנץ פעסט מיט דער קומענדער צייט —
פערקניפלען מיט צוקונפט׳ס פערגאָלדעטע פעדים,
וואָס ציהען צו דיר זיך פון ווייט...

דיין אויג אָבער, פריינד, זאָלסטו י ע צ ט האַלטען אָפען
פערהיטען געפאַהר אויפ׳ן שטעל,
דיין ריינער פערשטאַנד זאָל דיר דינען אַלס פאַקעל —
די אויג זעהט נור דאַן, ווען ס׳איז העל...

www.libtool.com.cn

# צום פאָלק

.1

איך האָס דיין דומהייט און דיין בלינדקייט, פאָלק,
אין דיין געשפּרעך געפין איך קיין פערשטאַנד,
דיין שאַרפער וויטץ ערשיינט מיר אָבגעשמאַקט,
דיין פלאַכע פרייד איז ניט די מייניגע,
און דאָך ווי אַכט איך און בעוואונדער דיך !
דיין שווערע מיה, דיין לעבען אָהנע רוה,
דיין ריעזען־קראַפט, דיין שטילע טהעטיגקייט,
די וואונדערוועקע דיינע, ווען איך זעה —
דאַן שטעה איך שטיל און האָב רעספּעקט פאַר דיר.
דער פעלז איז מעכטיג אין דער וויסטענים,
דער וואַלד איז אימה'דיג אין צייט פון שטורם,
דער שטראָם איז שרעקליך אין זיין ווילדען האַסט,
דאָך פעלז און וואַלד און שטראָם פערשווינדען גלייך,
ווען דו בעריהרסט זיי מיט דיין שטאַרקער האַנד,
וואָלסטו פעראייניגט שכל מיט דיין קראַפט,
ווי גרויס, ווי גליקליך וואָלסטו דאַן געווען ?

.2

דו נעהמסט זיך איבער מיט דעם נאָמען מענש
און זאָגסט, דו ביזט דער קעניג הער נאַטור —
פערשטעהסטו וואָס עס הייסט צו זיין אַ מענש ?
עס בויט דער אָדלער זיך אַ נעסט ווי דו,

www.libtool.com.cn

די שוואַכע פליגעג פערמעהרט זיך זאָ ווי דו,
די קליינע מילב איז פלייסיג זאָ ווי דו —
אין וואָס בעשטעהט דיין הויכע מענשליכקייט ?
ביזטו דאָס קליגסטע וועזען אויף דער ערד ?
פערשטעהסטו זיך, פערשטעהסטו די נאַטור ?
האָסטו געפיהל פאַר שעהנקייט, קונסט און פראַכט ?
געפינסטו לוסט אין פרייהייט, פרייד און לוסט ?
ביזטו געניינגט צו פריעדען, רוה און גליק ?
זאָג, איז דיין פריינדשאַפט גרויס, דיין ליעבע ריין ?
אויב ניט, וואָס ביזטו דען ? וואָס ביזטו דען ? —

.3

דו לעבסט און ווייסט ניט וואָס דאָס לעבען איז,
דו שטאַרבסט און ווייסט ניט וואָס דאָס שטאַרבען איז,
דו גלויבסט און ווייסט ניט וואָס דאָס גלויבען איז,
דו האָפסט און ווייסט ניט וואָס דאָס האָפען איז.
וואָלסטו פערשטאַנען וואָס דאָס לעבען איז,
און אויך פערשטאַנען וואָס דאָס שטאַרבען איז,
וואָלסטו פערשטאַנען וואָס דאָס גלויבען איז
און אויך פערשטאַנען וואָס דאָס האָפען איז —
דאַן וואָלסטו ניט געלעבט אין שווערער נויט,
און ניט געשטאָרבען אָפט ניט לעבענדיג,
דאַן וואָלסטו ניט געגלויבט אין ווינד און שטויב
און ניט געהאָפט אויף דאָס, וואָס קען ניט זיין.
דיין בלייך געזיכט וואָלט זיין פון קרעפטען רויט,
און פריידענ־העל וואָלט זיין דיין דונק'לע אויג,
דיין שוואַכע האַנד וואָלט זיין ווי אייזען שטאַרק,
און הירשען־פלינק דיין קרעפטענלאָזער פוס.
דיין הערץ וואָלט פיהלען, אָבער זיפצען ניט,

www.libtool.com.cn

דיין קאָפּ וואָלט דענקען, אָבער זאָרגען ניט,
דיין מויל וואָלט ריידען, אָבער פלוכען ניט:
דיין יעדעם וואָרט וואָלט זיין אַ זיסער קלאַנג,
און דו — אַ פריהלינג אויף דער שעהנער ערד.

4.

איהר זיצט געדריקט אין רייכע, גרויסע שטעדט,
וואו יעדע הויז איז ווי אַ פעסטונג הויך.
האָט איהר דען מורא דאָס די פרישע לופט,
וואָס וועהט צו אייך פון וואַלד, און פעלד, און טהאָל
וועט אייך דערשטיקען ווי אַ בייזער פיינד?
איז אייך די ענגקייט און דער טומעל ליעב?
איז אייך דער דלות און דער עלענד זיס?
איז אייך די וועלט ניט ליעב אָהן שטויב און שמוץ?
צושטערט די טורמעס, וואו איהר זייט געדריקט!
לאָזט הינטער זיך דעם העש און די זינד
און קעהרט זיך אום צו דער נאַטור צוריק.
פערשפרייט זיך אויף דער שעהנער, ברייטער ערד
און בויט זיך שטעדטלעך ריין, און קליין, און רייך,
וואו יעדע וואוינונג זאָל אַ טעמפעל זיין,
שעהן פאַר דעם אויג און פאַר דעם גוף בעקוועם.
די פעלזען וועלען געבען שטיין גענוג,
די וועלדער וועלען געבען האָלץ גענוג,
און איהר האָט קרעפטען און פערשטאַנד גענוג.
זאָל איבער אייך דער הימעל גלענצען העל,
די שעהנע זון אייך לייכטען אונגעשטערט,
זאָל'ן פויגעל זינגען אייך אַ מאָרגען־ליעד,
דער דופט פון פעלדער זאָל פערוויגען אייך.
זאָל'ן אייערע גאַסען זיין ערפילט מיט פרייד,

www.libtool.com.cn

מיט פלייט, און צימבעל, און גיטאַרען־קלאַנג.
זאָל אייער לעבען ווערען פריי און גרויס,
און איהר געזונד, און פריש, און לעבעדיג,
די אַלטע לייט ווי טענענבוימער פעסט,
די יונגע קינדער קרעפטיג, שעהן און גוט,
די יונגע לייט ווי צעדערבוימער שטאַרק,
בעקרוינט מיט שעהנקייט ווי דער גאָט פון ליכט,*)
און פול מיט לעבען ווי דאָס לעבען זעלבסט.
די מיידלעך׳ס באַקען צאַרט און ראָזען־רויט,
דער אָטהעם ריין און זיס, ווי בלומען־דופט,
די אויגען שטראַהלענדיג און ליעבעפאָל,
דאָס לאַכען טרעלענדיג און זילבער־העל —
ווי וואָלט עס מיך געפרעהט אייך זאָ צו זעהן!



*) אַפּאָלאָ.

www.libtool.com.cn

# מערן געדאַנקען

װען איך שטעה אַמאָל בײַן ים בײַ נאַכט
אין װעה פערזונקען, שטום, פערטראַכט
און הער דעם שטילען װעלען־רױש,
דאַן זיפץ איך, װײן און קרעכצע אױס:
זאָ שלאָפט די פרײהײט אױף דער װעלט,
דערשטיקט פון רױבער, קנעכט פון געלד,
זאָ זיפצעט, קרעכצט זי, װי דער ים
פון טיעפען שמערץ, פון װעה, פון גראַם...

װען איך זעה בײַן ים אַ טײַכעל קלײן
און נעבען איהם אַ פעלזען־שטײן
װאָס לאָזט איהם ניט אין ים אַרײַן,
דאַן שרײַ איך אױס מיט שמערץ און פײַן:
דער טײַכעל, אַך, בין איך, בין איך,
צום ים פון פרײהײט ציהט עס מיך,
און װעה! אַ שטאַרקע װאַנד פערשטעלט,
געבױט פון אונזער הערשער־װעלט...

װען כ'זעה דעם דונער'ס װילדער קראַך
צושפּאַלט דעם שטײן און מאַכט איהם פלאַך,
צושנײַדט זײַן האַרטקײט װי אַ זעג,
און מאַכט דעם טײַכעל פרײַ דעם װעג —
דאַן װער איך מוטהיג, שטאַרק און דרײסט,
עס װאַכט באַלד אױף מײַן פרײהײטס־גײסט,
און טיעף בעגײַסטערט רוף איך, שרײַ:
רעװאָלוציאָן! דו מאַכסט מיך פרײַ!...

www.libtool.com.cn

# צום אַנדענקונג פון דוד עדעלשטאַט

(געשריבען אין דעם טאָג פון זיין טויט.)

זיסע זון, פערבאָרג זיך איצטער,
וויקעל איין דיין שטראַהלען־פּראַכט
אין אַ ברייטער, ברייטער כמאַרע
שוואַרץ און פינסטער, ווי די נאַכט...

כ׳וויל דיין שיינען יעצט ניט זעהן,
ווען פינסטערנים איז מיין הערץ,
ווען איהר יעדער, יעדער ווינקעל
איז געפילט מיט זעעלען־שמערץ.

זאָל פערציהען זיך דער הימעל
מיט אַ וואָלקען רונד און רום,
כ׳וויל נאָר איצטער טרויער טרעפען —
טרעפען טרויער אומעטום.

אויף די בוימער זאָלען פויגעל
זיצען טרויעריג און שטום,
צו דער ערד זאָל זיפצענד בויגען
זיך אין פעלד די שעהנע בלום.

www.libtool.com.cn

וואו איך וועל זיך קעהרען, ווענדען,
זאָל איך טרעפען טרויער היינט,
זאָל נאַטור מיר העלפען קלאָגען
אויף אַ וואַהרען מענשען־פריינד...

---

דאָרטען, אין אַן אָרעמער שטיבעל,
ליגט פערגליווערט אויפ׳ן בעט
יעצט די לייכע פון אַ קעמפּפער —
פון אַן ארבייטער „פּאָעט;

נאָך די פּיעלע, פּיעלע ליידען
אין זיין קורצער לעבענס־צייט,
נאָך די זאָרגען, נאָך די צרות,
האָט דער טויט איהם יעצט בעפרייט.

קאַלט און שטום, און איינגעפראָרען
שטעהט זיין הערץ אין זיין ברוסט —
יענע הערץ, וואָס האָט געשלאָגען
און געגליהט מיט פרייהייטס־לוסט....

יענע הערץ, וואָס האָט בעדויערט
אַלע אָרעמע, שוואַכע קנעכט,
וועלכע האָבען ניט קיין פרייהייט
און קיין ביסעל מענשען־רעכט —

יענע הערץ, וואָס האָט געשאָלטען
וויט און ברייט דאָס קאַפּיטאַל,

www.libtool.com.cn

וועלכע האָט די ערד פערוואַנדעלט
אין אַ פינסטערען יאָמערטהאל;

יענע הערץ, נאָר אָך וואָס רייד איך,
פיעל צו שוואַך איז נאָך מיין פען
אַבצומאָהלען אַזאַ מוסטער,
ווי זיין הערץ איז וואהר געווען.

צוגעקוקט האָט ער די פעהלער
פון דער שלעכטער, פאַלשער וועלט,
און מיט ליעבע צו דעם שוואַכען
האָט ער זיך אין קאַמפּף געשטעלט.

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס,
פאַר זיין הייליגען פּרינציפּ,
און די וואָהרע מענשען־לעהרע
איז געפּלאַסען פון זיין ליפּ.

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס:
זיך, זיין גאַנצע הויזגעזינד —
רוהיג זיצען פון דער ווייטען
איז געווען ביי איהם אַ זינד...

ניט געקוקט אויף פערגניגען
האָט ער אין דער שלעכטער צייט,
פערגניגען האָט געהייסען —
פאָרטצוזעצען נאָר דעם שטרייט.

ווען פערפראָרען זיינען געוועזען
גראָב מיט אייז אין שטוב די ווענד,

www.libtool.com.cn

דאמאָלס האָט די מענשען־ליעבע
אין זיין הערצען שטאַרק געברענט.

שפּעט ביי נאַכט — ניט אויסגעשלאָפען,
דאָרשטיג, הונגעריג און מיד,
איז ער שטיל אַליין געזעסען
שרייבענדיג זיין פרייהייטס־ליעד.

יענע ליעד, וואָס יעדע שורה
איז אַ שטאַרקער קריגס־סיגנאַל,
אויפצואַוועקען אַלע שקלאַפען,
קעמפּפען געגען קאַפּיטאַל.

טרערען, וואַרעמע, הייסע טרערען,
פלעגען פליסען אימער פאָרט
פון זיין אויג אויף יעדע בלעטעל,
און אויף יעדעם, יעדעם וואָרט.

ניט געאַרט האָט איהם דער בילען
פון דער באַנדיע ווילדע הינד...
מיט אַ זיפץ פלעגט ער דאָס לאָזען,
עס זאָל אַוועקגעהן מיט'ן ווינד.

דאָך, געפאַלען איז דער קעמפּפער
צווישען אַלע אויפ'ן פעלד,
יאַ געפאַלען — דאָך געשטאָרבען
איז ער, ווי אַ וואַהרער העלד.

„גלויב אין זיך ניט ביז דיין ענדע" —
זאָגט אַ שפּריכוואָרט, קלוג און וואַהר.

www.libtool.com.cn

זעהט ! זיין ענדע איז געקומען,
זאָגט יעצט עדות פּאַר דערפאַר...

זאָגט איהם פריינד און פיינדע,
אַז געשטאָרבען איז ער בראַוו ;
ניט געביטען זיין אידעע :
די בעפרייאונג פונ'ם שקלאַוו !

ניט געביטען — ביז געקומען
איז דער טויט און האָט פערמאַכט
זיינע אויגען איהם אויף אייביג
פאַר דער אייביגער, פינסטערער נאַכט...

עדעלשטאַט ! דו ביזט געשטאָרבען,
פיהלסט ניט מעהר דעם וועלטען־שמערץ,
דאָך דיין טויט האָט פערוואונדעט
שרעקליך, שרעקליך מיר מיין הערץ.

ביזט געשטאָרבען, דאָך איך טרייסט זיך,
ווייל עס לעבט דיין גרויסער גייסט,
ווען איך וועל דיין ליעד נאָר זינגען,
וועט עס זיין פאַר מיר אַ טרייסט...

און איך ווייס, די צייט וועט קומען
מיט דעם פרייהייטספולען גלאַנץ,
דאַן וועט יעדער איינער לעגען
אויף דיין גראַב אַ בלומען־קראַנץ.

17טען אָקטאָבער, 1892.

www.libtool.com.cn

# ביי׳ן מאָנומענט

עם חלום׳ט, טרוימט דער מאָנומענט
אין בלאַסען מאָנד־שיין שטיל, אַליין,
געטאָקט, געשניצט פון קינסטלער־הענד,
געהאַקט פון ווייסען מאַרמאָר־שטיין.

דער בילד שטעלט פאָר: אַ דענקער זיצט
און האַלט אַ פעדער אין זיין האַנד,
דער שנעע פון אויבען פינקעלט, בליצט,
ווי דינער שטויב פון אַ בריליאַנט;

מען הערט קיין שאָרך, קיין פּיפּס אַרום,
דער גאָרטען רוהט אין שוים דער נאַכט,
די ווייסע בוימער שטעהען שטום,
דער ווינטער־ווינד שפּאַצירט זיך זאַכט.

איך שטעה ביי׳ן מאָנומענט און טראַכט:
די וועלט בעלוינט נאָך דעם, וואָס דענקט;
אַט האָט מען דאָ זיין בילד געמאַכט,
און כבוד, עהרע איהם געשענקט.

איך שטעה און טראַכט, און קלער און קלער:
מען וואָלט מיך עהרען זאָ ווי איהם,
ווען איך וואָלט זיין געלעהרט ווי ער —
דאָך שטיל! מיר דאַכט, איך הער אַ שטים —

www.libtool.com.cn

איך הער אַ שטים — וואָס קען דאָס זיין ?
האָב איך די בוימער אויפגעוועקט ?
אָך, ניין ! מיר פאַלט אין קאָפּ אריין,
דער מאָנומענט האָט זיך גערעגט.

קען ריידען דען דער קאַלטער שטיין —
די זאַך, וואָס ניט קיין לעבען טראָגט ?
דאָך שטיל ! עס רעגט זיך ווידער שוין,
ער ווינקט צו מיר, איך הער ער זאָגט :

„זאָלסט ניט שטרעבען
אין דיין לעבען
צו דעם פוסטען לאָרבער־קראַנץ ;
הער מיין לעהרע :
זוך קיין עהרע,
זוך קיין כבוד, זוך קיין גלאַנץ.

„זאָל דיר לויבען
און ערהויבען
דאָס, וואָס שאַפען וועט דיין קראַפט,
וועלען מענשען
שילטען, בענשען,
אַלעס איינס ! — האָסט גוט׳ס געשאַפט...

„דיין געוויסען
קען פערזיסען
וואַרהייט, עהרליכקייט אַליין.
ניט בריליאַנטען,
ניט דיאַמאַנטען,
ניט קיין קראַנץ און ניט קיין קרוין...

www.libtool.com.cn

„זאָלסט ניט שמייכלען,
זאָלסט ניט הייכלען
דעם, וואָס ליעבט קיין וואַרהייט ניט ;
נור פערמיידען
און פערשניידען
פון דער וועלט זיין שלאַנגען־טריט.

„זאָנען־קלאָרהייט
איז די וואַרהייט,
קעמפף און שטרעב און לעב פאַר איהר !
ליעבט זי קיינער,
ליעב זי איינער,
שטאַרבען זאָל זי נור מיט דיר !..."

— — — — — — — — — — — — — —

ער רעדט ניט מעהר — ער שווייגט שוין שטיל ;
זיין זיסע שפּראַכע פערשטעהה איך רעכט,
אָ, קאַלטער שטיין, דו זאָגסט מיר פיל,
יאָ, כ'לעב פאַר וואַרהייט, לעב און פעכט !

www.libtool.com.cn

# דער געניוס דער מענשהייט

(אויף דער וועלט־אויסשטעלונג)

שווארץ פערשלייערט רוהט שיקאגא ;
לאנג פערקלונגען איז דער טומעל
אין די גאסען, פון די מאסען,
דעם געמישטען מענשען־רומעל.

אויף די זון־שיין מיעדע אויגען
האט דער שלאף געלעגט זיין זיעגעל ;
און די נאכט האט טיעפען שוויגען
אויסגעשפרייט מיט איהרע פליעגעל.

און עס שלאפען זאנפט די בוימער
פונ'ם בעריהמטען ד ז ש ע ק ס א ן גארטען,
וואו שיקאגא'ם וועלט־בעוואוסטע
וועלט־אויסשטעלונג שטעהט יעצט דארטען. —

און די שטאלצע, ריעזען־גרויסע,
מאיעסטעטיש פראכט־בעדעקטע,
וואונדער־שעהנע, לאנג געבויטע
און מיט שווערער מיה פאלשטרעקטע

זיילען־טעמפלען, קונסט־געביידען
שטעהען איינגעהילט און שוויגען —

www.libtool.com.cn

און די העל־בעמאָהלטע פאַרבען
שימערען דורך די גרינע צווייגען.

אין דעם דונקעל־בלויען הימעל
גליהט אַ שטערענדעל אַ בלאַסער,
און די האַלב־מאָנד שווימט פּאַמעלעך,
ווי אַ שיף אין שטילע וואַסער.

פּלוצלינג — זעהט! אַ וואונדער, וואונדער!
אין דער לופטען בליצען שטראַהלען,
זילבער־שטראַהלען, צויבער־ליכטער,
און דער דונקעל ווערט פערפאַלען. —

איז דאָס ניט אַ מחנה גייסטער,
וועלכע שוועבען דורך דעם נאַכט־ים?
ניין! — דאָך זעהט! עס שטייגט אַ וואָלקען
איינגעוויקעלט אין אַ פּראַכט־ים —

זעהט! עס בליצט, עס לייכט, עס פינקעלט,
ווי רובינען, ווי קריסטאַלען;
אימער בייטען זיך די פאַרבען, —
שווער דעם וואַהרען גלאַנץ צו מאַהלען!

אַט, עס שטייגט, עס שטייגט אַרונטער!
וועלכע וואָלקען, וועלכע דינקייט!
ס'איז אַ טראַהן אַרומגערינגעלט
מיט אַ גאָלדענע וואונדער־גרינקייט.

אין דער לופט, אין מיטען גאָרטען,
זעהט מען איהם יעצט נידערשטייגען,

www.libtool.com.cn

אויבען אַ ברילִיאַנטען־דעקע,
אויפגעקניפּט אויף פּאַלמען־צווייגען.

אויף דעם וואַלקען־טראָהן אַ קראַנע
הענגט פון מירטען דונקעל־גרינע,
דורכגעוועבט מיט זאָנען־שטראַהלען,
ווי מיט גאָלדענע פעדים דינע.

אין אַ ברייטען, שוואַרצען מאַנטעל
איינגעהילט — דאָרט זעהט מען זיצען
אויף דעם טראָהן אַן אומבעקאַנטען —
איבער איהם די ליכטער בליצען.

זעהט די מיענען מילדע שטרענגקייט!
זעהט דעם פּנים, עדעל־בלייכען,
און די טיעפע שוואַרצע אויגען
אין דעם שטערן, אין דעם הויכען!

שוואַרצע, זיידענ־ווייכע לאָקען
ציערען שעהן דעם קאָפּ דעם שעהנעם,
צוגעדעקט — ווי מאַיעסטעטיש! —
מיט אַ לאָרבער־קראַנץ אַ קליינעם.

שטיל ערהויבט ער זיך פון זעסעל,
ראַלט אַ פּאַרמעט אויף, אַ דיקען,
און די גלענצענדע געביידען
קוקט ער אַן מיט שטרענגע בליקען.

פינסטער ווערען זיינע מיענען...
מ׳זעהט איהם יעצט די האַנד ערהויבען

www.libtool.com.cn

און זיין שטימע, מעכטיג־זיכער,
קלינגט ארונטער לויט פון אויבען:

„טעמפעל בויט איהר, מיר צו עהרען,
ווייט און ברייט אין אלע לענדער —
א י ה ר, די פיינד פון ליכט און וויסען,
א י ה ר, די פרעכע קונסט־בעשענדער! —

„וועה אייך, איך פערשטעהע אייך!
ניט פאר מיר געברויכט מען ליגען!
ניין! די גרויסע, דומע וועלט נור
קענט איהר מיט דעם גלאנץ בעטריגען.

„הערט מיין שטימע, שטאלצע הערשער,
וועלטען־רויבער, ליגען־שמיעדער,
און פערציטערט זאלען ווערען
אייערע שמאלץ־בעדעקטע גליעדער!

„אין די גרויסע, רייכע צימער,
אויף די ווייכע, זייד'נע קישען,
וואו איהר ליגט יעצט וויין־בעטרונקען
און געניסט דעם שלאף דעם זיסען —

„זאל מיין בראנד־ווארט אייך ערשרעקען,
אייך, מאמאן'ס געקויפטע גייסטער! —
און אין שטויב זאלט איהר באלד ליגען
פאר דער מענשהייט'ס וואהרען מייסטער...

„רויט, מיט מענשען־בלוט בעזידעלט,
זיינען אייערע העמד, די ווייכע,

www.libtool.com.cn

ניט בעריהרט מיט זיי די הימלען
פון הער געטין קונסט, די הויכע!

„די, וואָס ווילען, אַז לאָרבער
און די מירטען זאָלען בליהען,
פ ר י י ע קינסטלער צו פערציערען —
ליעבט איהר אויפ'ן שטריק צו ציהען...

„זעהט איהר אין מיין חופּה בליאַסקען
מאַסען שטערען ווי בריליאַנטען?
ווייסט: דאָס זיינען זיי, די טויטע
און די לעבעדיגע טאַלאַנטען.

„אָבער פיעל מיליאָנען ליכטער,
הויכע געניעס, טיעפע דענקער,
האָבען נ י ט געקענט ערשיינען —
איבער אייך — איהר ווילדע הענקער!

„דאָרט אין אייערע שקלאַפען־גריבער,
לעשען זיך די העלסטע שטערן —
ז י י נאָר קענען מיך ערהויבען,
ז י י נאָר קענען מיך פערעהרען! —

„איך פערלאַנג פון אייך קיין קרבן
מיט אַ פינסטער'ן געדאַנקען!...
אייערע זיסע אָפּפער־ריחות
עקלען מיך ווי מאָרד־געשטאַנקען.

„פרייגד זייט איהר פון שטריק און גאַלגאַנס,
פרייע גייסטער צו דערשטיקען;

פריינד זייט איהר פון שראַט און פולווער
אום די וועלט צו אונטערדריקען —

„אָבער ניט פון טעמפּעל בויען
פאַר דאָס עדעלע און שעהנע,
פאַר דאָס וואַהרע און דאָס הויכע,
פאַר דאָס שטראַהלענדע און ריינע!...

„אייערע מוחות און געהירען,
וועלכע וועבען, דרעהען, שפּינען
אימער נייע רויבער־נעצען,
נ אָ ך  אַ גאָלד־גרוב צו געווינען, —

„האָבען ד אָ ס מאָל אויסגעגריבעלט
נאָך אַ קוואַל, וואו בלוט צו שעפּען
פון די דומע, דומע מענשען,
וועלכע לעבען נאָר צום שלעפּען...

„און דאַרום איהר שוואַרצע זעעלען!
ריים איך אָב פון אייך דעם שלייער,
זאָלען  אַ ל ע  אייך ערקענען,
אַלע בלינדע שאַטען־געהער.

„וועה אייך, וועה אייך, אונטערדריקער!
הערט מיין וואָרט, עס איז דאָס ה ע כ ס ט ע —
גיך וועט איהר ווי פליגען פאַלען
אין די הענד פון די גערעכטע!...

„אונטער אייערע ליגען־טהורעמס
וועט איהר זינקען — און אויף אימער!
איך — דער ג ע נ י ו ס פון דער מ ע נ ש ה י י ט —
וועל בעלעבען יענע טרימער!" — — — — — — — —

www.libtool.com.cn

# ליכט און שאטען

I

איך בין אין מיין צימער געזעסען ביינאַכט
אין טרויעריגע חלומות פערזונקען ;
פון הימעל האָט קלאָהר די לבנה געשיינט,
פערשפּרייטענדיג זילבערנע פונקען.

עס האָט זיך געדרעהט אין מיין מוח די ערד,
(זי זעהענדיג ווילט זיך מיר ווײנען) —
און איך האָב געזעהן פיעל לענדער און שטעדט,
און האָב זיך עראינערט אָן ה י י נ ע׳ ן.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם גרויסען פּאָעט,
(איך ווייס שוין ניט ו ו י ס׳איז געשעהן),
און באלד האָט מיין הערץ אַ פערלאַנגען געפיהלט —
דעם דיכטער, דעם טויטען צו זעהן.

איך שרעק זיך פאַר מענשען, פאַר לעבעדיגע, ניט
און שרעק זיך פאַר טויטע געווים ניט ;
דאָך מעגען פיעל לעבעדיגע וואַנדלען אהין,
וואו מען דאַרף שוין קיין הענד און קיין פים ניט. —

און זיצענדיג האָב איך אין חלום דערהערט
● לירע, אַ געטליכע, שפּיעלען,

www.libtool.com.cn

עס האָבען די טענער ערוועקט אין מיין הערץ
די עדעלסטע, טיעפסטע געפיהלען.

זיי האָבען בעצויבערט מיין זאַנפטען געמיטה,
געעפענט דעם קוואַל פון די טרעהרען;
מיר דאַכט זיך, איך וואָלט מיינע יאָהרען פערבראַכט
אַליין נאָר די לירע צו הערען!

און פלוצלינג האָב איך אינ'ם צימער בעמערקט
אַ שטילעס, אַ וואונדערליך וועבען —
און גלייך ווי אויף פליגעל איז היינע אַליין
געקומען פון קבר צו שוועבען.

ער איז ניט געוועזען קיין צופוילטער סקעלעט,
זיין גוף איז געווען אַ געזונדער;
און ער האָט אויף מיר מיט אַ שמייכעל געקוקט,
מיך מאַכענדיג פרעהליך און מונטער.

„איך בין יעצט — האָט ער מיט אַ שמייכעל געזאָגט —
דורך דר'ערד פון קבר ענטלאָפען,
און וואָלט איך מיין רייזע געמאַכט אויף דער ערד,
מיך וואָלט אַ זשאַנדאַרם געטראָפען. —

„מען האָט מיר אין פראַנקרייך, אין שעהנעם פּאַריז,
אַ קבר צום שלאָפען געגעבען —
בעגראָבען זיין קענסטו אין יעטווידעס לאַנד,
דאָך לאָזט מען דיך ניט לעבען. — —

„עס לויפען די יאָהרען; עס זיינען זייט דאַן
באַלד זיעבען און דרייסיג פערלאָפען,

www.libtool.com.cn

און ליגט מען אין קבר איין איינציגען טאָג,
זאָ הארף מען אויף אויפשטעהן ניט האָפען.

„און ווילסטו מיט יענער וועלט ווערען בעקאַנט,
פאַר וועלכער די מענשען זיך שטרייטען?
דו מעגסט דיין „גן־עדן" נאָך דאָ אויף דער ערד
אויפ'ן „גיהנום" פון רייכען פערבייטען. —

„איך האָב זיך ביים לעבען — זאָ האָב איך געדענקט —
ערלויבט פונ'ם הימעל צו שפּאָטען.
בעווים וועט מען דאָרטען פאַר אַל־מיינע זינד
מיך שמייסען און ברענען און בראָטען. — —

„אַ טעות! דאָס זאָגען די פּפּאפּען נאָר אונז,
די שמוציגע, לומפּיגע פּפּאפּען!
זיי ווילען עס זאָלען קיין מענשען ניט זיין —
נאָר הייליגע, געטליכע אַפען. —

„ניטאָ קיין גן־עדן, קיין גיהנום ניטאָ,
קיין גאָט איז ניטאָ און קיין טייפעל!
פון אונטען איז ערד, פון די זייטען איז ערד,
דעם מויל קומט נאָך אויך אַן אַ הייפעל.

„מען ליגט אין דער שטיל און מען גיט ניט קיין פּיפּס,
ווען ס'בייסען און קיצלען די ווערים,
די שמוציגע ווערים! זיי קריכען אין קאָפּ
און קריכען נאָך אין די געדערים.

„אויך מיר וואָלט די חברה געטאָציעט אָהן סוף,
ווי ס'האָבען געטהאָן די צענזאָרען,

www.libtool.com.cn

א נס וואָס איך האָב אויף דער זינדיגער ערד
מיין פלייש דורך אַ קראַנקהייט פערלאָרען.

„איך האָב פאַר דער נאַרישער, פינסטערער ערד
זיך אימער געמוזט אינטערעסירען,
כ׳בין איצטער געקומען ערפאַהרען די נייעס,
וואָס האָבען געזאָלט דאָ פּאַסירען.

„מען האָט צו מיין עהרע אַ דענקמאָל געמאַכט,
די „לאָרעליי" זיצט אויף איהם אויבען,
זיי ווילען איהם אָבער אין דיסעלדאָרף ניט,
מיר דאַכט זיך, דאָס קומט דורך מיין גלויבען.

„צוואַר בין איך געוואָרען אַ איד,
נאָכ׳ן דין פון דער הייליגער תורה,
דאָך שפּעטער — איך האָב זיך גע׳שמד׳ט און איך האָב
בעגאַנגען אַ גרויסע עבירה. —

„און שיצט מיך דער גייסט פונ׳ם געטליכען זוהן,
און שיצט מיך אברהם, מיין זיידע,
דאָס קריסטענטהום שטינקט און דאָס יודענטהום שטינקט,
זיי שטינקען, מיין טהייערער,ביידע! —

„דאָס יודענטהום און קריסטענטהום, טהייערער פריינד,
זיי זייט עוויג געפעהרליך —
מיר דאַרפען קיין פריסטער, מיר דאַרפען קיין גאָט,
זיי מיינען עס אַלע ניט עהרליך!

„איך וואָלט מיינע פריינדע פון נאָהענט און וויים
מיט דער עהרליכסטער אַבזיכט געראָטהען:

www.libtool.com.cn

דער בעסטער, געזונדסטער גלויבען איז —
א גלעזעלע וויין און א בראטען!

*

„א קעסטליכע וואוינונג פאר זיך און דער פרוי,
דאס מוז יעדער איינציגער האבען,
און נאהרונג און פרייהייט, פערגניגען און לוסט,
און פריידע און אויך גארדעראבען!

„און האבען דאס איצטער די ארעמע ניט
און מוזען פאר אנדערע שאפען,
דערין זיינען שולדיג די עהרליכע לייט,
וואס מאכען די מענשען פאר שקלאפען.

„און פרעגט איהר מיך יעצט, וואס איהר זאלט מיט זיי טהאן,
זא זאג איך ארויס מיין געדאנק אייך:
איהר זאלט מיט זיי טהאן, ווי מען האט געטהאן
מיט'ן זעכצעהנטען לודוויג פון פראנקרייך! — — — —“

דא האט ער געשוויגען, און איך האב געפרעגט:
„קען איך דיר מיט אירגענד וואס דיענען?“
און ער האט געענטפערט געלאסען און שטאלץ,
מיט לאכענדע, ביטערע מינען:

„זיי שטעלען מיין דענקמאל אין דיסעלדארף ניט,
די אויבערשטע שורקען און לומפען —
איך ווינש זיי, זיי זאלען דארט ווערען דערשטיקט
אין זייערע שמוציגע זומפען! —

„אצונד האט מען דא, אין דער פרייהייט־שטאל,
געזאמעלט פיעל געלד און געקליבען

www.libtool.com.cn

צו קויפען פון קינסטלער מיין פראכט־מאָנומענט —
עס האָבען זיך פיעלע פערשריבען.

„אַ, הימעל! אָט דאָ, אין דער פריוהייט־שטאָל,
דאָ וועט מען אַ דענקמאָל מיר שטעלען,
אָט דאָ, וואו עס קייען די מענשען טאַבאַק,
ווי וועט מיר דער ריח געפעלען?

„איך האָב אין מיין לעבען דאָס לאַנד ניט געליעבט,
יעצט מוז איך עס לאָזען פּאַסירען,
עס זאָל מיין דענקמאָל, דער פּרעכטיגער שטעהן,
און ווינטער און זומער־צייט פריערען!

„און בין איך אַן אָרעמער טויטער אצונד,
און מוז איך עס לאָזען פּאַסירען,
זאָ וויל איך אַם ווענינסטענס זעהן די שטאָדט,
און וויל אין די גאַסען שפּאַצירען.

„און גלייך ווי ווירגיל האָט דעם דאַנטע געפיהרט
אין גיהנום דורך טויערען און טהירען,
זאָלסטו יעצט — אַבוואָהל עס איז פאַלש דער פערגלייך —
דיין פריינד, דעם געשטאָרבענעם, פיהרען.

און צייג מיר די גאָלדערנע קעסעל־גרוב דאָ,
און צייג מיר די אידישע גהעטאָ,
און צייג מיר וועד האַנדעלט, וועד שאַפּט, און וועד לעבט,
וועד לערנט און שרייבט דאָ און רעדט דאָ.

„און וועסטו מיר יעדע זאַך ווייזען גענוי,
די לומפּען די גרויסע און קליינע,

www.libtool.com.cn

אלס עהרליכער מענש וועסטו ווערען געקרוינט
פונ׳ם אָרעמען היינריך היינע. — — "

מיר זיינען באַלד ביידע געגאַנגען אין גאַס,
געאָרעמט, ווי ברידער — פערשטעהט זיך!
עס האָט די לבנה אונז ליכטיג געשיינט,
עס האָבען אויך שטערנס פערשפּרייט זיך...

www.libtool.com.cn

# די ווינטער זון

נעבעל־גרויע וואָלקען דעקען צו דעם הימעל,
שטיקענד, אונערטרעגליך איז די לופט אין גאַס !
ס'ליעגט די גאַנצע וועלט אין טיעפען, דיקען שימעל...

לאַנגזאַם פאַלט אַ ווייכער שנעע פון אויבען — שמוציג,
בלאָטיג, שוואַרצלעך בלייבט ער אונטען ליגען, נאַס...
קלעבט זיך אָן די טריט אָן, ליימיג, שווער און גליטשיג...
כ'שטעה ביים פענסטער שטיל און קוק אַרוים אין דרויסען :
מענשען יאָגען, לויפען גיך... אָהן צוועק... אָהן ציעל...
דריקען, קוועטשען, שטויסען, היילען זיך און רוישען...

טרוי'ריג, דונקעל ווערט עס מיר אין הערצען — שווערער,
שווערער דריקט דער טיעפער וועה־און שמערץ־געפיהל,
דאָך, וואָס זעה איך ? דאָרטען ווערט דער הימעל קלערער :

די לופט ווערט צושפּאָלטען
אין נעבעל אין קאַלטען,
ווערט ליכטיגער, העלער,
און שנעלער און שנעלער
דערזעהען זיך קווייטען,
איינס שעהנער פון צווייטען,
וואָס בילדען צוזאַמען
פון ראָזיגע פלאַמען
פיעל גאָלדענע טייכען,

www.libtool.com.cn

און שעהן, אָהן גלייכען,
דערזעה איך באלד שטייגען
אין הייליגען שוויינען
די זאָנע, די שעהנע,
די הימלישע, ריינע
און ווארעמע שטראהלען
לאָזט לאנגזאַם זי פאלען
פון אויבען ארונטער,
און אלעם ווערט מונטער.

מיין הערץ הויבט אָן שלאָגען
און פיהלען און זאָגען:
אוועק איז דער קומער,
עס קומט אָן דער זומער,
די פויגעלעך זינגען,
די ליעדער ערקלינגען,
עס בליהען די בלומען
און גלייך ווי פערפומען,
געווירצען וואָס דופטען,
צוטראָגט זיך אין לופטען
דער גרוך פון די ראָזען
פון ווינטעל צובלאָזען.
די טייכלעך צופליהען,
און זילבער־קלאָר גיסען
זיך רוישענדע כוואַליעס
פון פעלזען, פון סקאלעס,
און שפרינגען און טאנצען,
און שפרינגען און גלאנצען...

. . . . . . . . . . . . . . . .

www.libtool.com.cn

ווען! וואָס זעה איך? ווידער ווערט דער הימעל טריבער
און די זון בעהאַלט זיך... אַך, עס ווערט מיר קאַלט...
ווידער ווינטער... פוסטע חלומות... עס ציטערט יעדער
נערוו אין פיבער...

שוין פערגאַנגען!... ווידער וואָלקען טרעפען מיינע בליקען
שוואַרצע, פינסטערע פון שרעקליכען געשטאַלט —
אַט, אָט האַלטען זיי און ווילען אַלץ דערשטיקען...

פון די קוימענס זעצט אַ שוואַרצער רויך — געדיכטער
שוואַרצער ווערט ער אין דער נעבעלדיגער לופט —
באַלד צוטהיילט ער זיך און מאָהלט ערשרעקענדע געזיכטער.

און די הייזער, דוכט מיר, שיבען זיך צוזאַמען,
ענגער ווערט די גאַס... אַ שוואַרצער פויגעל רופט
קלאַגענד אין דער לופטען, גלייך ער וואָלט פערדאַמען,

. . . . . . . . . . . . . . . .

די שוואַכע ווינטער־זון
זאָ גיך פערגעהענדע,
זי גלייכט „רעפאָרמעלעך"
ניט לאַנג בעשטעהענדע....

www.libtool.com.cn

# דער פרייהייטס-וואַנדערער

אין האַנד דעם וואַנדער־שטאַב, מיט פעסטע טריט,
אַזוי וואַנדערט ער אַרום פון לאַנד צו לאַנד ;
מיט איהם געהט ס'לעבען, געהט די פרייהייט מיט,
די פעלקער־רעכט שיצט ער מיט זיין האַנד. —

שעהן ליגט די וועלט פאַר איהם, מיט ליכט בעדעקט,
מיט ליעבע רוהט אויף איהר זיין טיעפער בליק ;
זיין גייסט איז פריי, זיין הערץ איז אויפגעוועקט,
און שלאַגט מיט פרייד, מיט טיעפען מענשען־גליק.

אויף באַרג און טהאַל ליגט קלאָר די זון פערשפרייט,
אויף באַרג און טהאַל ליגט קלאָר זיין פרייער גייסט ;
נור ווען איהם דענקט זיך פון דער מענשהייט'ס־נויט,
זיך אין זיין אויג אַ בִיט'רער טרער בעווייזט. —

טעמפלען פון שעהנהייט לייכטען אין זיין קאָפּ,
אַ וועלטען־פראַכט איז איינגעדריקט אין איהם ;
געבלענדעט לאָזט ער אָפּט זיין בליק אַראָפּ,
און הערט פערשטעמט זיין אייג'נע הערצענס־שטים. —

ער זעהט די פרייד, ער זעהט די לייד פון לעבען,
אין יעדען ווינקעל דרינגט זיין בליק אריין, —
ער זעהט דעם רייכען אין זיין וואוילטאָג שוועבען,
ער זעהט דעם אָרעמאַן אין נויט און פיין.

www.libtool.com.cn

און אָפּט אין ליידען טהוט דאָס הערץ איהם וועה,
דאָך ווערט ער ניט פערצווייפעלט אין זיין וועג;
ער הערט די מענשהייט'ס ליידענס־אויסגעשריי,
דאָך זינקט ער ניט, ער זוכט אַ נייעם שטעג. —

עס לעבט פאַר איהם קיין טרייער פאָטער ניט,
קיין מוטער לעבט ניט, וועלכע ער האָט ליעב
מעהר ווי די פרייהייט, און זיין פרייער שריט
געהאָרכט מיט שטאָלץ זיין אינערליכען טריעב. —

קיין פריינד איז איהם קיין פריינד ניט, ווען זיין ציעל
מוז געהן פערלאָרען; — מיט אַ שטאַרקער האַנד
צורייסט ער יעדען דריקענדען געפיהל,
און געהט אַלץ ווייטער, שטאָלצער אין זיין שטאַנד. —

איהם רופט צום וואַלד, איהם רופט צום טהאָל ארוים,
אַ שטימע הערט ער אין הער ווייטער וועלט, —
איהם טרייבט די נויט פון יעדער ליידענדער הויז
צו זוכען דאָס, וואָס יעדען שקלאַפען פעהלט. —

ביי'ן זייט פון בארג זעצט ער זיך שטיל אַוועק,
און דענקט מיט פריידע פון דער פריהלינגס־צייט;
ער זוכט קיין ענדע ניט, ער זוכט קיין ברעג,
זיין ציעל איז נור צו גאָר'ן נאָך דאָס, וואָס איז ווייט. —

איהם ציהט דאָס הערץ צו ווייטע, ווייטע לענדער,
זיין זעעלע שמאַכטעט נאָך אַ זיסען טרוים, —
איהם בינדען ניט די אַלטע לעבענס־לענדער,
די אַלטע זיטען־פּפליכט בעוועגט איהם קוים. —

www.libtool.com.cn

ער גערט אַרום אין ווייטען, ווייטען לעבען,
ער וויל ניט וויסען פון קיין וועלטען־מאַכט;
אליין זיין וויל ער אין זיי פרייען שטרעבען,
פון קיינעם ניט געדריקט, ניט אויסגעלאַכט.

מיעד זינקט זיין קאָפּ אַרונטער אויף דער ברוסט,
שטיל זיפצט ער, אין געדאַנקען שטאַרק פערטיעפט;
אָפּט דענקט ער לאַנג פון זיסער קינדער־לוסט,
אָפּט פון דער וועלט, דאָך — ניט מיט גאַל און גיפט. —

ער וויל קיין וועזען ניט, קיין מענשען דריקען,
ער שטרעבט ניט צו געווינען וועלכע מאַכט;
און זוכט ער מאַכט, איז עס די מאַכט צו שיקען
די ליכט פון פרייהייט דורך דער וועלטען־נאַכט. —

ער פרעדיגט ניט קיין דומהייט און קיין גלויבען,
ער גיט דער וועלט ניט, וואָס זי דאַרף ניט מעהר;
ער שטרעבט די וועלט, די מענשהייט צו ערהויבען,
אַוועקנעהמענדיג די לאַסט וואָס איז איהר שווער. —

און ווען ער זעהט די וועלט אין פראַכט און גלאַנץ,
די הייליגע שעהנקייט פון דעם וועלטען־אַל;
ווען יונג און אַלט בעוועגען זיך צום טאַנץ,
בעלייכטעט פון דעם לעבענ׳ס פריידען־שטראַהל; —

ווען פרייער לעבען רעגט זיך איבעראַל,
ווען אַלע הערצער שלאָגען שטאַרק מיט לוסט;
און אַלע הערען דעם זיסען פרייהייטס־שאַל
וואָס רופט זיי פון דער ווייטען, אונבעוואוסט; —

www.libtool.com.cn

ווען אַלע פֿולסען שלאָגען מיט דער פֿרייד
פֿון דאַזיין, און די וועלט זעהט אוים ווי נייַ ;
ווען אויך דער אָרעמסטער ווערט בעפֿרייט פֿון לייד
און איז נאָך לאַנגען שקלאַפֿען ענדליך פֿרייַ ; —

ווען פֿון דער וועלט פֿערשווינדעט דאָס, וואָס דריקט,
און אויך די לופֿט ווערט ריין, און שטיקט ניט מעהר,
ווען אַל דאָס פֿינסט׳רע ווערט אַוועקגעשיקט
אין פֿינסטער׳ן אָבגרונד, און ס׳איז קיינעם שווער

צו שאַפֿען, צו געניסען, און צו זיין ;
ווען קלאָג און נויט, און יעדער יאָך פֿערשווינדט, —
און אַלע לענדער שטימען גענצליך איין ; —
ווען אין דער האַרץ פֿון בלינדען שקלאַפֿען צינדט

זיך אָן דאָס הייליגע, זיסע פֿרייהייטס־ליכט,
און ער ווערט פֿריי, און בראַוו, און שטאַרק, און קלוג ;
ווען ריין און עהרליך צייגט זיך יעדעס געזיכט,
און אַלע הערצער זיינען פֿריי פֿון טרוג : —

ווען דורך דער וועלט ציהט דורך דער פֿרייהייטס־קלאַנג,
און אַלע וואַכען אויף ; און קיינער מעסט
זיין גרויסקייט ניט געגען צווייטענס, און קיין צוואַנג
הערשט מעהר ניט, נור די וועלט ווי אַ פֿעסט

איז אויסגעציערט מיט פֿרייהטס־פֿאָהנען, און
מיט קרענצע, — ווען די וועלדער זיינען פֿריש,
און אַלעס גלענצט, בעלייכטעט פֿון דער זון,
און יעדען איז דאָס לעבען ליעב און זיס ; —

www.libtool.com.cn

דאַן וואַכט אויף אין זיין ברוסט אַ גרויסער גייסט,
אַ פריידען־רויש לויפט דורך זיין קערפּער דאַן,
און מיט אַ שטורעמדיגער הייליגער גבורה רייסט
זיך זיין געמיט צום שטאָלצען פרייען מאַן; —

די העכסטע פרייד פון לעבען פיהלט ער דאַן,
און זיסע טרערען טריפען פון זיין הערץ;
דאַן שמייכעלט ער צום טראָץ פון דעם טיראַן,
דאַן לאַכט ער זאַנפט פון גרויסען וועלטען־שמערץ; —

זייַ הערץ צוגעהט; זיין ליידענדער געמיט
ווערט לויז־געבונדען פון זיין לאַנגען צוואַנג;
מיט שטאָלץ בעוועגט זיך יעצט זיין פרייער שריט
און פאַר זיין אַרבייט איז איהם יעצט ניט באַנק. —

זיין שטימע הויבט זיך אויף מיט געטער־מאַכט, —
זאַנפט ווי די שטימע פון דער טויב און שוואַן,
זיס ווי די נאַכטיגאַל'ס שטים, וואָס קלינגט ביי־נאַכט, —
שטאַרק ווי דער דונער־קלאַפּ ביי'ם אָקעאַן; —

און אין זיין גייסט, מיט'ן פרייהייט'ס גייסט פעראייניגט,
בליקט ער מיט ליעבע אויפ'ן אָרעמאַנ'ס געצעלט;
און מיט די בליקען, וועלכע זיינען נאָך פערוויינט
פון פרייד, בענשט ער מיט פרייד די גאַנצע וועלט.

www.libtool.com.cn

# דאָס לעבען

.1

מיר זוכען פריידען אינ׳ם רויש פון לעבען,
און ווילען אונזער ברוסט זאָל ווערען קיהלער
מיר שטעהען שטיל און דענקען פון שטרעבען,
מיר שטרעבען דענקענדיג צו לעבען שטילער.

עס בענקט דאָס הערץ נאָך אונבעקאַנטע וועלטען,
עס שטרעבט צום גליק דער מוח, דער געזונטער,
דאָך זייער ציעל ערררייכען ביידע זעלטען —
זיי ציהט די אַרמוטה און די נויט אַרונטער.

אַפט, ווי טיראַנען, האַסען מיר די מענשען,
און אונזער ליעבע זוכען מיר צו טויטען;
אַפט, ווי בעשיצער, ווילען מיר זיי בענשען,
און זיי ערלעזען פון די שווערסטע נויטען.

וואָס איז דער קאַמפף, וואָס הערשט אין אונזער זעעלע?
דאָס ווילדע רוישען פונ׳ם ים געפיהלען?
וואו איז אין לעבען יענע גאָלד׳נע שטעלע,
וואו ס׳בליהט די זיכערהייט פון אונז׳רע ציעלען?

www.libtool.com.cn

.2

אימער אין שטורעם זיך טראָגענדיג
בלייבען מיר אָפטמאָל אליין;
אימער אין אָרמוטה זיך פלאָגענדיג
ווערט אונזער הערץ ווי אַ שטיין;
אימער מיט צוועריגען זיך שלאָגענדיג
זינקען מיר, ווערען מיר קליין;
אימער אין ליידען פערצאָגענדיג
קענען מיר פאָרווערטס ניט געהן.

.3

רופסטו דאָס לעבען די ליעבע?
רופסטו די ליעבע דאָס לעבען?
שטונדען, אי העלע, אי טריעבע,
האָבען מירביידע געגעבען.

.4

מיר זיינען אָפט מעהר, ווי מיר דענקען,
אָפט מעהר, ווי עס דוכט זיך דער וועלט;
און אָפט וואָס מיר ווינשען צו שענקען,
האָט יענעם קיינמאָל ניט געפעהלט.

עס האָט יעדע ברוסט אַ גן־עדן,
עס האָט יעדער מוח אַ קרוין,
מיט וועלכע, אין שמערצען און פריידען,
דער מענש האַלט זיך טהייער אליין.

www.libtool.com.cn

.5

דו קענסט דאָס לעבען, דאָס לעבען קען דיך
מיט גאָלדענע גאַבען בעשענקען;
מאַכט עס דיך גליקליך? מאַטערט עס דיך?
עס ווענדעט זיך אָפט אָן דיין דענקען.

.6

טויזענדער דורות פערשווינדען
אָהנע די וועלט צו ערגרינדען,
נאַריש ערשיינט זיי דאָס לעבען;
דאָך דענקער, און קינסטלער, און דיכטער,
קעניגע, פרינצען און ריכטער,
לאָזען זיך נאַרען און לעבען.



www.libtool.com.cn

# צוויי וועלטען

## תרח און אברהם.

(אויסצוג פון א ניט געענדיגטער דראמא)

תרח אין זיין ווערקשטאט:

איך האב ניט ליעב די געטער וואס איך שאף.
אט שטעהען זיי פאר מיר געשניצט פון שטיין,
אהן זעעלען, אהנע לעבען, אהן געפיהל, אהן גייסט,
בילדער פון ראכע, דורשטענדיג נאך בלוט,
מיט אויסגעשטרעקטע הענד, פערצעהרט פון האס,
דאס זיינען זיי, די געטער פון דער וועלט,
געשאפען פון די פריעסטער פאר דאס פאלק.

ווי קען איך צו זיי קניען אין געבעט,
ווי קען איך זיי פערעהרען, ווען מיין האנד,
דורכדרונגען פון מיין דונקלער פאנטאזיע,
האט זיי געשאפען פאר דער בלינדער וועלט?

וועמען זאל איך ערצעהלען וואס איך פיהל,
וועמען פערטרויען, וואס מיין טיעפעס הערץ
עמפפינדעט, טראכט, פערזאכטעט, ליעבט און האסט, —
געהאקטע שטיינער, וועלכע הערען ניט,
פערשטעהען ניט, זעהען ניט און פיהלען ניט?

www.libtool.com.cn

מעג זיך דאָס פאָלק פאַר זיי אין אימה שטעהן,
זיי אָפּפער ברענגען, זיי בעפריעדיגען
מיט מענשען־בלוט, מיט אָקסען און מיט שאָף,
מיט טהייערע דיאַמאַנטען, געלד און ווייץ;
מעג זיך דאָס פאָלק די פריעסטער שעצען הויך
אַלס מעכטיגע פערמיטלער פון די געטער,
איך קוק אויף זיי מיט צווייפעל רוהיג־שטיל,
זיי שניצענדיג בין איך געוואָרען אַלט.

האָב רייכטהום זיך ערוואָרבען, פיעלע קנעכט,
קעמלען און שעפּסען, דיענער, דיענסטען, פריינד,
איך בין געעהרט פון קעניג און פון פאָלק,
און וויים בעריהמט איבער דער גאַנצער לאַנד,
מיט קינדער שעהנע בין איך אויך געבענשט,
זאָ וועל איך לעבען ביז מיין לעצטען טאָג,
איך בין צו אַלט צו שטרייטען מיט דער וועלט,
צו זאָגען איהר די וואַהרהייט וואָס איך דענק.
די צווייפעל, וועלכע דרעמלען אין מיין ברוסט,
זיי וועלען דרעמלען ביז אין גרוב אריין.

(אברהם, אין מדבר):

מיין פאָטער'ס הויז האָב איך פערלאָזען יונג,
וואו פיעלע פאַלשע געטער האָבען מיך
אַלס יונגעם קינד פערווילדעט אָנגעבליקט.
די פראַכט־בעדעקטע, גלאַנץ־ערפילטע שטאָדט
מיט איהרע זיטען און לעבענס־אַרט,
דער פּאָמפּ, די גרויסקייט פון די קעניגע,
די חניפות פון די פריעסטער, טיעף־געציעלט,
די עהרע פון דעם אונטערדריקטען פאָלק,

www.libtool.com.cn

האָט מיך ניט צוגעצויגען, דען איך ווייס,
די געטער פון מיין פאָטער זיינען פאַלש,
די שטאָדט איז דונקעל, און איהר לעבען איז
פערצויגען מיט אַ פינסטערנים פון זינד.
די גרויסקייט פון די קעניגע איז פוסט,
די פריעסטער זיינען אָבגעטונקט אין בלוט,
דאָס בלינדע פאָלק איז צו דער ערד געבויגט,
איך וויים ניט וועמען און פאַר וואָס עס עהרט.
מיין פלאַץ איז ניט מיט זיי, — דאָס האָב איך לאַנג
געפיהלט אין די געהיימנים פון מיין הערץ.
מיין גייסט האָט זיך פערדונקעלט מיט דעם שטויב
פון זייער פאַלשער, פלאַכער עקזיסטענץ,
איך האָב געביינקט און ניט געוואוסט נאָך וואָס.
די מדבר־לופט האָט מיך גערופען זים,
די העלע זון האָט מיך געקוסט מיט לוסט,
דער וויטער הימעל האָט מיך איינגעוויגט,
און אונבעקאַנטע שטימען אין מיין הערץ
האָבען מיר געהייסען געהן צו דער נאַטור.

(ער רעגט זיך אויף אין אימה'דיגער עהרפורכט):

דער ווייטער מדבר ליגט פערהילט אין נאַכט,
דער דונק'לער הימעל וועלבט זיך איבער מיר,
פערדעקט מיט שוואַרצע וואָלקען, אָהן שטערען,
אונענדליך, אונבעגרייפליך, אימה'דיג.
די קרעפטע פון דער וועלט פערוויקלען מיך,
ווי ווילדע כוואַליעס פון אַ ברייטען ים,
דער שאָטען פון דער ערד פערשלייערט מיך,
איך פיהל אין זיך די גבורה פון אַ גאָט.
אַ שטאַרקער שטורם בעוועגט מיין פעסטע ברוסט,

www.libtool.com.cn

איך מוז דעם שעפּפער פון דער וועלט יעצט זעהן.
מעג מיך אַ בליץ דערשלאָגען וואו איך שטעה,
מעג מיך אַ שטורם־ווינד וואַרפען צו דער ערד,
מעג מיך אַ מחנה ווילדע גייסטער פאַנגען,
איך מוז בעפרידיגען מיין ווילד פערלאַנגען.
גייסט פון דער שעפּפונג, איך בעשווער דיך יעצט,
דאָ שטעהענדיג אַליין אין דיעזער נאַכט,
זאָג מיר, וואו זאָל איך דיך געפינען, וואו ?
איהר שטורם־בעוועגטע ימים, זאָגט, אָ, זאָגט !
איהר שוואַרצע וואָלקען אין דער בּרייטער לופט,
איהר אייביג שנעע־געקרוינטע ריעזען־בערג —
איהר גרויסע און אוראַלטע וועלדער זאָגט,
אונענדליכע נאַטור נאָך וועלכע איך האָב אָפט
געשמאַכטעט פון מיין אינערליכסטער הערץ,
נאָך וועלכער מיין נשמה האָט געגאַרט,
און וועלכע איך האָב איניג־היים געליעבט, —
זאָג מיר, וואו זאָל איך דיך געפינען, וואו ? —

www.libtool.com.cn

# א מאַנאָלאָג פון דער דומהייט

אַך, ווי גוט מיר איז צו ליגען
ביי דעם אַרביטס־מאַן אין קאָפּ,
ס'איז מיין בעסטער פערגעניגען,
קיין זאַך געהט מיר דאָרט ניט אָפּ.

עסען, עס איך זיין געהירען
(ס'איז אַ זעהר זיסע זאַפּט),
אין דער שטיל — ער זאָל ניט שפּירען —
זויג איך אוים זיין דענקונגס־קראַפּט.

כ'בין ביי קיינעם אונטערטהעניג,
איך אַליין האָב דאָרט די מאַכט;
איך רעגיער דאָרט, ווי אַ קעניג,
ווייל עס איז דאָרט שטענדיג נאַכט...

ווי אַ פלעדער־מויז פערשפּרייט איך
מיינע שוואַרצע פליגעל דאָרט;
און די פינסטערנים פערברייט איך,
כ'לאָז פאַר ליכטיגקייט קיין אָרט.

טאָמער קומט אַ שטראַהל געפלויגען
פון פערשטאַנד און וויל אַריין,
ליעג איך דאָרטען אויסגעצויגען
און איך שריי: „דער אָרט איז מיין!...

www.libtool.com.cn

קריגט דער ארבייטער אָכאָטע
צום פערשטאַנד (אָ גאָט בעהיט) !
שריי איך, ווי אַ פראָש פון בלאָטע :
„הער, מיין פריינד, עס טויג דיר ניט !“...

און ווי דאַנקט מיר טראָהן און גלויבען,
פאַר מיין הילף צו זייער ציעל !
איך, די דומהייט, העלף זיי רויבען,
טרייבען זייער טייפעל־שפיעל.

איך, די דומהייט, בין דער קירכע׳ס
בלאַנקער, צוויי־געשאַרפטער שווערד,
נאָר דורך מיר, אָהן מיה, אָהן טרחות,
רויבט זי זיך די גאַנצע ערד. —

איך, די דומהייט, העלף פערפיהרען
אין אַ שמוץ דעם אַרבייטס־מאַן ;
כ׳היים איהם דולדען די וואַמפירען —
שאַפען אוצרות דעם טיראַן. —

איך בין דאָס שוואַרצע שלייער,
וואָס פערשטעלט די וועג צום גליק,
איך בין דאָס דער קעפ־פערדרעהער,
כ׳היים די מענשהייט געהן צוריק...

דאָך... איך ציטער... אָ, די צייטען...
עפעס דוכט מיר... דוכט זיך אָפ,
אַז דער אַרבייטער וועט בייטען
מיך, זיין שכן, פון זיין קאָפ. —

www.libtool.com.cn

דען אין פוסטען, שווארצען מח,
וואו איך הערש מיט ווילדער מאכט,
דרינגט פערשטאנד אריין מיט כח —
און מיין שאטען־טראָהן צוקראַכט...

# און אימער נאך

און אימער נאָך, אימער נאָך, אימער נאָך ליידט איהר;
און אימער נאָך שקלאפען פערוואָגעלטע זייט איהר;
און פרייהייט און וואוילשטאנד אויף „פריי־זופ" פערבייט
איהר;
און אייערע מענשליכע רעכטע פערשפייט איהר;
און יעטווידען אויפשטאנד מיט אימה פערמיידט איהר;
און אונזערע בעסערע לעהרען פערשרייט איהר;
און אימער נאָך, אימער נאָך, אימער נאָך ליידט איהר;
און אימער נאָך שקלאפען פערוואָגעלטע זייט איהר!

www.libtool.com.cn

# צום גלויביגען

ניט פאַל, אַ מענש אויף דיין געזיכט פאַר גאָט,
דורכוויקט פון טרערען, פון געבעט פערשוואַכט!
ניט מעהר פערהערליך איהם מיט לויב און פראַכט;
חען ווייס: אין ז י י ן גלאַנץ ליגט פאַר ד י ר אַ שפאָט....

די זעלבע קראַפט, וואָס לעבט, ווירקט אין ד י ר,
זי ווירקט און לעבט אין אַלעם, א י ב ע ר אַ ל;
עס גיבט קיין קראַפט, קיין שטאַרקערע פאַר א י ה ר.
פאַר זיך אַ ל י י ן ניט בוק זיך און ניט פאַל;

און ציהסטו דורך דעם גאַנצען וועלטען־רוים,
פון א י ה ם, דיין ג אָ ט, געפינסטו קיין שפור;
דער „גאָרנישט" האָט קיין פּלאַץ אין דער נאַטור
און ע ר, דיין אַ ל ע ם, איז אַ פוסטער טרוים...

אַ שלעכטער טרוים, אַ בייזער טרוים, אָ, מענש!
ענטשטאַנדען פון דער דומהייט און פערשטאַרקט דורך שרעס,
דיך צווינגט די ק נ ו ט ע: „וואַרף דיין איך אַוועק",
און אָפּפער זיך פאַר א י ה ם און לויב איהם, בענש.

און ווייסטו ווער דער ע ר איז, בעסטער פריינד?
דאָס איז די הערשער־מאַכט, די שטריק, די קייט,
וואָס בינדט דיך, קוועלט, און שענקט דיר נאָכ'ן טויט
די שוואַרצע גרוב, אַנשטאָט דעם שעהנעם ה י י נ ט.

www.libtool.com.cn

דיין תפלה און דיין וויינען איז אַ טרייסט,
דאָך ניט פאַר דיר — פאַר דיינע הערהרען נאָר!
דיין בעטען זאָגט זיי אָן אַ גוטעם יאָהר,
דען זעלבסט צו נעהמען ביזטו נאָך ניט דרייסט...

די יאָהרען שוועבען, לויפען זיך פערביי,
אַ שטראָם פון דיינע טרערען יאָגט זיי נאָך,
און אַך! נאָך שווערער ווערט דיין לאַסט, דיין יאָך,
דיך דריקט די דעספּאָטישע טיראַניי.

ווער הערט דיין שטילעם וויינען, בלייכער קנעכט?
ווער זוכט צו לינדערן דיין נויט, דיין פיין?
דער מעכטיגער וויל אימער מעכטיג זיין,
דען וואָס איז ער, ניט רויבענדיג דיין רעכט?...

דיין לוסט צום שטרעבען און דיין האָפנונג זינקט;
דען ניכטס איז האָפנונג אָהן דעם מענשענ׳ס טהאַט;
דיין שקלאַפען־לעבען מאַכט דיך מיעד און מאַט —
און זעה, ווי גיך דער קאַלטער קבר ווינקט!

דער גלויבענס־נעבעל רינגעלט דיך ארום,
אַזוי ווי אַ שיף, וואָס שטעהט אין מיטען ים;
עס פיהלט די ברוסט דעם לעבענ׳ס זעהנזוכט׳ס פלאַם,
עס זוכט געגום — דאָך דו ביזט שטיל און שטום...

געפינסט קיין אויסגאַנג ניט? — אַ, בליק אַהער!
דו פרייהייטס־מאַן, צושפּאַלט דעם נעבעל גיך,
אַ שטראַהלען־רעגען וועט ערפרישען דיך
און אויסקוסען דיין לאַנג פערגאַלטע טרער.

www.libtool.com.cn

ווי פון דער ערד שטייגט אויף א נייע וועלט,
א נייע צויבער־לאנד, זא גאלדיג שעהן;
ערפילט מיט לעבען און מיט לוסט — און ריין
פון הערשער־שמוץ, פון גלויבענס־פעסט און געלד.

# דעם נביא'ס מפלה

דער נביא האט געוואלט די טויטע בעשווערען,
זיי זאלען ווידער לעבעדיג ווערען,
ער האט די טויטע פון קבר גערופען,
און געוואלט בעלעבען די טויטע גוף'ן,
און אלס ער האט די נשמות בעשווארען,
איז איהם פלוצלינג מאדנע צום מוטה געווארען;
עס האט איהם געדומען צופען און בייסען,
ביז ער האט געוואלט פון זיך די הויט רייסען.
שטעכיגע פליגעלעך זיינען איהם בעפאלען,
ביז ער האט זיך געקראצט מיט נעגעל און קרעלען;
פון אלע זייטען האבען זיי איהם געריסען,
ביז ער האט פון זיך די הויט געביסען.
אט דאס זיינען די טויטע נשמות, כלעבען,
און מעהר האט ער זיך קיין מיה געגעבען.

www.libtool.com.cn

# דער שלאָף

נאַכט האָט ברייט זיך אויסגעגאָסען,
אַלע אויגען צוגעשלאָסען,
איך אַליין נאָר זיץ ביי'ן טישעל
און איך לערען נאָך אַביסעל.
אַך, ווי זיס דאָס איז, ווי טהייער!
ס'לעשט די זעעלע'ס דורשטיגען פייער,
גלייך ווי טהוי, ווי טראָפּענס נאַסע
טרינקען אָן די ליליע בלאַסע,
וועלכע וואַרט, די זאָנען־שטראַהלען
זאָלען ווערען שוין פערפאַלען
און די נאַכט זאָל ענדליך ווינקען,
אום דעם טהוי צו קענען טרינקען.

און איך לערען, מיש די בלעטלעך,
וועלכע זיינען גלייך צו בעטלעך,
וואו עס רוהען טויטע ראַסען,
העלדען, קעמפּפער, פעלקער־מאַסען.
כ'לערען, לעז פון טאַפּפערע קריעגער,
פון בעזיעגטע און פון זיעגער,
וועלכע האָבען פול טרייהייט,
היים געקעמפּפט פאַר רעכט, פאַר פרייהייט,
וועלכע האָבען ווי די לייבען,
ווי די ריעזען זיך ערהויבען

www.libtool.com.cn

מיט אַ ליעבעס־באַנד צוזאַמען,
אום די הענקער צו פערדאַמען.

לעבענד זעה איך די געזיכטער
פון די העלדען, גלייך ווי ליכטער,
כ׳זעה די אויגען פלאַמען, בליצען,
שטראַמען מוטה און שכל שפּריצען.
און די לאָקען, לאַנגע, שעהנע,
גלייך ווי וועלען, כוואַליעס קליינע,
ווען דער ווינטעל טהוט זיי רייצען,
וואַרפען אום זיך אויף די פּלייצען.
אַך! עס טראַכט זיך מיר ביי׳ן לעזען:
וואָלט עס יעצט, אַ יעצט געוועזען,
און איך וואָלט שוין דאָרטען זיצען —
דאָרט, אין פעלד, וואו שווערטער בליצען...

פון געשיכטע געה איך איבער
צייט׳רענדיג אין לייכטען פיבער
צו די אַנד׳רע וויסענ׳ס־לעהרען,
וועלכע זוכען צו ערקלערען
יעדע קראַפט, וואָס ליעגט בעהאַלטען
אין נאַטור׳ס געהיימע פאַלטען
פון דער ערדע, פון די פּלאַנצען,
פון דעם ערדענ־רייך אין גאַנצען,
און פון יענע לעבענס־טהיערע,
וועלכע האָבען זייער דירה
דאָרט ביי׳ן אָבגרונד פון די ים׳ען,
וואו זיי לעבען זיך צוזאַמען.

www.libtool.com.cn

און איך לערען, לערען, לערען,
דאָך, ווער זוכט עס מיר צו שטערען?
עפּעס ציהט — איך הויב אָן שפּירען
אַ טומאַן אויף די געהירען,
וואָס איז דאָס? פון מיינע אויגען
איז די זעהונגס־קראַפט פערפלויגען,
און זיי ווילען זיך שוין שליסען,
ווער איז דאָס — איך וואָלט עס וויסען —
וואָס פערגינט מיר ניט די שטונדען,
ווען איך הייל די אַלטע וואונדען?
ווער איז דאָס? איך מעג דאָך זיצען
נאָך אַ טאָג פון שאַפען, שוויצען!

שאַט! איך פיהל, אַ שוואַרצער שאָטען
וועבט אַרום מיין קערפּער מאַטען,
שטילער, שטילער, עס בעוועגט זיך!
שטילער, שטילער, אַט עס רעגט זיך:
„כ'בין דער שלאָף, איך בין דער דרימעל,
כ'בין געשיקט פון מאַמאָן'ס הימעל
דיר דעם מח צו פערשפּינען,
שטומפּיג מאַכען דיר דעם זינען,
דיינע אויגען צו פערמאַכען,
זאָלסט ניט קענען לערנען, וואַכען...
מוזט פּאַר־טאָג שוין געהן פערדינען —
דרעהען, טרייבען די מאַשינען.

„מיינסטו, אַז די פרייע שטונדען,
די מינוטען, די סעקונדען,
ווען דו ביזט פון שאַפּ געקומען,
האָט מאַמאָן ניט צוגענומען?

www.libtool.com.cn

וויים: זיי זיינען אויך ניט דיינע!
גאָט מאַמאָן זאָגט: „אַלץ איז מיינע“!
רוה נאָר אוים דיין קערפּער שלאָפען,
זאָלסט אויף מאָרגען קענען שאַפען,
ווי אַ פערד, יא, ווי אַ בהמה
פול מיט אַנגסט, מיט שרעק, מיט אימה
פאַר דעם געלד־גאָט׳ס שווערע בייטשען...
כ׳דאַרף ניט מעהרער דיר פערטייטשען“...

. . . . . . . . . . . . . . .

אַך, ווי ביטער איז דאָס לעבען!
אַלץ דעם טייפעל אָבגעגעבען...
אַרבייטער! בעטראַכט... בעטראַכט אייך!...
אַך... עס שלעפערט... גוטע נאַכט אייך!...

www.libtool.com.cn

# נעכטען און היינט

ביי נאכט האט דער פאטער, אן אלטער פאעט,
בעזונגגען דעם שנעע און געגאנגגען צו בעט.
אויף מארגען האט ער פאר זיין זוהן אין דער פריה
געלעזען זיין נעכטיגע שנעע־פאעזיע:

„ווי פעדערען ווייסע, פון ענגעל געפליקט,
די ערד צו בעפוצען פון הימעל געשיקט,
ערשיינט מיר דער שנעע אין זיין רוהיגען געהן,
זיין צארטקייט בעצייכענט די אונשולד אליין.

„און וואו עס געפינט זיך א שמוציגער ארט,
א בלאטע, א זומפּ אויפען גאס דא און דארט,
זא ווערט עס פונ'ם שנעע מיט א דעקטוך פערשפּרייט
און אלעס איז קלאר אין דער לייננ און דער ברייט."

דער זוהן האט די ליעד מיט התמדה געהערט,
מיט שכל די ווערטער בעטראכט און בעקלערט,
נאר באלד האט דער פאטער געזאגט איהם: „מיין זוהן,
בעזינג אויך דעם שנעע זא, ווי איך האב געטהון."

דער זוהן האט אין פענסטער געגעבען א בליק
און האט איהם געענטפערט ביי'ן קומען צוריק:
„אך פאטער, ס'איז אנדערש פון נ ע כ ט ע ן ביז ה י י נ ט —
דער שנעע איז יעצט שמוץ, דען די זון האט ערשיינט"...

www.libtool.com.cn

# פריידען

פאָלק! דו האַלסט דעם פרייד׳ען הייליג,
ליעבסט איהם הערצליך, ליעבסט איהם זעעליג,
לאָזסט זיין נאָמען ניט בעשמוצען.
זאָג: וואָס ברענגט עס דיר פאַר נוצען,
וואָס דו זוכסט אַלץ צו פערדאַמען
די, וואָס הייסען ניט צוזאַמען
יענעם בונד פון פריידען האַלטען,
וועלכער, ווען דו וואָלסט איהם שפּאַלטען,
וואָלט ער ברענגען גליק און לעבען
און די וואָהרע רוה דיר געבען?

ווייסטו דען די אונטערשיעדען
פון אַ וואַהרען, פאַלשען פריידען?
ניין! דו ווייסט עס ניט אויף זיכער,
עפּען אויף די וויסענס־ביכער!
און זיי וועלען דיר ערקלערען,
מיט דער וואַהרהייט דיך בעלעהרען:
דאָס פריידען מיינט יענע רייהען,
וואו עס גיט קיין צווייפּאַרטייען —
פון געדריקטע און פון רייכע —
נאָר פון פרייע מענשען, גלייכע!...

גלייכע אין פּראָדוקטען שאַפען,
ניט פון הערשער און פון שקלאַפען!

www.libtool.com.cn

גלייכע אין געניסען אַלעס,
סיי אין רייכקייט, סיי אין דלות.
ווייל אַ מענש מיט מיר ניט קריעגען,
דאַרף ער מיך קיינמאָל בעטריעגען.
רויבט ער מיינע — מוז איך שטרייטען,
כ'וויל מיין „רעכט“ אויף „ניכטס“ ניט בייטען,
לאָז איך רויבען — בין איך איינער,
וואָס בעגיסט מיט טהוי די שטיינער....

# פריהלינג און הערבסט

איך ליעב דעם וואַלד, ווען ער איז גרין,
איך ליעב איהם אויך, ווען ער איז געל;
דען קיינמאָל נאַרט ער ניט מיין זין
און צייגט די וואַרהייט ליכטיג, העל...

איך זעה דעם פריהלינג אויך אין הערבסט:
דער אמת וועלקט ניט אין נאַטור.
אָ, שעהם זיך וועלטעל! נור דו פערדערבסט
פון ריינעם אמת יעדע שפור...

www.libtool.com.cn

# די פריעדענס-פּאַלמע

אַ פריעדענס-פּאַלמע בליהט
אין נייגצעהנטען יאָהרהונדערט,
פון קעניגע געהיט,
פון טויזענדע בעוואונדערט.
זי גיבט קיין שאָטען ניט
דעם וואַנדערער דעם מיעדען,
קיין פרייער פויגעל פליהט
אינ׳ם הימעל פון איהר פריעדען.

דאָך שטעהט זי אונגעבויגען
זייט לאַנגער, לאַנגער צייט,
געוועסערט פון די אויגען
פון יונג׳ און אַלטע לייט,
פון זיפצען און פון קלאָגען,
פון קרעכצען שטיל געווינט,
פון שמערצען און פון פּלאָגען,
פון וועהטאָג אונבעזיעגט.

פיעל טויזענד פילגער ציעהען
צו איהר פון יעדעס לאַנד,
מיט הערצער, וועלכע גליהען
פון כעס, שטאָלץ און שאַנד.
דאָך ווענינ פילגער קומען
צוריק מיט איהר אין האַנד,

www.libtool.com.cn

זיי פאַלען און פערשטומען
דאָרט קעמפפענדיג ביינאַנד.

איהר זאַנפטעסטע בעוועגונג
רעגט אויף די גאַנצע וועלט,
איהר קלענסטע, שטילסטע רעגונג
וואַרפט אָן אַ ווילדע קעלט.
מיט בליקען פול מיט טרויער,
אַליין אין זיין געצעלט,
בעוויינט דער אָר'מער בויער
דעם פריעדען, וואָס איהם פעהלט.

עס וויינט די צאַרטע מיידעל,
און בעט פאַר איהרע זינד;
די מוטער, מילד און איידעל,
בעקלאָגט איהר ליעבעם קינד;
דאָך קומען זיי ניט וויעדער,
די קעמפפער, 'זוי געשווינד,
די קינדער און די ברידער,
זיי ליגען טויט און בלינד.

זיי זיינען לאַנג פערשוויגען,
די שטאָלצע קעמפפער אַלע,
דען ווייט אין שלאַכטפעלד ליגען
אַ הויפען שאַרבענס קאַלע;
און אימה'דיג פון מיטען,
פערשוואַרצט פון בליי און רויך,
ערהויבט זיך אונפערשניטען
די פריעדענס־פאַלמע הויך.

www.libtool.com.cn

עס קוקט אויף איהר די זאָנע
אַראָב אין שמערץ און גראַם;
דאָס מויל פון אַ קאַנאָנע,
דאָס איז איהר שטאַרקער שטאַם;
די צווייגען זיינען שווערטער,
די בלעטער זיינען שפּיעזען,
געריבט פון פיעלע ערטער,
פון פיעלע טויטע ריעזען. —

www.libtool.com.cn

# דער פרייהייטס־קעמפפער

ער מעג אליין אין שטורם שטעהן,
זיין טהעטיגקייט וועט בלייבען;
איהם קען די נויט, און אויך דער טויט
פון ווירקען ניט פערטרייבען.

ער מעג פון פיינד און גוטע פריינד
פערשטויסען און פערשפעטעט זיין;
ער זעהט אויך היינט, די זון וואָס שיינט
פון פרייהייט, וועלכע וועט זיין.

ער זעהט די וועלט פון רויב און געלד
מיט האַס, און שפּאָט, און קאַלטקייט;
ער קעמפפט אין פעלד, אַ יונגער העלד,
ער ווייס ניט פון קיין אַלטקייט.

ער רייסט מיט רייד דעם שעהנעם קלייד
פון פאַלשקייט און פון ליגען,
ער קעמפפט אין פרייד, אין שמערץ און לייד,
ניט דענקענדיג זיעגען.

איהם טרייבט דער דראַנג פון פאָלק'ס פערלאַנג
צו לעבען און געניסען;
דער האַס צום שלאַנג פון שקלאַפען־צוואַנג,
פון מענשען אָהנע וויסען.

www.libtool.com.cn

איהם יאָגט דער גייסט, וואָס ברעכט און רייסט
דאָס פוילענדע אין שטיקער,
וואָס שטעכט און בייסט און שטראָפט און שמייסט
דעם ווילדען אונטערדריקער.

איהם אַרט קיין שפּאָט פון לייט און גאָט,
ער וויל קיין לאַסט ניט טראָגען;
ער זוכט, און האָט, אַ נייע געבאָט,
וואָס הייסט ניט לאָזען פּלאָגען.



www.libtool.com.cn

# די קוגעל־גיסער

אכצעהן הונדערט אכט און פערציג —
„מיכעל“ איז א העלד געוואָרען!
דייטשלאנד'ס מיכעל איז א קעמפפער
און ער קעמפפט מיט מוטה און צאָרן!

זיינע לאנגע עזעל־אויערען
האָט ער פלוצלינג איינגעצויגען,
און דעם עהרליך־בראוונען רוקען
האָט ער ענדליך אויסגעבויגען.

און ער קעמפפט אויף באריקאדען,
דען צו שווער איז איהם צו טראָגען
פון זיין „פאטערלאנד“ די לאסטען,
פון די פירסטען און הערצאָגען.

ביקסען קראכען, קוילען פליהען,
קאמפף־געשרייען הערט מען שאלען;
אָרעמס פעכטען, שווערטער בליצען,
און די פיינדע פאלען, פאלען.

און — אָ פריידע! אין דעם טומעל,
אין דעם ליארעם, אין דעם שטורעם
שטעהען קינדער און זיי גיסען,
גיסען קוילען אין א פורעם.

www.libtool.com.cn

פאַר די פריינדע, פאַר די קעמפפער,
פאַר די טאַטעס, פאַר די ברידער
טאָרען ניט קיין קוילען פעהלען,
און זיי שאַפפען אימער וויעדער.

בעקלעך גליהען, שטערענס שוויצען,
אויגלעך בליצען טיעף בעגייסטערט;
יעדער היילט זיך, מונטער־פלייסיג,
און מען ארבייט און מען מייסטערט.

„האַלץ אהערצו!" — שרייט אוים איינער
און הויבט אָן דעם קעסעל מישען;
„שטופ מיך ניט!" — שרייט אוים אַ צווייטער,
וועלכער האַלט דעם בליי אין גיסען.

„אָט איז האָלץ אַ פולער פאַרטוך!"
און דער פייער'ל פלאַקערט העלער,
און דער קאַמפף ברענט שטאַרקער, שטאַרקער,
און די קוילען ווערען שנעלער.

קליינע העלדען, קוגעל־גיסער —
וועלכע וואונדער־שעהנע סצענע!
אַה, ווי וואָלט איך האַלזען, קוסען,
קלוגע קינדער, זאַ ווי יענע!...

פאַר די באָבע'ס פוסטע מעשות
פלעגען זיי זיך פריהער שרעקען,
און ביי־נאַכט די לאָקען־קעפּלעך
אין די קישען טיעף פערשטעקען.

www.libtool.com.cn

אָבער איצטער, ווען די טאַטעס
שטעהען מוטהיג אינ'ם פייער,
האָט אויך אין די קליינע קינדער
ערוואַכט דער גייסט דער פרייער. —

פינף און פופציג לאַנגע יאָהרען
זיינען זייט דער צייט פערשוואומען,
נאָך איז ניט דער קאַמפף געענדיגט,
קעמפפע נייע וועלען קומען ! —

אָבער איהר, איהר שקלאַפען־עלטערן,
לערנט אייערע קינדער פריי זיין ;
בראַוואָ פרייהייטס־קעמפפער ! דאָס זאָל
די ערציהערס ה ע כ ס ט ע ר פרייז זיין !...

www.libtool.com.cn

# דער אַבשיעד

דער טאָג איז געקומען דער גליקליכער,
אויף וועלכען דו האָסט לאַנג מיט זעהנזוכט געוואַרט,
דער טאָג, וואָס בעפּרייט דיך פון פינסטערען שאַפּ,
וואו דו ביזט געווען פיעל יאָהרען פערשפּאַרט.
דו זעהסט דורכ'ן פענסטער די זאָנע מיט פרייד,
עס שיינט דיר היינט ליכטיגער, שעהנער איהר שטראַהל,
ווענסט מעהר זי ניט זעהן אַזוי, ווי ביז היינט,
דורך די דונקעלע שויבען, מיט שמערץ און מיט קוואַל.

דער טאָג איז אַוועק — די זון געהט אַראָב
און וואַרפט אויף דיין אַרבייט אַ גאָלדענעם פונק,
דו הויבסט אויף די אויגען און קוקסט זי אָן לאַנג
און, דאַכט זיך, זי זאָגט דיר גאַנץ שטיל, מיט אַ וואונק:
„לעג ניעדער די אַרבייט, דו גליקליכעס קינד,
די נאָדעל, מיט וועלכער דו האָסט לאַנג געשאַפט —
די שטאָלענע נאָדעל, וואָס ז'האָט ווי מאַגנעט
געצויגען ביז איצטער דיין קראַפט און דיין מאַכט.

„לעג נידער די פאָדים, לעג ניעדער די זייד,
מיט וועלכע דו האָסט פאַר די רייכע גענעהט
די טהייערסטע קליידער פון זיידענע שטאָף,
און זיך ביי דער אַרבייט געוואונשען דעם טויט.
שנייד אָב די פאָדים, דו שניידסט דאָמיט אָב
די קייטען , וואָס דו האָסט געטראָגען ביז היינט,

www.libtool.com.cn

שנייד איבער די פאָדים — דער שניט זאָגט דיר אָן,
אז דו ווערסט פערבונדען אצונד מיט דיין פריינד!"

דיין הערץ הויבט אָן שלאָגען מעכטיג און שטארק,
דו לעגסט וועק דיין ארבייט, שטעהסט אויף פונ'ם אָרט,
דיין קאָפּ איז צומומעלט פון איפרעגונג, פרייד,
דו קענסט גאָר פאַר שמחה ניט ריידען קיין וואָרט.
דיין אויג ווערט פערפלאָסען מיט א וואר'מען טרער,
וואָס פינקעלט אזוי ווי א טהייערער שטיין.
דו קוקסט זיך ארום אויף די ווענד פונ'ם שאפּ,
און נעהמסט פון איהם אבשיעד מיט שטילען געוויין:

„אדיע, דו פינסטערע גרוב פון דער ערד!
אדיע, דו קערקער אין פרייהייטס-געשטאלט!...
אדיע, דו רויבער פון קרעפטען, פון בלוט!
דו טייפעל, וואָס וואַנדעלט פון יונג אום אויף אלט!
אדיע, דו פערפעסטעטע, גיפטיגע לופט,
דו האָסט באלד מיין לונגען געמאכט ווי א זיפּ.
פיעל בליהענדע בלומען זיינען געוואָרען פערוועלקט,
דו האָסט זייער זאפט אויסגעצאפּט מיט דיין ליפּ!

„די קינדערשע יאָהרען, פון לעבען דעם מאי,
האָב איך ביי דער ארבייט בעגראָבען אין דיר,
קיין פרייע סעקונדע, קיין פרייע מינוט
האָט עס אין מיין לעבען געגעבען פאַר מיר,
דאָ האָב איך פיעל גאָלדענע חלומות געטרוימט,
און פיעל מאָל געזעסען פערזונקען אין וועה,
דאָ האָב איך געלאכט, און פיעל מאָל געוויינט,
דאָך יעצט נעהם איך אָבשיעד מיט פריידען — אדיע!"

www.libtool.com.cn

נון, יעצט מיט דעם פּאַרמאַן געזעגענסטו זיך,
ער קוקט אויף דיר שמייכלענד, מיט פרעהליכען בליק,
דו מיינסט, אז ער פרעהט זיך, אַ טעות, מיין פריינד!
ער שענקט דיר אַלס עהרע די ווערטער „מיט גליק“.
און יעצט מיט די פריינדינס געזעגענסטו זיך,
און יעדערע ווינשט: „אין גיכען ביי דיר“.
שוין פאַרטיג! גיסט ווידער אַ קוק אויף די ווענט,
און נעהמסט אָן מיט שמחה די הענטעל פון טהיר —

דאָך האַלט! יעצט האָב איך דיר צו זאָגען אַ וואָרט:
אומזיסט איז דיין שמחה, אומזיסט איז דיין פרייד!
ווערסט איצטער נאָך ווערען אַ שקלאַף ביי אַ שקלאַף.
ווערסט האָבען נאָך גרעסערע צרות און לייד!
אַן ארבייטס־מאַן נעהמסטו, אַ פינסטערען קנעכט,
אַ, מיידעל! ווערסט ווערען פערפינסטערט, פערשווארצט,
דיין רוקען וועט בויגען זיך יונג פאַר דער צייט!...

ווערסט וואוינען אין פינסט׳רע קליינינקע רומס,
אין אַ שמוציגען הויז, אויף אַ בוידעם, טאָפּ־פלאָר,
ווערסט זעהן דעם לענדלאָרד גאַנץ עפטערס ביי זיך,
וואָס היט, דו זאָלסט צאָהלען די רענט אויף אַ האָר.
און ווערסטו ניט קענען איהם צאָהלען צום סראָק,
זאָ וואַרפט ער אין סטריט דיינע זאַכען אַרויס,
און זאָגט נאָך דערביי מיט אַ מינע פון שמערץ:
„איך מוז דאָך אויך צאָהלען די שטייער פון הויז“...

ווערסט קינדערלעך האָבען, ווערסט ליעבען זיי שטאַרק,
און עפטערס ניט האָבען קיין עסען פאַר זיי,
און זאָ ווי מיט שפּיזען וועט שטעכען דיין הערץ
זייער ביטערער יאָמער, דער הונגער׳ס געשריי.

www.libtool.com.cn

וועסט שטענדיג נאָר ציטערען פאַר'ן ביטערען „סלעק",
די פינסטערע צייט, ווען קיין אַרבייט איז ניטאָ;
וועסט פלוכען דיין לעבען, וועסט פלוכען דיין מאַן,
וועסט שילטען דעם חתונה טאָג, און די שעה.

דו געהסט צו דער חופה מיט שמחה, מיט פרייד,
דו מיינסט, דיך ערוואַרטעט דער מזל, דער גליק,
אָ מיידעל, דו ביזט נעבעך ביטער געאירט!
דער מאַרש צו דער חופה איז אַ טויטען־מוזיק,
תכריכים נאָר זיינען דער שלייער, דער טול;
די חופה — דיין גרוב, דער מת — דו אַליין,
דער גאָלדענער רינג איז אַן אייזערנע קייט
און אויך אַ מצבה, אַן אָנדענקונג שטיין!...

www.libtool.com.cn

# מייסטער און לעהרלינג

ער האלט איהם און שלאָגט איהם, און האלט איהם פעסט.
מיט הענד ווי מיט אייזערנע צוואַנגען.
דער אָרעמער לעהרלינג שרייט נעבעך אוים :
„וואָס האָב איך דען מייסטער בעגאַנגען ?"

„דו קליינער יונגאַטש, דו האָסט היינט אין דער פריה
געקוקט מיין נעלל נעבען ברונען,
ווען דו האָסט זי דאָרט מיט צולאָזענע האָר
שפּענדיג וואַסער געפונען."

„איך ווייס ניט אַליין ווי איך האָב עס געטהאָן,
איך שווער אייך, מיין הערר, בנאמנות ;
עס האָט מיך געמאַטערט די ליעבעס־לוסט,
דאָס עס איז געווען אַ סכנות.

„די זון האָט אַריינגעשיינט אין מיין צימער,
און האָט מיך ניט שלאָפען געלאָזען ;
כ'האָב געזעהן דעם טהוי אויפ'ן גרינעם גראָז
און געריכט דעם דופט פון די ראָזען.

„כ'בין אַרוים אין גאָרטען ; אַ ליעדעל האָט זיך
אין טרעלען פון מיין האלז געקייקעלט ;
דאָך דאָרטען נעבען ברונען איז נעלל געשטאַנען
און האָט אויפ'ן עמער געפייקעלט.

www.libtool.com.cn

„זי האָט אויסגעזעהן אַזוי שעהן,
דאָס מיך האָט די לוסט צונומען,
און אַזוי ווי איהר זעהט זיינען מיינע ליפּען
מיט איהר באַק זיך צונויפגעקומען.“

# פּאַטער-געפיהלען

קינדער פון דער ערד, איך ליעב אייך,
ווי אַ פאַטער, און פערגיב אייך
אַלע אייערע זינד;
מיט, און פאַר אייך וואָלט איך לעבען,
אייך מיין הארץ אַוועקגעגעבען,
ווי אַ קליינעם קינד.

זעה איך אייך אין פולע גאַסען,
גליקליך און געציערטע מאַסען,
דורך דער יוגענד־ליעבע רייך, —
וויינט זיך מיר מיט פריידען־טרערען,
און מיין איניגסטעם בעגעהרען
איז צו לעבען נור פיר אייך.

www.libtool.com.cn

# ציהט שטאַרקער די סטרונעס

די הייזער ווערען העכער,
די לענדלאַרדס ווערען שטרענגער;
מיר שלאָפען אויף די דעכער,
אין שטוב ווערט אימער ענגער.

די אַרבייטס־צייט ווערט גרעסער,
דער אַרבייטס־לאָהן ווערט קלענער;
די „באָסעס" גערהט עס בעסער,
זיי ווערען דיקער, שעהנער.

די ריכטער ווערען שלעכטער,
ווי וואַהרע קאַניבאַלען;
און דער וואָס איז גערעכטער,
דער מוז אַלס אָפּפער פאַלען.

די פוהר־לייט פון גן־עדן,
(רבנים, ווי אויך פּריעסטער)
זיי הייסען אונז ניט ריידען,
ווען די וועלט ווערט אונז פינסטער.

ניט מעהר אַזוי פיעל יאָהרען
וועט אייך דאָס פאָלק פערשווייגען;
דער ראַכע־גייסט, דער צאָרן,
ער האַלט אין ווילדען שטייגען.

www.libtool.com.cn

דריקט מעהר, איהר האָבונעס,
און טאַנצט אין די פּאַלאַצען,
ציהט שטאַרקער אָן די סטרונעס —
און די געדולד וועט פּלאַצען.

# לעבט אין פריעדען

פריעדען אויף דער גאַנצער ערד,
גלייכהייט פאַר דער גאַנצער וועלט !
לעבט אייך פריינד, ווי אייך געפעלט,
אָהנע שווינדעל, אָהנע געלד,
אָהן דעם הענקער, אָהן דעם שווערד,
קעניג, בויער, שקלאַף און קנעכט,
יעדער האָט דעם זעלבען רעכט.
ניט קיין גאָט און ניט קיין טראָהן, —
יא, מען דאַרף קיין אויבענאָן,
און מען דאַרף קיין אונטען ניט.
וואָס מען דאַרף זאָל יעדער טהאָן, —
ווי דער בויער אַזוי דער קעניג.
ועמען, זאָגט, וועט דאָן זיין ווייניג ? —

www.libtool.com.cn

# ערפאָלג

אונענדליך וועלען מיינע בלומען בליהען,
ערדרייכט וועט ענדליך זיין מיין לעבענס־ציעל ;
און אויב ניט אַלעס וועט מיין גייסט ערציהען,
פערלאָרען געהן וועט ענדליך דאָך ניט פיעל.

ניט אַלעס קען אין לעבענס־תהום פערזינקען,
ניט אַלעס קען פערלאָרען געהן אין רויש ;
דער מוטנער שטראָם קען דאָך ניט אַלעס פערטרינקען,
די שטורעמס רוישען זיך אַם ענדע אוים. —

וואָס מוז געשעהן אינ׳ם מענשענ׳ס לעבען,
דאָס קומט אַם ענדע מיט די צייטען דאָך ;
דאָס ברענגט מיט די נאַטור אין אייביגען שטרעבען,
דאָס שאַפט דער מענש אין שווערען לעבענס־יאָך.

דאָס איז דעם מענשענ׳ס אָנגעשטרענגטער ווילען,
וואָס שמידעט די מענשהייט׳ם אייביגען שיקזאַל ;
דאָס זיינען אונזערע ערהאַבענע ציעלען,
וואָס עפ׳נען אונז דעם טיעפען לעבענס־קוואַל.

מען דאַרף נור וועלען אום צו קענען שאַפען,
מען דאַרף נאָר שטרעבען אום צו קענען זיין ;
מיר קענען פריי זיין, אָדער הערען שקלאַפען,
ס׳איז ווי מיר אָרדנען אונזער לעבען איין.

www.libtool.com.cn

שאַפט אייך אַליין אַ וועג צום עקזיסטירען,
אונ ניט פערלאַזט זיך אויף דער הילף פון גאָט;
ניט לאַזט זיך אימער פון דער האָפנונג פיהרען,
דער מענש וואָס שטרענגט זיך אָן, דער האָט.

# וואַנדער-ליעד

יעצט מוז איך וואַנדערן מיט מיין פרייער ליעד,
יעצט מוז איך וואַנדערן אונ ניט ווערען מיעד,
עס מעג מיר ליגען אויף מיין הערץ אַ שטיין,
איך מוז מיר אַלץ וויטער, אימער וויטער געהן.

איך מעג פערפאָלגט זיין פון דער גרעסטער נויט,
מיין בעסטע האָפנונג מעג יעצט ליגען טויט, —
איך וויים, אַ צייט וועט קומען, ווען דאָס גליק
וועט לאַכענד געבען מיר רוה צוריק.

איהם וועל איך טרעפען, דעם געזונדען פריינד,
זיין שטערען וועט גלענצען פון פערשטאַנד בעשיינט,
מיט איהם צוזאַמען וועל איך לעבען שטיל,
אונ אימער שטרעבען צו מיין וויטער'ן ציעל.

www.libtool.com.cn

# צו די ארבייטער

.1

ווען איהר זעהט די זון פערזונקען —
פינסטער ווערט איהר פלאַם,
און די ערד זעהט איהר פערטרונקען
אין אַ שווארצען ים —

זאָלט איהר מענשען, נאָר ניט מיינען
אַז די זון פערגעהט;
ניין! די ערד-האָט פון איהר שיינען
זיך אַוועקגעדרעהט..

.2

ווען איהר זעהט פון גליק, פון לעבען
שיינט אייך ניט דער פראַכט,
שטענדיג זעהט איהר פאַר זיך שוועבען
וואָלקענס שוואַרץ ווי די נאַכט —

ווייסט: דער גליק ווערט ניט פערגאַנגען,
ס'ליגט אויף איהם קיין פלוך,
איהר אַליין האַלט איהם פערהאַנגען
מיט אַ שוואַרצען טוך!...

www.libtool.com.cn

# עס איז אַ טרוים—דאָך ריכטיג

איך זעה ביי־נאַכט אין טרוים
ביי'ן טייך אַ שעפּסעל ליגען,
עס שטעהט נעב'ן איהר אַ וואָלף
און ברומט מיט פערגעניגען:

„עס האָט מיר גוט געגליקט
די שעפּסעל צו דערשטיקען;
יעצט וועל איך מיט איהר פלייש
אביסעל זיך ערקוויקען."

ער עפענט אויף זיין מויל
און רייסט זי מיט די ציינהנער,
ער פרעסט מיט אפעטיט
און האַלט שוין ביי די ביינער...

דאָך פּלוצלינג מיט אַמאָל —
עס פאַנגט זיך אָן ערהויבען
די שעפּסעל און בלייבט שטעהן
פערוואַנדעלט אין אַ לייבען —

און גיך וואַרפט זי דעם וואָלף
צו דר'ערד זאָ שטאַרק אַנידער,
אַז ס'ווערט צופלאַצט זיין פעל,
צושאַטען אַלע גליעדער...

www.libtool.com.cn

איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף...
עס שיינט די זון שוין ליכטיג —
איך קוק זיך גוט אַרום,
עס איז אַ טרום — דאָך ריכטיג...

## ענטשלאָסענהייט

איך מוז געהן, און געהן אַליין,
כאָטש די וועלט האָט ליעב צו שטעהן,
גרוים אין פרייד און גרוים אין קוואַל
איז דער מענשליכער שיקזאַל.

אָפט האָט מיך די זאָרג געקיסט,
אָפט געבלוטיעט האָט מיין ברוסט,
כ'האָב עס קיינעם ניט ערצעהלט,
און די וואונד האָט זיך פערהיילט.

ווי אַ לייכט-טהורם וועל איך זיין
אין דער וועלט פון שמערץ און פיין,
לייכטענדיג דורך שטורם און נאַכט,
ביז דער מיעדער מענש ערוואַכט.

www.libtool.com.cn

# ווערטער פון א ברודער

אין ענגערע קרייזען פערשטויסט דיך די וועלט און זי האלט
דיך געבונדען,
דיין איך ווערט געטויטעט און דיין אייגענער ווילען ווערט
לאנגזאם פערשוואונדען,
פערלאנגענדיג שטארבט דיין פערלאנגען, די לוסט אין דיין
הערצען ווערט שטילער,
די שעהנע געפיהלען פון מיטלייד און פריינדשאפט, זיי ווערען
אלץ קיהלער און קיהלער.

דו קענסט אויף דיין היים און דו קענסט אויף קיין מענשען
מיט ליעבע ניט קוקען,
פערלאשען און קאלט איז דיין פריינדליכער בליק און
געקרימט איז דיין רוקען,
און פינסטערנים הערשט אין דיין מוח, עס שטעהען
געלעהמט די געהירען,
און ווילענלאז לאזטו זיך קנעטען, געדאנקענלאז לאזטו
זיך פיהרען.

און מאגער און בלייך איז דיין פנים און שוואך איז דיין
יעטווידער אבר,
פון קנעכטשאפט און נויט א פערמאטערטער נייגט זיך דיין
קערפער צום קבר;
עס האט דיר די וועלט און דיין פאטער נאר צרות און
דומהייט געגעבען,
און האפנונגסלאז פיהרסטו אן ענגען, א שווארצען
געשטארבענעם לעבען.

www.libtool.com.cn

# אַ גוט וואָרט

איך שטעה ביים בוים און בליק אַרויף:
ער טראָגט די פריכטע רוהיג, שטאָלץ;
איך שטעה ביים בוים און בליק אַראָב:
מוראַשקעס קריכען אויף זיין האָלץ...

איהם קימערט ניט, דעם קלוגען בוים,
די חיה'לעך, זאָ שוואַך, זאָ קליין...
ער שענקט די וועלט זיין זיסע פרוכט
און בלייבט דורך זיי ניט נאַקעט שטעהן...

און איהר, אַ ברידער, ווען איהר קעמפפט
און טראָגט די מענשען־פליכט אויף זיך,
זאָ נעהמט אַ ביישפּיעל פון דעם בוים
און קימערט זיך ניט אום דעם „איך"...

www.libtool.com.cn

# אויפ'ן שטערבע בעט

א בייסמענט, א קבר גאַנץ פינסטער און שמוציג,
צובראָכענע פענסטער פערקלעפּט מיט פּאַפּיער,
די ווענט זיינען חושך, פערשימעלט און גליטשיג,
עס פּייפט זיך א ליעדעל הער ווינד דורך דער טהיר.

דער פלאָר איז צופוילט לאַנג אין שטיקלעך און ברעקלעך,
עס זעהט זיך די ערד נאָר פערפראָרען און נאַס,
קיין אויוועך ניטאָ, און דער פראָסט ער קוועלט שרעקליך,
ער טרייסעלט און מוטשעט פיעל מעהר ווי אין גאַס.

אויפ'ן פלאָר, אָן א זייט, אויף א זאַק אויסגעצויגען,
מיט שמאַטעס בעדעקט, ליעגט א מענשען־סקעלעט,
ס'איז געל זיין געזיכט, איינגעשרומפּען די אויגען,
ער מורמעלט גאַנץ שטיל זיין לעצטעס געבעט...

גאַנץ לויזע, פּאַמעלעך, עס קלאַפּט אין זיין הערצען,
אין האלז אָבער כריפּעט אַזוי ווי א זעג...
נאָך איין סעקונדע — עס זיעגען די שמערצען,
ער ענדיגט זיין לעבען — ער קומט צו א בּרעג...

אין לומפּען געקליידעט, נעב'ן איהם איינגעבויגען,
די ווייב מיט די קינדערלעך שטעהען אַרום;
עס גיסען זיך טרערען פון זייערע אויגען,
און קלאָגענדיג, שרייענדיג בעטען זיי איהם:

www.libtool.com.cn

„אַ פּאַטער׳ל שטאַרב ניט! אויף אונז האָב רחמנות
און לאָז אונז ניט איבער גאַנץ עלענד אליין,
עס שטעהט אונזער לעבען, אָהן דיר, אין סכנות,
מיר װעלען דאָך אַלע פון הונגער אויסגעהן...“

„אַ, פּאַטער׳ל שטאַרב ניט!“ — דאָרט יאָמערט מיט גרױלען
אַ קליינינקער אינגעלע, פיער יאָהר ערשט אַלט, —
„אַ געה בעסער ברענג אונז פון סטריט ברויט און קױלען,
איך װיל דאָך זעהר עסען, עס איז מיר זאָ קאַלט...“

ער גלעט זיינע באַקען — בעדעקט זיי מיט טרערען,
ער כליפּעט און יאָמערט „אַ װעה איז מיר װינד!“
דער פּאַטער הויבט אָן מיט די ליפּען צו קעהרען
און ענטפערט פּאַמעלעך זיין װייב און זיין קינד:

„אַ הערט אויף צו װיינען, אַ הערט אויף צו קלאָגען,
און לאָזט מיך גאַנץ רוהיג בעגעג׳נען דעם טויט!
װאָס העלפט אייער װיינען, איך קען מעהר ניט טראָגען
די ליידען, די שמערצען, דעם הונגער און נויט.

„מען האָט מיך געבויגען, געמאַטערט, געפּייניגט,
געזויגען מיין בלוט אָהן אַ אויפהער אין שאָפּ,
מען האָט מיך פערוואונדעט, מען האָט מיך געבלוטיגט,
יעצט בין איך געפאַלען פון צו שװערען קלאָפּ...

„איך האָב מיין געזונד ביי׳ן מאַשין אָנגעװאָרען,
געהאָרעװעט ביטער, װי טאָג אַזוי נאַכט,
עס האָבען די שלעגע פערקירצערט מיינע יאָהרען,
יעצט שטאַרב איך פון צרות... פון הונגער פערשמאַכט...“

www.libtool.com.cn

עס האָבען זיך פלוצלינג די ליפען פערשלאָסען,
ער האָט ניט גערעדט מעהר קיין איינציגעס וואָרט,
אַן אייז־קאַלטער שוויים האָט זיין קערפער בעגאָסען,
ער איז אויסגעגאַנגען — געשטאָרבען זאָפאָרט...

# צו דיא שטערען

שטערען, זילבער־קלאָרע שטערען!
האָט איהר אונזער וועלט בעטראַכט —
אונזער וועלט זאָ שלעכט, פערדאָרבען,
וואו עס הערשט די פינסטערע נאַכט?...

אונזער וועלט וואָס איז געגליכען
צו אַ פינסטערען יאָמערטהאַל,
וואו דער מענש אין גרויסע מאַסען
לעבט אין קנעכטשאַפט, פיין און קוואַל?

„בלאַסער דיכטער! — ניט געזעהן
האָבען מיר ביז יעצטיגער צייט —
ווי אַ זילבער־קלאָרער שטערען
זעהט די וועלט אונז אויס פון ווייט.“

www.libtool.com.cn

# פון מיין אַלבום

.1

איינגעהילעט אין אַ כמאַרע
ליגט דער הימעל ווייט און ברייט,
דאָך קיין איינציג טראָפּען וואַסער
פון דעם שוואַרצען וואָלקען געהט.

אויף מיין הערץ, ווי אויפ'ן הימעל,
ליגט אַ וואָלקען גרויס און שווער;
דאָך דער וואָלקען וויל ניט פּלאַצען,
ס'רינט קיין איינציג, איינציג טרער...

.2

און ווען אייך געפעלט ניט די ליעד וואָס איך זינג —
די ליעד וואָס יעטווידער אות איז אַ טרער —
די ליעד, וואָס אָנשטאָט זי זאָל מאַכען אייך גרינג
די הערצער — מאכט זי נאָך טרויעריג שווער! —

זאָ זייט ניט אין כעס! — איך וואָלט האָבען שולד,
ווען עס וואָלט ניט געווען אָט דער איינציגער פאַל:
אַז די ליעד, וועלכע ברענגט אייך אַרויס פון געדולד
וואָלט איך ניט געשעפּט פון אייער אייגענעם קוואַל...

www.libtool.com.cn

3.

וועָן איהר דאַרפט געהן פעריל זוכען
זוכט איהר זיי ניט אויף אַ באַרג —
נאָר ביים גרונד פון טיעפען וואַסער,
דאָרט געפינט איהר זיי ניט קאַרג.

וועָן איהר ווילט געהן הערצער זוכען —
הערצער עהרליך, גוט און בראַוו?
זוכט ניט ביי די גרויסע הערען,
זוכט זיי נאָר ביי'ם פראָסטען שקלאַף!...



www.libtool.com.cn

# נאַטור־ליעדער

.1

ווי גרויס, ווי וואונדערבאַר ביזטו, נאַטור!
די פּערלען דיינע האָט דער מענש געזוכט ;
די אוצרות דיינע האָט דער מענש בענוצט ;
די קרעפטען דיינע האָט דער מענש בעהערשט ;
די סודות דיינע האָט ער אויסגעפאָרשט, —
דו אָבער שטעהסט נאָך אין דיין אַלטער פראַכט,
בעדעקט מיט גלאַנץ, אונענדליך ווי די צייט,
אַן אייביג־שטראַהלענדע געהיימניס!

.2

ווען דורך די בוימער שיינט דער לעצטער שטראַהל,
און אויף די בערג אַ זאַנפטער פורפור ליגט ;
ווען דורך די פעלדער וועהט אַ פרישע לופט,
און בלום, און בלאַט ערשיינט ווי איינגעוויגט ;
ווען אין דער הויך דער אבענד־שטערן גלענצט,
שעהן ווי אַ שליח פון אַ נייער צייט, —
ווי דייטליך זעה איך דאַן דעם לעבענס־צוועק,
ווי איז מיין ברוסט ערפילט מיט לעבען דאַן!

www.libtool.com.cn

.3

וועז כ׳שטעה ביי׳ם ברעג פון הויך־געוועלבטען פעלז
און קוק ארונטער אויף דעם ברייטען ים ;
זוען אויף די ריעזען־וואָלקען רוהט מיין בליק,
און ווערט באַהעפט מיט דער אונענדליכקייט ;
וועז דורך דעם עטהער שוועבט מיין פאַנטאַזיע,
און זעהט דעם ליכטיגען פלאַנעטען־גאַנג,
ווי מעכטיג בין איך דאַן, און דאָך ווי שוואַך !
ווי ניכטיג בין איך דאַן, און דאָך ווי גרויס !

.4

וועז כ׳האָב פערצווייפעלט אין דער גרויסער וועלט,
האָב איך אַ טרייסט געזוכט אין דער נאַטור :
איהר יונגע שעהנקייט אין דער פריהלינגס־צייט ;
איהר זיסער טרויער אין דער צייט פון הערבסט ;
איהר שטילעס אַלטער אין דער ווינטער־צייט —
זיי האָבען מיך בערוהיגט און געשטאַרקט ;
מיין ברוסט ערפילט מיט פרישער ענערגיע,
מיט יוגענדליכער קראַפט, און לעבענס־מוטה.

www.libtool.com.cn

# פעסט-ליעדער

.1

(פרויען כאָר):

פלעכטען מיר בלומען
אין פעלד און אין וואַלד,
געסט וועלכע קומען
בעגריסען מיר באַלד.

פרוכט פון די צווייגען
מאַכען מיר גרייט,
פלוימען און פייגען,
האָניג און ברויט.

באָקסער און מאַנדלען,
און טייטלען פריש,
שעהן צו פערוואַנדלען
דעם פריינדליכען טיש.

ליליען און ראָזען
מיט קוויקענדען דופט,
ווייררוך און גראָזען,
צו ווירצען די לופט.

קומט דורך די פעלדער,
זאַמעלט זיי גיך;

www.libtool.com.cn

קומט דורך די וועלדער,
יעדע פיר זיך.

.2

(מענער כאָר):

קומט צו די טישען
ווילקאָמענע געסט;
זיך צו ערפרישען
ביי'ם פרעהליכען פעסט.

פילט אָן די בעכער
מיט שוימענדען וויין,
ביז דורך די העכער
די זון שיינט אריין.

קומט, איהר בעגריסטע,
פון פריינדע געשעצט,
שטונדען פערזיסטע,
ערוואַרטען אייך יעצט; —

שטראַהלענדע אויגען,
און הערצער פול פרייד,
קעפּ אונגעבויגען
פון זאָרגען און לייד.

לוסט און געלעכטער
און פרעהליכע טענץ,
פון אייערע טעכטער
און בליהענדע קרענץ.

www.libtool.com.cn

# עראינערונגען פון קינדהייט

(געווידמעט מיין איינציגע שוועסטער)

.1

ביי די בלויע בערג
האָבען מיר בלומען געקליבען,
ביי די בלויע בערג
בין איך אליין געבליבען.

גענצליך מיט בלומען בעשנעעט
איז דער בארג געלעגען,
ווען די פריינדינס זיינען
דיר געקומען ענטקעגען.

אין דעם טיעפען טהאָל
בין איך אליין געשטאנען,
ווען איהר זייט פערשוואונדען
אין די בלויע טומאנען.

לאנג האָב איך געבענקט נאָך דיר,
דאָך באלד ביזטו געקומען
מיט א שטראהלענדער געזיכט
און מיט בלויע בלומען.

.2

ביים וואסער־מיהל
האָב איך שפאצירט,

www.libtool.com.cn

און האָב מיר שטיל
די פּיאָלקען בעריהרט.

ביי'ם טיעפען גראָבען
האָב איך מיך בעזינט,
וואו די קרייטיכער האָבען
פריש געגרינט.

אויפ'ן בערגעל כ'בין
דאָן ארויף,
וואו די בלומען בליה'ן
און וואַקסען אויף.

דאָרט האָט מיך באלד
בערוישט דער דופט,
פון גרינעם וואַלד,
פון דער פרישער לופט.

אין רויטע העמדלעך,
שטאַרק פערגניגט,
האָבען דריי פּאָניעס
זיך דאָרט געוויגט,

אויף בלומען-בייטען
האָב איך געשפּיעלט,
און האָב די קווייטען
אין מיין הערץ געפיהלט.

דעם גאַנצען טאָג
האָב איך דאָרט פערבראַכט,
און בין פרעהליך געקומען
אַהיים פאַרנאַכט.—

www.libtool.com.cn

# ליעבע-ליעדער

.1

זי האָט מיין הארץ געוואונען,
איך ווייס ניט ווי אַזוי;
זי האָט מיין הערץ געוואונען,
און טהוט מיר אַזוי וועה.

איהר סאַמע בליק ערשרעקט מיך,
ווען איך דערזעה זי נאָר;
אַ קאַלטער שוויים בעדעקט מיך,
ווען איך דערזעה זי נאָר.

וואָס ווילסטו ליעבסטע האָבען?
וואָס מיינט דיין מאָדנער בליק?
וואו זאָל איך מיך בעגראָבען,
פון פרייד, און לוסט, און גליק?

.2

זי איז צאַרט און גליהענד,
ווי דער וויין;
וואונדערליך אָנציהענד, —
וואָס קען בעסער זיין? —

www.libtool.com.cn

זי איז מילד און גליהענד,
ווי דאָס גליק;
זי איז ליעב און בליהענד,
וואונדער טהוט איהר בליק.

גענצליך בין איך איהרער,
זאַנפט בין איך ווי זאַפט;
גענצליך בין איך איהרער,
אָהנע מוטה און קראַפט.

.3

ווי אַ קינד פערזינק איך
אין מיין לוסט;
אין פערטרויען רוה איך
ביי איהר ברוסט. —

www.libtool.com.cn

# לוסט-ליעדער

.1

אין אייביגער ליעבע פערזינק איך
אין אייביגער פריידע און לוסט ;
און דורשטיג פון לעבענס-קוואַל טרינק איך
צו קיהלען מיין ברענענדע ברוסט.

מיר שטראַהלען אונציעהליגע ליכטער
אין מעכטיגער, אייביגער פראַכט ;
מיר שיינען די שעהנסטע געזיכטער,
ווי שטערען אין הימעל ביי נאַכט.

דאָס לעבען פון פיעלע מיליאָנען
קלינגט אָב אין מיין ליעבענדער הערץ ;
איך גרים די צושפרייטע נאַציאָנען,
ווי דער פריהלינג-פערקינדענדער מערץ.

.2

איך האָב זי געזוכט און האָב זי געפונען,
די לוסטיגע לאַכענדע מיידעל,
זאָ שעהן ווי אַ נימפּפע, וואָס וואוינט אין אַ ברונען,
פאַנטאַסטיש, און ליעבענד, און איידעל.

www.libtool.com.cn

איך האָב זי געזוכט און האָב זי געפונען,
איך האָב זי געקוסט און אומאַרעמט;
און באַלד, ווי אַ גייסט, איז מיין עלענד ענטרונען,
מיין הערץ האָט זיך ווידער דערוואַרעמט.

3.

לאַכען די שטראַהלענדע אויגען דיינע,
ווערען פערשוואונדען די זאָרגען מיינע;
הער איך דיין וואונדערליך־זיסעם ריידען,
זיץ איך פערגעטערט אין אייביגע פריידען.
שמייכעלט מיר זאָניג דיין יונגע ליעבע,
ווייס איך ניט מעהר פון מינוטען טריבע;
זיצען מיר שווייגענד אומאַרעמט ביידע,
ווער איך אַ קינד און וויין פאַר פריידע.

www.libtool.com.cn

# געדיכטע

1.

## די פאנטאזיע.

לעב מיט מיר אין לוסט און פרייד,
כ'וועל דיר קיינמאָל ניט טהאָן צו לייד;
כ'האָב פאַר דיר אַ שטילען אָרט,
צווישען וואלד, און בארג, און טייך;
זאנפטע בלומען בליהען דאָרט,
וואונדער־שעהן און פארבען־רייך.
שמאַכטענדיג נאָך ליכט און טהוי,
עפ'נען זיי די בלעטער פריה,
ווי די ליעבע פון אַ פרוי
דופטעט זייער פּאָעזיע.
כ'האָב אַ וואונדערליך געזאַנג
פון די גייסטער אין דער לופט,
הימליש שעהן איז יעדער קלאַנג,
זיס ווי פרישער בלומען־דופט.
אין די וואָלקענס וואונדער־וועלט,
וואו דער פרייער פויגעל שוועבט,
האָב איך דיר אַ שעהן געצעלט
מיט מיין צויבער אויסגעוועבט.
דאָרט לייכט די זעלע פון
דער שעהנהייט ווי אַ זון,
גייסטער טאנצען צויבער־טענץ,

www.libtool.com.cn

אויסגעציערט מיט שטראַהלען־קרענץ,
דאָרט שוועבט דער גייסט זיך פריי
פון דער ערדען־טיראַניי;
זיפצען הערט מען דאָרט ניט:
אַלעס גליהט, און לעבט, און בליהט,
אַלעס פרעהט זיך, אַלעס לאַכט,
אַלעס שטראַהלט אין פולער פראַכט.

.2

פערלאַנג.

אייביג וואו די שעהנהייט איז,
אייביג וואו די ריינהייט איז,
וויל מיין זעעלע וואוינען;
אייביג וואו די טרייהייט איז,
אייביג וואו די פרייהייט איז,
וויל איך מיך בעקרוינען.

.3

א ראטה.

אין דער מענשהייט זאָלסטו גלויבען,
וועט דאָס גליק דיין רוה ניט רויבען;
זאָלסט אין זיך אַליין פערטרויען,
וועט דיר פאַר דער וועלט ניט גרויען.

.4

בעטראַכטונג.

יאָגסטו זיך נאָך פרייד צו גיך,
ווערט די פרייד פערשוואונדען,

www.libtool.com.cn

האלסטו מיט דעם עלענד זיך,
דויערט עס אויף שטונדען;

אלץ וואס קוועלט און פייניגט דיך
האלט דיך פעסט געבונדען;
וועסטו ברודער פאלגען מיך,
שעץ נאר די סעקונדען. —

# לוינען

ווען אלע בליהען דאר איך איין,
ווען אלע לאכען וויין איך דאן.
ווען די וועלט וועט זיין, וועל איך ניט זיין,
איך בין מיין פריינד אן ארעמאן.

ווען די וועלט ווערט פרעהליך ווער איך טרויעריג,
ווען די וועלט ווערט נאריש, ווער איך קלוג.
עס ציהט מיך צו די מענשהייט'ס עלענד,
עס שטויסט מיך אב די מענשהייט'ס טרוג.

די גאנצע וועלט איז מיר צו קליין,
א קליינער צימער איז מיר גענוג!
איך וויים ניט, בין א י ך איך אליין,
אדער איז אלעס שווינדעל און טרוג? —

www.libtool.com.cn

# פערזען

.1

וואָס ווילט איהר, אַלטע ליעדער
פון לאַנג פערגאַנגענע צייטען?
וואָס קומט איהר קלאַנגען ווידער,
און רופט מיך פון דער ווייטען?

איך קען אייך ליעדער הערען,
דאָך זינגען אייך ניט מעהר,
פון זיפצען און פון טרערען
איז מיר דער קאָפּ צו שווער.

.2

וואָס בענקט עס זיך און בענקט זיך
גאַנץ טיעף ביי מיר אין ברוסט?
וואָס דענקט עס זיך און דענקט זיך
פון אַלטער קינדער־לוסט?...

איך בין שוין מעהר קיין קינד ניט,
און קען קיין קינד ניט זיין;
אַפּט לאָזט די מענשהייט'ס זינד ניט,
און אַפּט די לעבענס־פּיין.

www.libtool.com.cn

# דאָס בענקען נאָך שעהנהייט

נאָך דער שעהנקייט בענקען אַלע,
אַלע האָבען דאָך געפּיהלען,
יעדער וויל זיין גייסט בעפרייען,
און זיין הערצענס־רוישען שטילען.

יעדער וויל זיין גייסט ענטציקען,
וויל דאָך אַמאָל וואונדער זעהן;
יעדער וויל אַ פריינד בעגליקען,
וויל וואָס נייעס זאָל געשעהן.

יעדער לעבט אַמאָל אין גלויבען,
יעדער האָט דאָך אַ געמיטה;
יעדער וויל אַ פריינד ערהויבען, —
וויל עס דען דער הענקער ניט? —

יעדער פיהלט דעם וואַהרען לעבען,
יעדער וויל וואָס גוטעס טהאָן;
נור מען דאַרף זיי אויגען געבען,
יעדער זאָל טהאָן וואָס ער קען. —

יא, מען דאַרף זיי נור ערקלערען,
יא, מען דאַרף זיי לערנען נור,
פיעלע וועלען דאַמאָלט הערען,
לעבען דאַן אין דער נאַטור.

www.libtool.com.cn

# אָה, פרעג מיך ניט

אָ, פרעג מיך ניט, וואָרום איך טרויער,
וואָרום איך בין אַזוי בעטריבט;
ניט פרעג, וואָרום איך ווער אַלץ בלאַסער —
איך בין פערליעבט, מיין פריינד, פערליעבט...

איך האָב מיין ליעבסטע ניט געזעהן,
נאָר ווייס איך, אַז זי איז זאָ שעהן,
ווי אַלע שטערען פון דעם הימעל,
און שעהנער, ווי די זון אַליין...

איך פיהל אַמאָל איהר באַלזאַם־אָטהעם,
ער קומט פון זעהר אַ ווייטע לאַנד —
איך פיהל איהם שטאַרק אין מיינע נערווען
צוברענען זיך פון ליבעס בראַנד.

און ווען איך געה אין גאַס שפּאַצירען,
ווייל איך קען פאַר שמערץ אין שטוב ניט זיין,
דאַן זאָגען מיר די שוואַרצע הייזער:
„ניטאָ, ניטאָ, די ליעבסטע דיין!“...

ווען כ׳געה אַמאָל ביי די פאַבריקען
און קוק זיך אין די פענסטער איין,
דאַן הער איך די מאַשינען רוישען:
„ניטאָ, ניטאָ, די ליעבסטע דיין!“....

www.libtool.com.cn

ווען כ'זעה די בלייכע ארבייטס־מאסען
און קוק זיי אין געזיכט אריין,
דאן זאגט מיר זייער מינע דייטליך:
„ניטא, ניטא, די ליעבסטע דיין!"....

ווען כ'זעה אין גאס שפאצירען פאהרען
דעם פאבריקאנט, דעם דיקען שוויין,
דאן קלינגען זיינע זילבער־טאלער:
„ניטא, ניטא, די ליעבסטע דיין!"....

ווען כ'זעה דעם בלויען ראק ביין ווינקעל,
וואס שטעהט און וויעגט זיך פונ'ם וויין,
דאן זאגען מיר די ווילדע אויגען:
„ניטא, ניטא, די ליעבסטע דיין!"....

און ווען איך זעה דארט די ארמעען
מיט שווערד און ביקס מארשירען פיין,
דאן קלינגט עס מיר פון זייערע שפארען:
„ניטא, ניטא, די ליעבסטע דיין!"....

און ווען איך זעה דעם אלטען קלויסטער
מיט'ן צלם אין דעם אבענד־שיין,
דאן ווינקען מיר די הויכע פענסטער:
„ניטא, ניטא, די ליעבסטע דיין!"....

און יאהרען קומען און פערגעהען,
די זעהנזוכט וואקסט, עס וואקסט דער פיין;
דער ווינטער געהט, דער פריהלינג קומט,
דאך, זי קומט ניט, — די ליעבסטע מיין!...

www.libtool.com.cn

# מיין פריינדין

אָ, גוטע, גוטע פריינדין מיין,
ווי ליעבסטו מיך אָהן שיעור!
דו לאָזט מיך ניעמאָלס איינזאַם זיין,
ביזט שטענדיג נאָר מיט מיר!

דו געהסט מיר נאָך בעגלייטענדיג,
ווען קלאָהר די זאָנע שטראַהלט,
דיין טוך אויף מיר פערשפּרייטענדיג,
ווען שנעע און רעגען פאַלט.

דיין שווארצען שלייער פלאַטערען
זעה איך אויף יעדע הויז,
וואו מיינע פריינד זיך מאַטערען,
אום ברויט אַ שטיקעל בלויז....

ניטאָ צו דיר קיין גלייכערע,
דו ביזט זאָ גוט, זאָ מילד,
די טעכטער פון די רייכערע,
זיי זיינען שלעכט און ווילד.

זיי זעה איך אימער טאַנצענדיג
מיט לוסט פון שטעל צו שטעל,
זיי זעה איך אימער גלאַנצענדיג,
ווי זאָנענשטראַהלען העל. —

www.libtool.com.cn

און אַך ! איך קען ניט ליידען דאָס
פון טיעפענים דער זעעל,
עס מוז מיין אויג פערמיידען דאָס,
זאָנסט ברעכט מיין הערץ צו שנעל.

איך מוז דאַן אין מיין צימער געהן
צו טרוי'רען פאַר זיך,
און דאָרט, אין ווינקעל, אימער שוין
געפין איך ווארטען דיך.

דיין בליק דריקט אוים צופרידענהייט,
געמישט מיט טיעפען וועה;
אַך, וואָס פאַר אַ פערשידענהייט,
איז צווישען דיר און זיי!

זיי זיינען צו דער זאָנע גלייך,
וואָס בלישצעט פון דער הויך,
און דו — צו דער לבנה גלייך,
פערטרויערט, זאנפט און בלייך.

איך טרעף דיך אימער זיצענדיג
אין שווארצען אַנגעטהאַן,
דיין אויג, פון מיטלייד בליצענדיג,
זי גלייכט אַ שווארצע זאַן.

אומאַרעמסט מיך מיט ליידענשאַפט,
מיין קאָפּ רוהט אויף דיין שוים,
און האָסטו ניט צו ריידען קראַפט,
דיין קום איז אָבער היים...

www.libtool.com.cn

דו זינגסט מיר שטיל, מיין טהייערע,
א טרויער־ליעד אָהן סוף,
און זינגסטו ווען אַ גייערע —
זי הער איך ניט... איך שלאָף...

איך האָב קיין פריינד, קיין גרעסערע,
ווי דו, אין נויט און פיין,
קיין טרויסטערין קיין בעסערע,
אָ, מעלאַנכאָליע מיין!....

www.libtool.com.cn

# איינזאַם

ביטער איז צו זיין פערוואָרפען
אין אַן איינזאַם, שטילען אָרט,
ווייט פון פריינד און ווייט פון ברידער,
וואו מען הערט קיין פרייעס וואָרט.

אַך, ווי זיס עס איז צו קעמפּפען
אויפ'ן פעלד מיט אַלען גלייך!
שעהן פערלויפען טעג און וואָכען,
ווי די שטראָמען פון אַ טייך.

שווערער קאַמפּף פאַר רעכט און פרייהייט!
מעגסט נאָך טויזענד מאָל זיין שווער,
ביזטו דאָך זאָ גוט און טהייער,
און איך ליעב דיך אימער מעהר.

וואָס איז דען אָהן דיר דער לעבען?
גאָר נישט, גאָר נישט, ווינד און שטויב!
דען וואָס טויגען אונז'רע מענשען
צו אַ וועלט פון מאָרד און רויב?

נאָב'לער קאַמפּף, דו גיבסט מיר האָפנונג,
מאַכסט די שווערע צייטען גרינג:
אָהנע שטרעבען איז קיין לעבען,
און דו גיבסט עס מיר אַלסדינג.

און אָבוואָהל איך ליג געבונדען
אויפ'ן בעט, צובראָכען, קראַנק,
ביזטו דאָך, אָ, קאַמפּף פאַר פרייהייט,
נאָר מיין איינציגער געדאַנק!

www.libtool.com.cn

# צו מיינע ברידער

די פיעדעל בין איך,
די סטרונעס זייט איהר,
נור איהר קענט דעם קלאַנג
ערוועקען אין מיר.

דאָס ליעד וואָס איך זינג
פערדאַנק איך נאָר אייך,
אליין בין איך שטום,
ווי מאַרמאָר־שטיין גלייך.

און ליעב איך אייך ניט,
און ווער פלוצלינג מיעד,
דאַן זינגט זיך ניט מעהר
קיין איינציגעס ליעד...

# פערלאַנג

אייביג וואו די שעהנהייט איז,
אייביג וואו די ריינהייט איז,
וויל מיין זעעלע וואוינען;
אייביג וואו די טרייהייט איז,
אייביג וואו די פרייהייט איז,
וויל איך מיך בעקרוינען.

www.libtool.com.cn

# די מיידעל'ס ליעבע ליעד

א בליהמעלע בליהט אין וואלד אליין,
פון דער וועלט בעהאלטען.
בליהמעלע, בליהמעלע, בליהמעלע שעהן
ווער וועט דיך נאך האלטען?

איבער די בערג שוועבט איך ווי א רויך,
זים דופטען די קארן־בלומען. —
ווען וועט מיין געליעבטער אויך
צו מיר אמאל שוין קומען?

דעם גאנצען טאג זיץ איך און ווארט
און דענק פון איהם און דענק אלץ;
ער האט מיך ווידער אבגענארט,
און אך, איך בענק און בענק אלץ...

www.libtool.com.cn

# ער איז אַוועק

ביידע זיצען, ביידע שווייגען,
שטיל און רוהיג איז אין זאַל,
דורך די געלבליכע גאַרדינען
וואַרפט די זון איהר לעצטען שטראַהל.

ביידע שווייגען — זיינע בליקען
ווענדט ער בעטענדיג צו איהר,
זי פערשטעהט זיין שטומע ביטע
און זי זעצט זיך ביי׳ם קלאַוויר.

מיט די דינע צאַרטע פינגער
ריהרט זי אָן דיביינדלעך זאַכט;
און זי שפּיעלט „די אַכט מאַרטירער“ —
הינטער איהר שטעהט ער פערטראַכט...

אויסגעשפּיעלט די לעצטע טענער —
זיי פערקלינגען ווי אין שרעק; —
לוסטיג שטעהט זי אויף פון פּיאַנאָ
און זי זעהט — ער איז אַוועק...

www.libtool.com.cn

# פרייהייט

(נאָך הענרי מאַקיי.)

דו האָסט מיך געפרעגט היינט מיט ציט׳רענדע ליפּען,
ווער איז פריי אין זיין לעבען.
איך האָב דיר געציינט מיט׳ן פינגער צום הימעל:
„פריי זיינען די וואָלקען, וואָס שוועבען",
און פריי איז דער ווינד, וואָס ער לויפט דורך די ווייטקייט
פון׳ם וועלט־רוים אין עטליכע רגע׳ס,
און פריי איז דער ים, וואָס ער קוסט און וואָס לאָסצעט
די העלע, די זאַמדיגע ברעגעס.

פריי זיינען די בערג־שפּיצען יענע, וואָס זיי האָט
אַ פוס־טריט קיין מאָל ניט געבויגען,
און פריי זיינען אויך יענע רוהענדע וועלדער,
דורך וועלכע קיין קויל איז געפלויגען. —
דער פוקס בויט זיין נעסט דאָרט, דער הירש געפינט נאָהרונג,
פיעל מינים ערציהען זיך נייע;
די גאַנצע נאַטור מיט איהר גליהענדען לעבען
און שווייגענדען טויט, זיינען פרייע.

האָסטו ווען געזעהן דעם אָדלער אין לופטען?
ווָאס ציינט איהם, וואוהין זיך צו יאָגען?
און האָסטו אַ פערד אין דער וויסטע געזעהן,
וואָס האָט נאָך קיין אָמט געטראָגען?

www.libtool.com.cn

האָסטו אויך געהערט מיינע שטורם־געזאַנגען,
די ערשטע און לעצטע, די טרייע ? —
דער ים און דער אָדלער, די בערג און די וועלדער,
דער פערד און מיין ליעד זיינען פרייע !

דאָרט שפּיעלט זיך אַ קינד געבען ברעג פונ׳ם טייכעל...
דאָס שיפעל צושפּאַלט דאָרט די כוואַליעס...
דער טהוי קוסט די ראָזע — וואָס שמייכעלסטו, זאָג מיר,
זאָ ביטער, זאָ טריעב איבער אַלעס ?
אָך, יעצט ערטש פערשטעה איך די פראַגע,
ווער איז עס פריי אין זיין לעבען ? —
מיר קנעכט פון דער דומהייט, נאָר מיר זיינען שקלאַפען,
וואָס האָבען צו פרייהייט קיין שטרעבען !...

www.libtool.com.cn

# אונזער וועג

(פריי נאָך געטהע.)

קענסטו, געליעבטער, יענע לאַנד,
וואו די ציטראָנען בליהען;
וואו אַפּעלסינען, שעהן ווי גאָלד,
אויף דונקעלע צווייגען גליהען;
וואו לופטען וואַרעם, זאַנפט און פריש,
פונ'ם בלויען הימעל וועהען;
וואו מירטען גריגען שטיל, — און הויך
די לאָרבער־בוימער שטעהען?
קענסטו דאָס לאַנד? —

אהין! אהין
וואָלט איך מיט דיר, געליעבטער, ציה'ן —
דאָך, אַך! אויך דאָרט הערשט נויט און פּיין,
מיר וועלען ערשט ניט גליקליך זיין.

קענסטו, געליעבטער, יענעם הויז?
עס רוהט איהר דאַך אויף זיילען;
די זאַאלען גלענצען, לאַדען איין
צו בלייבען, צו פערווייילען;
און מאַרמאָר־בילדער שטעהען פיעל,
שעהן אויסגעשטעלט אין צייַלען;
זיי ווינקען ליעב, זיי רופען דיך

www.libtool.com.cn

צו קומען, זיך צו איילען —
קענסטו דאָס הויז ?

אהין ! אהין
וואָלט איך מיט דיר, געליעבטער, ציה'ן —
דאָך, אך ! מיר קענען דאָרט ניט זיין,
מען לאָזט קבצנים ניט אריין.

קענסטו, געליעבטער, יענע וועג
פול דערנער און פול שלאַנגען ?
דאָרט זיינען אַלע דענקענדע
און עהרליכע געגאַנגען. —
דאָרט בילען הינד אין לייבען־פעל,
דאָרט שרייען וועלף און טיגער,
דאָך אונערשראָקען וואַנדלען דאָרט
די צוקונפט'ס שטאָלצע זיעגער —
קענסטו דעם וועג ? —

אהין ! אהין
אָ, קום, געליעבטער, לאָמיר ציה'ן —
דאָרט ווינקט די פרייהייט'ס מאָרגענשיין,
די וועלט וועט פריי פון זאָרגען זיין.

www.libtool.com.cn

# נאָך היינריך היינע

שוואַרצע רעק, לאַקירטע שיכלעך,
ווייסע פּלעט־וועש, גאָלדענע צייהנער,
זאַנפטע ווערטער, פרומע מינעם —
און די הערצער קאַלט ווי שטיינער!

און מיט קאַלטע, גלאַטע הערצער
שענקען זיי דער וועלט נדבות;
טאַנצען פיעל אויף צדקה־בעלער —
אַלץ צוליעב... צוליעב זכות אבות!

עדעלע הערען, עדעלע פרויען —
מעגען נאַרען זיי פערטרויען,
אָבער איך וויל לויפען גיכער
העלפען, באַריקאַדען בויען!

אויף דער באַריקאַדע, דאָרטען, דאָרטען
נעהם איך מיר דעם ביקס אין אָרים
און בעדאַנק די פילאַנטראָפּען —
כ׳מאַך זיי אין די הערצער וואָרעם....

www.libtool.com.cn

# דיא ארמוטה פריהער און יעצט

(פריי איבערזעצט אוים דעם דייטשען.)

פריהער האָט מען זי געזעהן,
וואו דעם רייכען'ם פום פלעגט טרעטען,
אויפ'ן גאַם מיט זיפצען, וויינען,
אַ נדבה פלעגט זי בעטען;
פריהער פלעגט זי שטעהן ביין פּאַלאַץ,
קוועטשען זיך צו קירכען־טהירען —
איהרע מינען פון פערצווייפלונג
זאָלען רייכע הערצער ריהרען.

פריהער, ווען די גרויסע הערען
פלעגט זיך אַ יום־טוב מאַכען,
האָט זי זיי „וויוואַט" געשריען,
„עהרפורכט" פלעגט אין איהר ערוואַכען.
דאַנקען פלעגט זי פּאָר אַ פום־טריט,
ווען אַ סענט פלעגט זי נאָר קריגען,
און די האַנד פון דעם טיראַנען
פלעגט זי קושען מיט פערגניגען.

איהר הכנעה פלעגט געפעלען
זיין דעם הערשער. — דען די גרויסקייט
פונ'ם טיראַן גלאַנצט שעהנער,
ווען די ארמוטה צייגט איהר בלויזקייט...

www.libtool.com.cn

יעצט — די צייט האָט זיך געענדערט,
און דער נויט דריקט, שטאַרקער, גרעסער,
דאָך די אַרמוטה בעט ניט מעהרער
פאַר דעם רייכענ'ס שעהנע שלעסער.

שווייגענד שטעהט די אַרמוטה איצטער,
סטראַשענדיג מיט ערנסטע מינען,
אין פאַבריק פון דעם יאהרהונדערט,
ביי די רוישענדע מאַשינען.
און זי זוכט מיט שטאַרקע קרעפטען
זיך אַן אָרט אין קאַמפּף צו שאַפען,
מיט געדאַנקען־שאַרפקייט שמידט זי
פאַר דער צוקונפט איהרע וואַפען.

איצטער וואַרט זי ניט אויף פרומע,
ס'זאָל דורך זיי אַ הילף איהר קומען,
ניין! זי פאָדערט יעצט מיט ערנסט,
וואָס מען האָט פון איהר גענומען.
די הצלחה פון איהר אַרבייט
זאָל קיין אַנדערען געהערען,
און גערעכטיגקייט און גלייכהייט
וויל זי זיך אַליין בְעשערען.

פאַר די טהירען מעהר ניט ווימלען,
נאָר אין פּאַלאַץ אומשפּאַצירען!
און דער שעהנער קראַנץ פון פרייהייט
זאָל אויך איהר קאָפּ שוין בעציערען.
דער, וואָס וויל אַ חלק האָבען,
זאָל די משא העלפען טראָגען,
און ווייל איהר צאָהל איז דער גרעסטער —
וועט איהר קיינער „ניין" ניט זאָגען...

www.libtool.com.cn

# דיא גראָבע האַנד

(פריי איבערזעצט אוים דעם דייטשען.)

אָ, זאָג, ווארום נעהמסטו פערשעהמט
דיין האַנד זאָ גיך פון מיר צוריק?
ווארום ביזטו געוואָרען רויט
און קעהרסט אַוועק פון מיר דיין בליק?
דו שעהמסט זיך, ווייל דו ווייסט, דיין האַנד
איז ניט, ווי אַנדערע, ווייך און צאַרט —
זי האָט קיין שמוק, קיין רינג אויף זיך
און איז צושפּאָלטען, שוואַרץ און האַרט? —

אָ, שעהם זיך ניט — איך ווייס גאַנץ גוט,
וואָס זי, דיין האַנד, האָט אויפגעטהאָן.
זי האָט מיט צאַצקעס ניט געשפּיעלט,
ווי יענע הענד, פון אויבענאָן...
מיט'ן פאָכער האָט זי ניט געפאָכט,
קיין ליעד געשריעבען אויפ'ן פּאַפּיער
און ניט געקלאַפּט אין רייכען זאַאַל,
די ווייסע ביינדלעך פון'ם קלאַוויר.

זי האָט דעם פאָטער נאָר דערנעהרט,
וואָס איז געלעגען קראַנק פיעל יאָהר;
זי האָט די קליינע שוועסטערלעך
געגעבען ברויט, געקאָרמעט נאָר.

www.libtool.com.cn

פאַר פיעל האָט די שוואַכע האַנד
דעם שטיקעל ברויט אין נויט געשאַפּט,
דאָס איז געווען קיין לייכטע זאַך
פאַר אַ מיידעל, זאָ ווי דו, אָהן קראַפט.

דיין האַנד איז ניע געוואָרען מיעד
און האָט געאַרבייט מיט׳ן שווייס.
און איז זי יא אמאָל, גאַנץ שפּעט,
אַראָבגעפאַלען מיעד אין שויס —
דאַן איז אַוועק איהר צאַרטקייט באַלד,
פערשוואונדען איז איהר טיעפער חן
און גראָב געוואָרען איז די האַנד,
וואָס איז געווען אַמאָל זאָ שעהן.

און דאָך, איך ליעב זי יעצט פיעל מעהר,
ווי יענע הענד, וואָס זיינען פיין —
ווי יענע הענד, וואָס נאָר דורך זיי
מוז דיין האַנד גראָב און שמוציג זיין...
זאָל קושען יענע צאַרטע הענד
דער אויסגעפּוצטער, רייכער הערר;
אויף דיין האַנד, שוועסטער, טריעפט אַראָפּ,
אוים דאַנקבאַרקייט, אַ הייסער טרעהר...

www.libtool.com.cn

# דאָס מאָדעל

(נאָך אננא בערט.)

זי זיצט נעבען פייער־פּליים שפּעט אין דער נאַכט,
געבויגען דעם קאָפּ און די אויגען פערמאַכט,
אין שווארצע געדאַנקען פערזונקען;
אין צימער איז דונקעל, אין צימער איז קאַלט,
די קוילען, די לעצטע, פערלעשען זיך באַלד,
עס גליהען נאָר איינציגע פונקען.

זי איז אין איהר יוגענד געווען זעהר שעהן,
בעצויבערט האָט יעדען איהר הימעלשער חן —
דער פאָטער איז לאַנג שוין געשטאָרבען;
די מוטער איז פיעל מאָל פערהייראטה געוועז —
זי וויים ניט גענוי, וואָס מיט זיי איז געשעהן,
איהר זעעלע וואַר לאַנג שוין פערדאָרבען.

זיי האָבען געליטען אי הונגער, אי נויט
און בלייך איז די טאָכטער געוואָרען אָהן ברויט —
געזאָגט האָט די מוטער זי קוועלענד:
„דו ביזט אַזוי וויים, אַזוי שעהן ווי געשניצט,
דו וואָלסט דאָך אַ קינסטלער די אויגען פערבליצט,
ער וואָלט אונז געראַטעט פון עלענד.“

און זי קוועלט זי טאָג־טעגליך און בעט מיט געוויין,
ביז ענדליך די טאָכטער בעשליסט זיך צו געהן;

www.libtool.com.cn

אוּן ציטערענדיג לויפט די יתומה
צום קינסטלער, צום גרעסטען, און געהט אין דער פריה
אַרויף אין זיין פּרעכטיגער קונסט־גאַלעריע —
עס קלאַפּט איהר אין הערצען פאַר אימה.

דאָרט שטעהען פיעל פרויען אין שנעע־ווייסער פּראַכט,
גאַנץ נאַקעט, ווי ס'האָט די נאַטור זיי געשאַפט —
עס גליהען איהרע באַקען, ווי ראָזען;
די מאַרמאָרנע שעהנקייט פערבלענדט איהר דעם בליק
און באַלד, די מינוט, וויל זי לויפען צוריק,
דאָך וויל זי דער קינסטלער ניט לאָזען.

ער האַלט זי געפאַנגען — דאָך ניט מיט געוואַלד,
עס רעדט פון איהר עלענד איהר בלייכע געשטאַלט —
ער וויל זי מיט חניפה פערפיהרען;
ער צייגט איהר אַ טייסטער, אַ שעהנעם, מיט גאָלד —
און דאָס האָט די אָרעמע מוטער געוואָלט —
און ענדליך פערשליסט ער די טהירען.

עס ציטערען איהרע הענד און דאָס הערץ איז פול לייד,
זי טהוט אוים די קליידער און נאַקעטערהייד
בעווייזט זיך איהר לייבליכע ריינקייט;
זי הויבט אויף די הענד און פערשטעלט דאָס געזיכט
און שטעהט אַ פערעשהמטע אין זון־שיין און ליכט,
אַ בילד פון דער גריכישער שעהנקייט.

און ער האָט זיין בליק מיט איהר קערפּער בעהעפט,
ער מעסט מיט די אויגען און צייכענט און טרעפט,
פון איהר וואונדער־פיגורע בעגייסטערט;
און לאַנגזאַם ווערט שטילער איהר שמערצענס־געפיהל,

www.libtool.com.cn

זי עפענט די אויגען און קוקט אין דער שטיל,
ווי איהר חן ווערט זאַ קינסטליך בעמייסטערט.

און ווערט זי פערמאַטערט, דאַן דריקט ער צום שלום
אויף איהר שנעע־ווייסען גאַקען דעם ערשטען קוס:
„און זעה איך אייך קומענדיג מאָרגען?“
און קומענדיג מאָרגען און געהענדיג לאַנג,
איז מעהר שוין איהר הערץ ניט געווען אזוי באַנג —
און זי האָט איהר געזיכט ניט פערבאָרגען.

און ער האָט געשאַפען אַ הערליכעס בילד,
וואָס האָט איהם מיט לוסט און ענטציקען ערפיעלט,
און דאָס פראַכט־ווערק וואָס ער האָט געבאָרען,
ער שיקט עס אַלס וואונדער פון שטאָדט צו שטאָדט,
דאָך זי, דאָס מאָדעל פון זיין קונסט־ווערק, זי האָט
איהר צניעות און עהרע פערלאָרען...

אַ, מענשען, איהר שילט און איהר האַסט זי דארום,
און דאָך — די מאַרטירער־קרוין פינקעלט מיט רוהם
און גלענצט אויף איהר זינדיגען שטערן:
די נאַקעט געוואָרענע שעהנקייט דורך נויט,
פון איהר האָט די הערליכע קונסט זיך פערשפרייט,
און דער זיעג פון דער קונסט וועט זי עהרען!

www.libtool.com.cn

# דיא בעשטראָפטע אונשולד

(אוים דעם דייטשען.)

וואָס פיהרט מען דאָרט די מיידעל, די בלייכע,
געבונדען דורך דער ענגער גאַס?
וואָס טראָגט מען דאָרט די צאַרטע לייכע,
פערוויקעלט האַלב און מאַרמאָר־בלאַס?
די מאַסע מורמעלט שרעק־צוטראָגען:
„ס'איז וואָהר? מען וויים שוין יעצט איהר זינד?"
מען הערט אַן אַלטע פרוי דאָרט זאָגען:
„זי האָט ערשטיקט איהר אייגען קינד!"

די ווייבער שטעהען טיעף געבויגען
און הערען וואָס די אַלטע זאָגט;
מיט כעס זעהען אַלע אויגען
די עלענדע, וואָס געהט פערצאָגט.
מען זעהט קיין איינציג טרעהר ניט פאַלען
פאַר דער, וואָס געהט צום קערקער יעצט,
דאָך הערט מען שטימען צאָרניג שאַלען
און הענד זעהט מען צונויפגעקוועטשט...

אַ, פאַלק, מיט דיין בעשלוס, דעם שנעלען,
וואָס זעהט נור ביז צום נעקסטען שריט;
מיט דיין ענטציקונגס־פלאַם, דעם העלען,
וואָס נעהמט דיין גליק צום גרונד אָפט מיט —

www.libtool.com.cn

וואָס ווילסטו, זאָג, מיט גיבע ווערטער
די עלענדע אין מאָרד־שולד איין
און געהסט אָריבער י ע נ ע ערטער,
פון וואו עס שטאַמט די גאַנצע פּיין?

קומט מיט! איך וועל דעם מערדער צייגען,
וואָס טראָגט די שולד פון דיעזען מאָרד;
איהר, בלינדע פלוכער, וועט דאַן שווייגען
ביים אנבליק פון דעם גראָבען לאָרד.
איהר דאַרפט דעם בליק צום גלאַנץ ערהויבען,
צום שלאָס, וואָס איהר האָט אויפגעבויט,
דאָרט זיצט דער העלד, וואָס ווים צו רויבען
די אונשולד, וועלכע זיך פערטרויט...

ער זיצט אין גרויסע, רייכע זאַלען,
אויף זייד און סאַמעט פריי און פראַנק,
בריליאַנטען וואַרפען צויבער־שטראַהלען
אויף איהם, וואָס איז פון זינד האַלב קראַנק;
ער טרוימט אין זאַנפטען אבענד־שלומער,
פון מיידלעך און פון ליעבעס־גלוטה —
נאָר איהם בעשטראָף, דו פאָלק פון קומער,
צופלייש איהם מיט דיין שטאַרקע רוטה!...

www.libtool.com.cn

# בעריל מטושטש

(נאָך געטהע)

איך בין געווען אַ פילאָזאָף
און האָב געלאַכט פון פּאָעזיע,
און האָב אין יעדען מענשען צום סוף
געזעהן אַ נאַר דער פאַנטאַזיע;
נאָכדעם בין איך געווען פּאָעט,
האָב שטאַרק געליעבט די פּאָעזיע,
און האָב אין גאַס, אין שטוב, אין בעט,
געטרוימט פון מוזען שפּעט און פריה.

דאַרום פייף איך איצטער אין דער הויך,
דאָס אַלץ איז נאַריש, אַלץ איז רויך,
דאָס הענקען און דאָס טרוימען אויך.

איך בין געווען אַן אַקטיאָר,
און האָב זיך אַנגעבלאָזען שטאַרק,
האָב זיך געקרייזעלט לאַנג די האָר,
געגלעט די וואָנציעס און דעם קאַרק;
און דאַן בין איך געוואָרען מיעד
צו בייטען אימער מיין געשטאַלט,
און בין געוואָרען ווי דער איד,
וואָס ווערט אין דער אמונה אַלט.

www.libtool.com.cn

דרום זינג איך איצטער אין דער שטיל,
דאָס אַלעס, אַלעס האָט קיין ציעל,
די וועלט איז נור אַ קינדער־שפּיעל.

---

איך בין געוואָרען גוט און פֿרום,
און האָב די ראַכע שטאַרק פֿערהאַסט;
האָט מיך די וועלט געריפֿען דום,
און מיך בעהאַנדעלט ווי איהר פֿאַסט;
און דאַן בין איך געוועזן טיראַן,
און האָב די גאַנצע וועלט געדריקט,
און בין פֿון האַס און שלעכטסקייט האָן
געוואָרען באַלד אַליין דערשטיקט.

דרום שווייג איך איצטער וואו איך בין;
איך לויף אַהער, איך לויף אַהין,
און אַלעס, דאַכט מיר, האָט קיין זין.

---

איך בין געוואָרען אַלט און גרוי,
און האָב מיר אין דער פֿאַנטאַזיע
געלאַכט פֿון יעדער שעהנער פֿרוי,
און איבערהויפּט פֿון יעדע „זי“;
און דאַן בין איך געוואָרען יונג,
האָב צוגעשפּרונגען אויף איין פֿום;
אַ בליק, אַ לאַך, אַ וואָרט אַ שפּרונג,
איך האָב גע׳חלש׳ט נאָך אַ קום.

דרום לאַך איך יעצט פֿאַר זיך אַליין,
דאָס אַלעס וואָס איז יונג און שעהן
מוז דאָך אַם ענדע אונטערגעהן.

---

www.libtool.com.cn

איך בין געווען אַ קינסטלער אויך,
בעליעבט, בעוואונדערט און בעריהמט ;
כ׳האָב אַלץ בעטראַכטעט פֿון דער הויך,
און זיך אַביסעל צוגעברומט,
און דאַן בין איך געוואָרען פּראָסט,
אַזוי אַ מענש, מיט מענשען גלייך,
האָט מיך אַ שטיק געזונד געקאָסט
צו האַלטען פּעסט מיין קעניגרייך.

דרום זיפּץ איך איצטער פריה און שפּעט,
דען אַלעס וואָס מען טראַכט און רעדט
איז ווי דער טרוים פון אַ פּאָעט.

---

איך בין געווען אַ סאָלדאַט
און האָב מאַרשירט מיט גלייכע שריט,
און האָב ביין ברענענדען האַרמאַט
געזעהען ווי דאָס פּולווער פליהט ;
און דאַן האָב איך מיר אויסגעלאַכט
פון פּולווער, ביקסען, קריעג און שווערד,
און האָב פאַר זיך אַליין געמאַכט
אַ פריעדען אויף דער גאַנצער ערד.

דרום קלאַפּ איך מיט די פינגער צו,
מיין קריעג און אויך מיין פריעדענס רוה
איז דום, ווי אַלעס וואָס איך טהו.

---

איך בין געווען וואָס איהר ווילט,
און האָב מיר פּיעלעס איינגערעדט,
איך האָב מיר מיט די וועלט געשפּיעלט,
ווי איינער שפּיעלט זיך אין אַ געוועט.

www.libtool.com.cn

איך האָב געבענשט און געפלוכט,
געוואָרען פעט, און דין, און דאַר,
איך האָב געטרוימט, געטראַכט געזוכט,
און בין אַרויס אַ האַלבער נאַר.

דרום לאַך איך מיט פערגניגען היינט,
איך האָב די וועלט ניט צו שטאַרק פיינד,
און בין אַ שטיקעל מענש, מיר שיינט. —

www.libtool.com.cn

# ליעדער

(איבערזעצט אוים דעם ענגלישען)

1.

זאַנען־אונטערגאַנג.

אויף אַ בארג, פון מענשען ווייט,
וואַנדעל איך אַליין,
שטראַהלענד ראַש אין מערב זייט,
נעהמט די זון פערגעהן.

אַבגעטונקט אין שטראָמען ליכט
ליגט די שטאָדט אין טהאַל,
לאַנגזאַם ווענד איך מיין געזיכט
פון דעם לעצטען שטראַהל.

פריידליך קומט די נאַכט און קיהל,
הען דער טאָג איז מיעד,
און מלאכים זינגען שטיל
אין מיין הערץ אַ ליעד.

2.

צו אַ בלומען־בייט.

שעהנע, ריינע בלומען־שוועסטער,
ווען איך זעה אייך בליהענד שטיל,

www.libtool.com.cn

דעמאָלט איז מיין גליק דער גרעסטער,
ווער איך רייכער אין געפיהל.

כ׳וואָלט אייך דריקען צו מיין הערצען,
כ׳וואָלט ווי שוועסטער אייך געקוסט,
דען איהר שטילט מיר איין די שמערצען,
און ערפילט מיין הערץ מיט לוסט.

3.

מאַי־ליעד.

קומט דער שעהנער מאָנאַט מאַי
ווערען אַלע הערצער פריי,
זינגט די פויגעל, בליהט דער וואַלד,
הויבט דער מענש אָן ליעבען באַלד.
שעהן און ניי,
ליעב און טריי,
איז די וועלט אין מאָנאַט מאַי.

שפּראָצט אויפ׳ס ניי דאָס גרינע גראָז,
גיט אַ וואַרעמער ווינד אַ בלאָז,
לעבט דער אָר׳מסטער ווידער אָפּ,
גרינגער ווערט עס אונז אין קאָפּ,
און די וועלט,
ניי־בעזעעלט,
וואַרפט איהר טרויער־קלייד אַראָפּ.

www.libtool.com.cn

# נייע און אַלטע ליעדער

זיי קלינגען מיר פרעמד, יענע אַרבייטער־ליעדער,
וואָס איך האָב געזונגען, און וויל זינגען ווידער.
עס ווילט זיך מיר לעבען, עס ווילט זיך געניסען,
איך וויל מיינע אויגען פונ׳ם עלענד פערשליסען,
און מעהר פון קיין אָרמוטה און דחקות ניט וויסען.
עס רופען מיך שטימען פון שעהנערע וועלטען,
וואו גראָבקייט און אָרעמקייט זעהען זיך זעלטען, —
פון וועלטען פון פריידע און גליקליכע טרערען,
פון בעסערע זיטען און לייכטערע לעהרען,
פון קונסט און געשמאַק, פון טאַלאַנט און ענטציקען,
פון גליהענדע הערצער און שטראַהלענדע בליקען.
עס רופען מיך שטימען, און וועקען, און ריהרען,
און ווילען צו בעסערע צייטען מיך פיהרען, —
צו צייטען פון גלויבען און גליקליכעם האָפען,
פון רוהיגעם וואַכען און זאָרגלאָזעם שלאָפען,
פון לופטיגעם לאַכען און זאַנפטערע שמייכעל,
פון הערצער בעגרענצטע און גלויבענדען שכל.
ווי ליעבליך זיי קלינגען די שטימען פון ווייטען!
ווי אונגערן ס׳ווילט זיך די עהרע פערבייטען!
דעם אַרבייטער׳ס לעבען, ווי טרויר׳ריג עס קלינגט מיר;
ווי דונקעל און פינסטער, און שרעקליך עס ווינקט מיר
פון ווייטען דער אייביגער עלענד, וואָס דריקט איהם
און קוועלט איהם און פּלאָגט איהם, און מאַטערט און שטיקט איהם!

ווי קליין איז זיין וועלטעל, ווי דונקעל זיין לעבען,
ווי ענג איז זיין „איך“, ווי בעשרענקט איז זיין שטרעבען!
אָהן שכל, אָהן וויסען, אָהן גייסט און אָהן מח,
אָהן פרישקייט, אָהן זאפט, אָהן לעבען, אָהן כח,
פערדארט און פערטריקענט, צודריקט און פערוויאנעט,
דערשלאָגען, פערוואונדעט, צובלוטיגט, צוראנעט:
גענארט און בעטראָגען, פערדומט און געבלענדעט,
פערשפּאָט און ערניעדריגט, פערשטויסען, געשענדעט,
בערויבט און בע׳גזל׳ט, געפליקט און געשונדען. —
ווי טרויריג זיי קלינגען, די פריהערע ליעדער, —
דאָך ווילט זיך געדענקען און זינגען זיי ווידער!

www.libtool.com.cn

# מוטער און טאָכטער

ביים וואַש־טאָפּ שטעהט די מוטער,
עס העלפט איהר אויך איהר קינד;
אוןביידע וואַשען, דרעהען
די שוואַרצע וועש געשווינד.

די מוטער טהוט די אַרבייט
אַ גאַנצע וואָך אין הויז,
די טאָכטער געהט פערדיענען
און העלפט איהר זונטאָג בלויז...

די מוטער איז אַ בלייכע,
אַ דאַרע, שוואַכע פרוי;
די טאָכטער איז אַ בלומע,
וואָס ווערט פערוועלקט אָהן טהוי...

די מוטער ליעבט די טאָכטער —
דאָך זי איז שוואַך אַליין,
די טאָכטער ליעבט די מוטער
און העלפט די וועש איהר דרעה'ן.

איך שטעה אין ענגען צימער
און קוק פערטראַכט אויף זיי;
עס איז דאָך גאַנץ געוועהנליך,
דאָך, אַך! דאָס הערץ טהוט וועה...

www.libtool.com.cn

# די זיפּצענדע שטימע

די לופט איז דומפּף, עס איז פאַרנאַכט;
די זון פערזינקט, דאָרט וויט, בעזאַכט;
דער אבענד שפּינט מיט גרינגער האַנד
די שוואַרצע פעדים אויפ׳ן וואַנד.

און באַלד דערהער איך דורך דער לופט
אַ טרויער־שטימע וויינט און רופט,
איהר זיפּצער־טאָן צוגיסט זיך גלייך,
ווי ס׳וואָלט געוועזן פון מארך אַ טייך...

און טיעף אין הערצען דרינגט זי איין
און וועקט די שמערצען, און וועקט דעם פּיין
און יאָמערט, בעט מיט טיעפען וועה:
„וואָס זיצסטו שטיל, וואָס זיצסטו — געה!"

איך הער זיך איין, איך קוק זיך אום,
ס׳איז אַלעס רוהיג, שטיל אַרום,
דאָך אַרבייטס־מאַן, די שטים, מיר שיינט,
דאָס איז דיין שוועגען, אַר׳מער פריינד...

www.libtool.com.cn

# אויפרוף

(סאַטירע)

פאָרווערטס ! פאָרווערטס ! ליעבע שמייכלער
גוטע, פרומע, שטילע הייכלער,
ביזנעס־מאַכער, טעלער־לעקער,
פאָלקס־פערזאָרגער, וועלט־ערוועקער,
„סמאַרטע“ לייט פון אַלע קלאַסען !
האָט רחמנות אויף די מאַסען,
וועלכע שטאַרבען אין די גאַסען,
דורך דעם הונגער־טויט, דעם בלאַסען —
גלייך ווי ענגעל קומט, בעווייזט זיך !
האָט רחמנות — אַדווערטייזט זיך !...

וואָס ? איהר הערט קיין טאָלערס קלינגען ?
זייט איהר קלוג — הערט אויף צו דינגען !
מיט אַ זיפץ און מיט אַ חנ'דעל,
מיט אַ ברעקעל, מיט אַ ביינדעל
קענט איהר יעצט דעם „חן“ געווינען —
„קעש“ וועט איהר נאָכהער פערדינען,
ווען דער שוויים וועט ווידער רינען
פון די לעבעדיגע מאַשינען ! —
נעהמט אַוועק דעם הונגער'ס רימען,
קויפט מליצים, קויפט זיך „שטימען“ !....

www.libtool.com.cn

# פון ציריך

אין ציריך לעבען שטראַנד אַליין,
דאָרט שטעהט דער שליח ציבור;
די אַלפּען גלענצען וואונדער־שעהן,
די זאַנע האַלט ביים אונטערגעהן,
זי שטייגט די בערג אַריבער.

בעגייסטערט און בעצויבערט שטעהט
דער בראַווער שליח ציבור,
ער האַלט דעם מויל געעפענט ברייט
און אָטהעמט איין די לופט וואָס וועהט,
און רעדט אין זיסען פיבער:

„ווי דאַנק איך אייך, אַ ארבייטס־לייט,
וואָס איך בין יעצט אין ציריך!
איך מערק ניט ווי עס לויפט די צייט,
איך שווים אין לויטער זעליגקייט,
אַ גראַפען־לעבען פיהר איך.

„איך טהו זיך אָן אין ווייסע וועש
ווי איך שטעה אויף, פריה־מאָרגען,
און געה שפּאַצירען אין קאָנגרעס —
(אַ דאַנק דעם מענשליכען פּראָגרעס)
איך ווייס ניט פון קיין זאָרגען.

www.libtool.com.cn

„איהר הונגערט דאָרט — מיין שמערץ ווי גרויס ! —
מיט קינדער און מיט פרויען ?
אָ !... דאָ אין ציריך איז ניט הייס,
דעם בעסטען וויין, דאָס פעטסטע פלייש
איז גרינג דאָ צו פערדייען...

„דאָך אַך ! ניט לאַנג נאָך וועל איך שטעהן
און זעהן די שנעע־בערג שטראַהלען ;
איך מוז צו אייך ווידער געהן,
אָ, ברידערלעך ! עס ווינקען שוין,
עס רופען מיך די וואַהלען...

„איהר פרעגט, וואָס האָט מען אויפגעטהאָן
ביז יעצט פון אייערטוועגען ?
מען האָט פערשוואַצט דעם גאָט מאַמאָן,
פערטרונקען שטאַאַט, און קירך, און טראָהן
און... געוואַלד ! הערט אויף צו פרעגען...“

www.libtool.com.cn

# עפּיגראַמען

קיינער פערשטעהט ניט דאָס לעבען, אַזוי ווי מען קען עס פערשטעהן;
אימער נאָך בלייבט אונז צו לערנען, אימער נאָך ווייטער צו געהן.
שטרעבענדיג ווערען מיר קליגער, קעמפּפענדיג ווערען מיר אַלט;
ווייט אין דער שלאָפענדער צוקונפט, זעהען מיר אונזער געשטאַלט.
די ליעבע ווי פּערלענדער טהוי, און דופטענדעס האָניג טריפט
פון׳ם דיכטער׳ס הערץ; אָפט רופען די מענשען עס גיפט.
די יוגענד לויפט נאָך דער אַלטקייט, די אַלטקייט נאָך יוגענד;
די טוגענד האָט לוסט צו פערברעכען, ס׳פערברעכען צו טוגענד.
אָפט ווערענדיג מיעד פון דאָס אַלטע, זוכען מיר נייעס גליק;
דאָס נייע אָפט זעהענדיג — ווילט זיך דאָס אַלטע צוריק.
קענסטו אין לעבענס־קאַמפּף בליהען, מיט טהאַטען בעלאַדען זיין שווער,
מענש! זיי צופריעדען: — וואָס קענסטע פערלאַנגען נאָך מעהר?
ביזטו אַזוי ווי אַ בוים, וועלכער גיט אונז ערפרישענדע פרוכט,
ווערסטו געשעצט און געאַכטעט, ווערסטו געליבט און געזוכט.
אימער נאָך האָבען מיר ליעבער די מענשען מיט הייסעם געפיהל,
דאָך פיהרען די קעלטערע מענשען אָפט גיכער צום ציעל.

www.libtool.com.cn

האָם וואָס דיך עקעלט אָפּ היינט, קען דיך מאָרגען נאָך
מאַכען ענטציקט;

טרעט ניט דאַרום אויף דער זאַך, וועלכע האָט דיך נאָך היינט
ניט בעגליקט.

מעסטען, און וועגען, און לערנען, זעהן און צווייפלען
און מעסטען,

פּאַסט פאַר דעם עדעלסטען מענשען, פּאַסט פאַר דעם דענקער
דעם גרעסטען.

ביזטו אַ דענקער אַ דיכטער, זיי גרוים אין דיין שטילעם
געצעלט,

דאָך צייג ניט דיין גרויסקייט צו אָפען דער נאַרישער
וועלט.

די וועלט קען בעוואונדערען גרויסקייט, דאָך לאַנג צו איהר
וויל עם ניט קניהען;

דאַם גרויסע מוז ענדליך זיך עטוואָס צו בויגען בעמיהען.

די דיכטונג איז אַזוי ווי אַ וואַלד מיט דופטענדע, ריעזיגע
בוימער;

דאָך מוז די ערפאַהרונג בעגלייטען און פיהרען דעם
טרוימער.

מיר ווילען ניט טהאָן וואָס מיר טהוען, און פרעגען: ווארום?

מיר טהוען ניט ווילענדיג, איידער מיר זעהען זיך אום.

דאָם לעבען פערשווינדעט אונז פרעגענדיג: יא אָדער ניט?

דען „יא“ אָדער „ניט“ איז דער פלאָנטער ביי אונזערע טריט.

„דעם פריינד וועל איך מעהר שוין ניט זעהן, איך האָב שוין
צו איהם ניט קיין לוסט“;

דאָך באַלד ווי איך האָב עם בעשלאָסען, האָבען מיר זיך
געזעהן און געקוסט.

www.libtool.com.cn

האָב איך די זאַך וואָס איך וויל, דאַן פערשווינדעט בעתּנאחע
מיין פערלאַנג,
האָב איך ניט וואָס איך וויל, דאַן פערפלוך איך די וועלט
און מיין האַנג.
„נאָר אַ הויך זאָל זיין דיין ליעד" —
זאָגט אונז דייטשלאַנד'ס גרעסטער דיכטער,
אָבער דיכטונג פאַר דעם איד,
מוז מען וועגען אויף געוויכטער.



# אונזער וועלט

א גרויסער ברייטער אייז־מעער
פערפראָרען אומעטום,
די מענשען — ווי די בערען
וואָס קריכען דאָרט אַרום...



www.libtool.com.cn

# אַ גאָלדענע פעדער

אַ גאָלדענע פעדער האָסטו מיר געשאָנקען, מיין פריינד ;
זי האָט מיר אין אָנפאַנג גאָר ליעבליך און רייצענד געשיינט ;
און אַלס איך האָב שפּעט אין דער נאַכט מיינע פערזען געשמיט,
האָט זי מיר געפינקעלט און זאָ ווי אַ כשוף געגליהט...

עס האָבען די אויגען אַ קראַפּט אַ געהיימע געשפּירט,
דאָס האָט זיי אַ שטראַהל פון דער גאָלדענער פעדער בעריהרט.
זי האָט מיך געבלענדעט און איך האָב איהר שעהנקייט
בעטראַכט,
דאָך, אַך ! אין מיין פריי־הייטס־ליעד האָב איך אַ פעהלער
געמאַכט...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# גערדאַנקען, בילדער און סקיצען

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# „זיין אָדער ניט זיין?“

איך וואָלט וועלען אַלעס אַרויסזאָגען און פערטיג ווערען מיט איין מאָל, און אַ סוף דערמיט! — וואָס טויג זיך לאַנג פערנעהמען מיט זאַכען, וואָס האָבען כמעט קיין צוועק און קיין ציעל ניט? וואָס טויג דאָס לעבען? אָבער האָט דען דאָס לעבען ניט קיין ציעל? איז ניט דאָס לעבען אַליין — די טהעטיגקייט פון די אטאָמען אין דער גאַנצער נאַטור, די אייביגע ענדערונג און אבוועקסלונג פון דעם לעבען אין טויט, און פון טויט אין לעבען — איז דען ניט דאָס אייביגע בליהען און וועלקען פון דער נאַטור איהר לעבענס־צוועק? וואַקסט דען ניט דער בוים אַרויס פון דער ערד, גיעריג צו לעבען, פול מיט לעבענסקראַפט, און פערשפרייט מיט פרייד און לוסט זיינע צווייגען אין די גאָלדענע שטראַהלען פון דער זון? עפענען זיך דען די בלומען ניט אין ליעבע, און בעצויבערן די אויג מיט זייערע הונדערטע, הארמאָנירענדע פארבען און זיסע דופטען? גלענצט דען ניט זייער סאַמעט קאָליר, ענטציקט דען ניט זייער זאַנפטקייט ווען מען בעריהרט זיי? זינגען דען ניט די פויגעל אין דער לופט? פערשפרייט דען ניט דער טייך זיין גלאַטען שפיגעל, און קרייזעלט דען דער ווינד ניט זיינע שטילע וועלען? לעבט דען ניט אַלעס ארום מיר, אין מיר, איבער מיר, אין דער לופט, אין די וועבונגען פון די פלאַנצען, אין די וואָרצעל פון דער ערד, אין די טויזענדער און טויזענדער קליינע ברואים'לעך, מיט וועלכע די וועלט, די נאַטור איז אָנגעפילט און דורכגעדרונגען? בעוועגען זיך דען ניט מיליאָנען וועזען אויף דער ערד, אין אַלערליי כאַראַקטערציגע און נאַטור־אייגענטהימליכקייטען? רוישען דען די אַלטע, אוראַלטע וועלדער ניט? קוסט דען דער ים

www.libtool.com.cn

דעם ברעג ניט? פערגעהט דען ניט די רויט־שטראהלענדע זון מיט אונבעשרייבליכען רייכטהום, גלאנץ און פראכט? שיינען די אייביגע שטערן ניט אין די אייביגע וויסטען פון לעבען און נאטור? — קלינגען דען אין מיר ניט די שטימען פונ'ם טאג, די טויזענדער הארמאניען פון לעבען? ביינקט דען מיין הערץ ניט נאך די ווייטע, ווייטע פעלדער, שטראמען און ווילד־בעוואקסענע טהאלען? גשהט דען די זון ניט אויף אין מיר, און בעוועגט זיך מיין הערץ דען ניט מיט ליעבע צו דער גרויסער, אייביגער, אונענדליכער נאטור? איז דען ניט מיין הערץ פערבונדען מיט אלעם אין אייביגער ליעבע? און האט דען מיין לעבען קיין צוועק ניט? דארף זיך דען גארנישט אין מיר ענטוויקלען, הארף דען גארנישט אין מיר קלעהדער ווערען, זיך אויסלייטערן, אויסבעסערן, פערפאלקאמענען? דארף דען דער בוים פון מיין לעבען ניט ארויסלאזען פון זיך זיינע שעהנסטע און רייכסטע צווייגען, און געבען פון זיך די רייכסטע, געזונדעסטע, געשמאקסטע און פארבענרייכסטע פרוכט? איז דאס ניט צוועק און ציעל גענוג? — און איז דען מיין לעבען גענצליך אונניצליך אין דער גרויסער לעבענס־קייט פון דער נאטור, פון דער וועלט? פילט דען מיין איך ניט אוים א פלאץ אין לעבען? לעב איך דען ניט אין די הערצער פון אנדערע מענשען, בין איך דען ניט מיט זיי פערבונדען אין ליעבע און פריינדשאפט, אין דענקען און שטרעבען, אין בלוט און פלייש? שמערצט מיר דען ניט זייער שמערץ, טהוט מיר דען ניט וועה זייער וואונד, לייד איך דען ניט מיט זיי? — זיינען זיי גאר פרעמד צו מיר? פיהלען זיי ניט פיר מיר? בין איך זיי גאר א פרעמדער?

ניין, דאס קען ניט זיין!

און ווארום ניט לעבען, זיין נוצליך פיר זיך אליין, און בעפרוכטען דעם לעבען פון אנדערע? ווארום ניט אפט אויסנוצען מיין עקזיסטענץ, און שטעהן אין דער וועלט, אין מיין לעבען, ווי נאך מיין טויט, ֿא געביידע אפגעענדיגט, אויסגערונדעט, אויסגעפיהרט אין אלע איינצעלהייטען, ביז דער קלענסטער פערציערונג?

www.libtool.com.cn

ווי שעהן איז עס, ווען די אקאָרדען און הארמאָניען פון דער אָפּערא שטייגען אויף אין דער לופט און וויקלען זיך פונאַנדער אין טויזענדער רעגענבויגענס פון פארב און קלאַנג, און פלעכטען, קרייזלען זיך און שטאַמען ארוים אין טויזענדער פאַלטען, פארבען און בלומען־קאָלירען! ווי שעהן איז עס ווען די בעגייסטערטע, ענט־ציקענדע טענער דרינגען ארויס פון דעם זינגער'ס הארץ, און די מעלאָדיע הערט זיך קלאָר, זילבערדיג און דופטענד!

קען דען ניט מיין לעבען זיין אזוי?

די פארבען פון די טהייערע געהאקטע און געשליפענע שטיי־נער, רובינען, טירקוס־שטיינער, קריסטאלען, די קאָלירען פון די אויסגעפוצטע, פיעל־פארביגע קאָראַלען, די ווינקעל, זיילען, קאָרי־דאָרען און ווערשנדאָס פון אן אָפּגעענדיגטער געביידע, די געשלי־פענע שטיינער און די טענער פון א מעלאָדיע, די קלאָהרקייט פון א געדאַנק, ארויסגעבראַכט פון'ם טיעפען שטילען דענקער — איז דאָס ניט אלעס הארמאָניע, געטליך און ערהאבען? און האָב איך דען אין זיך ניט אזעלכע שטיינער, אזעלכע פארבען, קלאַנגען און טענער ארויסצוברענגען אין דער פאָלענדיגטער פאָרמע? — ווי שעהן איז א געדאַנק, וועלכער שיינט אונז אין זיין פולער קלאָהר־קייט און דייטליכקייט! ווי שעהן איז אלעס וואָס איז אָפּגעענדיגט, אָפּגעטאָקט און אויסגערונדעט! ווי שעהן איז א לעבען וועלכער שטעהט פאר אונז מיט דער פאָלענדיגטער פאָרמע פון א טרוימענ־דער סטאטוע אין גרויסען, שעהנעם, גאַנגרייכען גאָרטען פון לעבען! —

איז עס ניט גליק גענוג צו זיין, צו געניסען, צו פיהלען אין זיך די פרייד פון טאָג, דאָס ליכט פון דער זון, די ווייכקייט פון די וואָלקען, דעם פארבען־רייכטהום פון דער נאַטור? איז עס ניט גליק, איז עס ניט פרייד גענוג, צו זיין טהעטיג, צו פיהלען דעם לעבענס־גלוטה אין די אָדערן, דעם טעם, די גרויסע שרעק, ווען מען איז אין דער אַנוועזענהייט פון דער, וואָס מען ליעבט? איז עס ניט גליק גענוג ארומצוואַנדלען אין דיזער גרויסער געהיימניס,

www.libtool.com.cn

וואָס מען רופט דאָס לעבען און די נאַטור? איז עס ניט פרייד גענוג זיך צו ערפרעהען מיט די טויזענדער, אונענדליכע פאָרמען, געשטאַלטען, פאַרבען און קלאַנגען פון דער וועלט? זיך צו פער־טיעפען אין די נאַטורען פון די אַלע עקזעסטירענדע וועזען און צו טרינקען, ליעבען און וויסען פון טויזענדער נאַטור־קוואַלען? איז עס ניט פרייד גענוג אויף אַלע נאַטור־בילדער צו קוקען און פיהלען די זאַנפקייט פון דעם אידילישען, פראַפּעטישען, דונקעלען אָבער אימה'דיג־בעוועלטיגענדען גייסט פון פעלז און טהאַל, פון שטראָם און אָבגרונד? — וויפיעל סודות, וויפיעל ליעבע, וויפיעל כאַראַק־טערציגע איין קליינעם וועזען ענטהאַלט, א פליג, א מוראַשקע, א מילב? און וויפיעל סודות, כאַראַקטערציגע דאָס גאַנצע ענט־האַלט? קען עס ווען עס איז דער מענש דורכשטודירען? קען ער עס אַלעם בעגרייפען? האָט ער וועניג אַרבייט, וועניג אינטערע־סען אין זיך אַליין און אין דער וועלט? —

אַך, ווי אָרעם דער מענש זאָל ניט זיין, ווי אונאינטערעסאַנט דאָס לעבען זאָל ניט שיינען, ווילט זיך דאָך ניט שטאַרבען!

www.libtool.com.cn

# אוים מיין טאגעבוך

איך בין אויפגעשטאנען מיט זונען־אויפגאנג, האָב זיך גיך אָנגעטהאָן און כאָטש איך האָב געזעהען, אז דער טאָג וועט זיין א הייסער, פון דעסטוועגען בין איך געגאנגען אין ווינטער־מאַנטעל... אויף דער גאס האָב איך געקויפט א צייטונג, האָב דורכגעקוקט אלע „וואָנטס", און האָב גענומען מארשירען צו איינעם פון די אָנגעגעבענע פלעצער, וואו מען פערלאנגט ארבייטער. געהענדיג האָב איך געטראַכט, אז איך וועל געווים זיין דער ערשטער, וואָס וויל אזוי שטאַרק עסען און איילט זיך דערפאַר צו קומען פריה, אָבער איך האָב געהאט א טעות. איך האָב דאָרט געטראָפען א פּאָר מניינים פון מיין סאָרט, ד. ה., הונגעריגע, נאַקעטע, פער'חשב'טע ארבייטער. איך האָב באַלד געוואָלט געהן צו א צווייטען פלאַץ, אָבער איך האָב איבערגעטראַכט, אז דאָרט מוז אויך זיין דאָס זעלבע ווי דאָ, איך בין געבליבען שטעהן. איך האָב יעדען בעזונדער בעטראַכט, זיך איינגעקוקט אין זייערע פערפינסטערטע פּנים'ער, אויף וועלכע די נויט האָט ארויפגעלעגט איהר שווארצען זיעגעל. איך האָב בעמרקט, ווי איינער דעם צווייטען קוקט אָן בייז, גלייך ווי זיי וואָלטען זיין אַלטע שונאים. אַך, איהר אָרימע, פערנאַרטע ארבייטער, האָב איך געטראַכט, איהר ווייסט ניט אויף וועמען צו זיין בייז; איהר ווייסט ניט ווער עס האָט אייך געבראַכט צו אזא טרויעריגען צושטאַנד...

דער ווארטען האָט מיך געערגערט און נאָך מעהר בין איך בייז געוואָרען, ווען איך האָב בעטראַכט, ווי מענשען, וואָס ווילען ארבייטען און געניסען פון זייער ארבייט — אזעלכע מענשען מוזען נאָך שטעהן און ווארטען ביז מען וועט זיי ערלויבען צו ארבייטען.

www.libtool.com.cn

ענדליך האָבען מיר זיך דערוואַרט. עס האָט אַ פּייף געטהאָן זיע־בען און דער פאָרמאַן איז געקומען. דאָס איז געווען אַ רויטער, אָבגעפּרעסענער, פערטרעמפּעוועטער דבר אחר. ער האָט זיך אָני־דערגעשטעלט אויפ'ן בריקעל פון פאַבריק און האָט אונז גענומען בעקוקען מיט זיינע קליינע פער'שכור'טע אויגעלעך, אַקוראַט ווי אַן אָפיציער בעקוקט זיין ראָטע סאָלדאַטען. די הענד האָט ער געהאַלטען אין די הויזען־קעשענעס און זיין גאָלדענע קייטעלע האָט זיך אַרויסגעזעהען. ער האָט געקוקט מיט גדלות, מיט צופריע־דענהייט, מיט פערגעניגען. אין יענעם אויגענבליק האָט ער זיך געפיהלט העכער, גרעסער פון די אַלע, אויף וועמען ער האָט גע־קוקט. מיך האָט געעקעלט אַנצוזעהן די חזיר'שע צורה פון אַזאַ נידעריגע בריאה. איך האָב מעהר געקוקט אויף די אַרבייטער. אַך, וויפיעל איך האָב געלעזען אין זייערע געזיכטער, אין זייערע מיענען! האָפנונג, ערוואַרטונג, שרעק און פערצווייפלונג.... יע־דער האָט געקוקט אויפ'ן פאָרמאַן און זייערע בליקען האָבען אויס־געדריקט אַ געבעט צו איהם. איך האָב געזעהן, ווי יעדער וויל איהם געפעלען ווערען, אום צו קריגען דעם לאַנג געזוכטען שטיקעל ברויט. ווען זיי וואָלטען געקענט אויף דעם אויגענבליק, דורך אַ כשוף, ווערען גרעבער, רויטער, שעהנער, וואָלטען זיי געוויס אָב־געגעבען אַ וואָך ווייזדישעס פאַר דער סגולה, אבי נאָר צו קריגען אַרבייט.

איך האָב געלעזען די פינסטערע געדאַנקען פון זייערע קעפּ — טאָמער קריגט מען קיין אַרבייט ניט, אין דערהיים איז קראַנק די פרוי, אַ קינד, ניטאָ קיין ברויט, קיין דאָקטאָר, קיין מעדיצין, רענט קומט און דער לענדלאָרד סטראַשעט אַרויסצואוואַרפען פון דירה, און פון אַנדערע אַזעלכע טרויעריגע צושטענדע, מיט וועלכע עס איז פול דעם אַרבייטער'ס לעבען.

ווען דער פאָרמאַן האָט יעדען בעזונדער בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ער ענדליך אַ וואונק געטהאָן צו דריי פון אונז. נאַטירליך האָט ער אויסגעקליבען די שטאַרקסטע; ער האָט געהאַט

www.libtool.com.cn

רעכט, אז מען קויפט סחורה, דארף מען זעהן וואס ביליגער און וואס בעסער צו קויפען. מיט אראבגעלאזענע קעפ זיינען די איבעריגע אוועק אין פערשיעדענע זייטען. איך בין אויך אוועק, אויפגערעגט, אין כעס...

איך בין געקומען צוריק צו מיין וואוינונג. ארויפגעהן אין שטוב האט זיך עפעס ניט געוואלט. איך בין שולדיג פאר א מאנאט רענט און די בעל־הבית'טע וועט מאכען א זויערע מיענע; איך קען זי ניט פערדענקען, די בלייבע, פערהארעוועטע, דאפעלט־פערשקלאפטע פרוי. זי פלאגט זיך אויך, דער לענדלארד לאזט זי אויך ניט רוהען — —

מיר איז געווארען מאדנע צום מוטה. דער טאג איז הייס און דער ווינטער־מאנטעל ליעגט מיר אויף די פלייצעס, דער הונגער וואויעט אין מאגען אזוי ווי א הונגעריגער וואלף, די שיך קוקען מיך אן אזוי אומעטיג מיט זייערע אפענע מיילער, אקוראט ווי א פאר זשאבעס פון אן אויסגעטריקענטען זומפ. וואס טהוט מען? וואוהין עטלויפט מען? וואוהין ענטלויפט מען פון זיך אליין? מיר איז געווארען ענג... רונד און ארום די הויכע, שווארצע הייזער, מיט די פייער־עסקייפס, אזוי ווי די טורמעס, און אלע אזוי גלייך אין מאס, אקוראט ווי זיי וואלטען געוועזן אויסגעגאסען פון איין האנד... פאר יעדער הויז שטעהט א מיסט־פעסעל, אזוי ווי ביי די רייכע שטעהען די גרינע, פונאנדערגעוואקסענע בוימער אונטער די פענסטער. (ניט קיין שלעכטער פערגלייך, הא?...) מיר איז געווארען ענג און איך האב געפיהלט, אז אויב איך וועל שטעהן אזוי נאך א פאר מינוטען, וועל איך ווערען דערשטיקט....

אלץ, וואס איך האב געזעהן ארום זיך, האט מיר אויסגעקוקט ווי א לאנגע, דיקע, שטארק פערפלאכטענע שטריק, וואס האט זיך אנגעהויבען ארומצואוויקלען ארום מיין האלז, און... איך האב גענומען געהן....

איך האב גענומען געהן ניט בעטראכטענדיג וואוהין איך געה. ענדליך, אז איך האב מיך ארומגעקוקט, האב איך דערזעהן, אז איך

www.libtool.com.cn

בין אפּ־טאון. אין גאס איז שטיל. ווען־ניט־ווען פאָהרט פערביי א מילך־מאַן און קלאַפּט מיט זיינע בלעכענע קאַנען. די שעהנע הייזער זיינען נאָך פערמאַכט. די שווערע, זיידענע גאַרדינען זיינען געוועזן ארונטערגעלאָזען, און אין די גרויסע, לופטיגע צימער, אין זייד־פערפּוצטע בעטען שלאָפען זיך גאַנץ רוהיג די רייכע בעלי־בתים....

ענדליך בין איך אָנגעקומען צום סענטראַל פּאַרק און איך בין אריין אין דעם גרויסען, פּרעכטיגען גאָרטען. די פויגעלעך האָבען מיך בעגריסט מיט א מאָרגען־ליעד, און דאַן האָב איך זיך איבער־ציינגט, אז די נאַטור איז מקבל פּנים דעם הונגעריגען אַזוי ווי דעם זאַטען, דעם רייכען ווי דעם בעטלער — אַלע זיינען ביי איהר גלייכע יחסנים.

איך בין געלאָפען אַלץ ווייטער און ווייטער אין גאָרטען אַריין, און ווייסט איהר וואָרום? ווייל איך האָב געוואָלט געפינען א ווינ־קעלע, וואו די אייזערנע האַנד פון ציווילזאַציאָן רוהט ניט. איך האָב געוואָלט א ווייילע פערגעסען אויף דער גאַנצער וועלט און אויף איהרע גוטע, פרומע, געבילדעטע, קלוגע, ווייכהערציגע מענשען. יא, איך זאָג דעם אמת, איך האָב געוואָלט פערגעסען אויף דער וועלט, זאָגאר אויף מיינע ברידער, אויף די אָרעמע, עלענדע, גע־קוועלטע, אָבער הארטנעקיגע שקלאַפען...

דער שטן איז מיר אָבער געשטאַנען אין וועג. איך האָב אָנ־געטראָפען מענשען — אָבער ווייסט איהר וועלכע מענשען? אָבגע־פרעסענע, רויטע, גראָבע, רייכע מענשען. אין טהייערע עקיפּאַ־זשען זיינען זיי ארומגעפאָהרען — ניין, די פערד, די גוטע, שטילע, צופריעדענע פערד האָבען זיי געפיהרט.... און זיי זיינען זיך געזעסען צושפּרייט און האָבען גערויכערט האַוואַנאַ סיגאַרען. און זיי, די רייכע מענשען, האָבען מיך אָנגעקוקט פערבייפאָהרענדיג מיט א צופריעדענעם שמייכעלע, און וועלכען איך האָב געלעזען די ווערטער: „דו קבצן, שלעפּער, שקלאַף, ווי קומסטו אהער! דאָ איז אונזער אָרט, מיר מעגען דאָ שעפּען די פרישע גן־עדן־לופט,

www.libtool.com.cn

אָבער ניט דו!" זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען ווייטער, און איך האָב גענומען געהן...

אָבער אַלץ זעה איך נאָך ניט די פרייע נאַטור! איבעראַל אַזאַ הייליגע אָרדנונג: גרינע ביינק צום זיצען, אויסגעפלאַסטערטע וועגען פאַר בייסיקלעך און עקיפּאַזשען, אויסגעמויערטע טויערען און טרעפּען, סטאַטועס, פאָנטאַנען, אויסגעזעצטע בלומען, די לאַנקעס פערצאַמט מיט דראָט און דאָס שמעקט דאָך אַלץ מיט מענשליכע אַרבייט... איך האָב גענומען ווייטער געהן. איך האָב דערזעהן אַ באַרג, בין אויף איהם ארויפגעגאַנגען און אראָבגעהענדיג צום צווייטען זייט, האָב איך ענדליך געפונען מיין געזוכטען פּלאַץ. איך האָב זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען צו זעהן, אויב איך בין אַליין, דען איך האָב געצווייפעלט, אויב מען קען געפינען אַ ווינקעל וואו מען זאָל קענען זיין אַליין און פערגעסען אויף אַלץ.... אָבער רונד און אַרום האָב איך געזעהן די פרייע, אונבעצוואונגענע נאַטור. איך האָב פריי אויפגעאַטהעמט.

אַך, ווי שעהן, ווי פּרעכטיג, ווי בעצויבערענד אַלץ ארום מיר האָט אויסגעזעהן! גרינע בערגלעך בעקרוינט מיט יונגע בוימלעך, וואָס האָבען נאָך געטראָגען אויף זיך זייערע דופטענדע בליהונגען; דינע צווייגלעך, דורך וועלכע די שטראַהלען פון דער זון האָבען זיך דורכגעפלאָכטען. די פויגעלעך זיינען ארומגעשפּרונגען פון איין אָרט צום צווייטען און האָבען געפּיפּטשעט, געזונגען אַזוי שעהן, אַזוי זיס, אַזוי פרעהליך, דאָס ווען צו מיר וואָלט אין יענער מינוט געקומען אַן אָרקעסטער מוזיק פון אַ קייזערליכען טהעאַטער און וואָלט מיר אָנגעבאָטען צו הערען אַ סימפאָניע פון איינעם פון די וועלט-בעריהמטע מוזיקער, וואָלט איך איהם גאַנץ געווים געהייסען צוריקגעהן אין זיין רוה.

יעדע מוראשקעלע, יעדע פליגעלע, יעדע בלעטעלע, יעדער זעמדעלע, יעדער וואָרצעלע האָט מיר פערשאַפט פערגעניגען, און ווער רעדט שוין די בלומען! די פאַרבענרייכע, פונאַנדערגעבליהטע, זאַנפטע, גוטע, שטילע בלומען. זיי האָבען מיך אָנגעקוקט אַזוי

www.libtool.com.cn

מילד, אזוי ליעבליך, נאך ליעבליכער ווי די שטערען פון הימעל; מיט זייער בשמים׳דיגען דופט האבען זיי געגלעט, געלאסצעט מיין ארעמע, דורשטיגע, פערשמאכטע, דערהיצטע זעעלע; זיי האבען פון איהר אראבגעגלעט דעם שטויב, וואס די וועלט מיט איהרע מענשען, מיט זייערע מעשים־טובים האבען אויף איהר ארויפגעשאָטען. זיי האבען אין איהר אריינגעבלאָזען א טהייל פון זייער לעבען און פון דעם האט זיך מיין זעעלע אָנגעצונדען, אָבער מיט אזא הייליגען, ערעלען, ליכטיגען פייערל, וואס האט זיך געהויבען אלץ העכער און העכער, ביז צום הימעל. צווישען די בערג און די בלומען און צווישען דעם גרינעם גראז איז רוהיג געפלאָסען א זילבער־קלאָהרער טייכעל און דער שטילער ווינטעלע האט גערושט דעם זילבער־קלאָהרען וואסער; און דער טייכעל האט א ציטער געטהאָן פון דעם ווינטעלע׳ס זיסען קוש און האט זיך גענומען קרייזלען. ווי מחיה׳דיג עס איז געוועזען צו שעפען די פרישע לופט, וואס דער טייכעל האט פערשפרייט!

איך האב זיך פערגעסען אויף דער וועלט. יא, פערגעסען אויף אלעס, אפילו אויף זיך אליין, אויף מיינע צוריסענע שיך. איך האב זיך אנידערגעלעגט אויפ׳ן גראָז, אליין אין דער געטליכער שטילקייט. מיינע אויגען האבען ניט געקענט זאט ווערען אָנקוקענדיג דעם פרעכטיגען, דעם הארמאָנישען בילד פון דער נאטור. וואס מעהר איך האב געקוקט, אלץ מעהר בעגייסטערט, בעצויבערט און ענטציקט בין איך געוואָרען. איך האב געוואָלט אלעם אומארמען, צודריקען צום ברוסט און עס קושען אזוי לאנג, ביז איך וואָלט עס פערשלונגען! דאן וואָלט איך זיך אליין געקושט און פערשלנגען, ביז פון מיר וואָלט געוואָרען א וואָלקענדעל, א ווינטעלע, א רויך, א חלום און איך וואָלט אוועקגעפלויגען ווייט, ווייט, ווייט דורך דעם רייגעם עטהער....

ווי לאנג איך בין אזוי געזעסען פער׳חלום׳ט, ווייס איך ניט. נאר פלוצלונג האב איך דערפיהלט, ווי עטוואס האט מיר בעריהרט. איך האב זיך געשווינד אומגעקוקט און א.... וואונדער! איך

www.libtool.com.cn

האָב דערזעהן פאַר זיך אַ געשטאַלט פון אַ פרוי. ניין, ניט קיין פרויען־געשטאַלט, נאָר אַ מלאך, אַ הימלישעס וועזען, נאָך עטוואָס העכערעס, ווי אַ הימלישעס וועזען איז דאָס געווען. זי האָט אַרויפ־געלעגט איהר צאַרטע, ליליען־האַנד אויף מיין שולטער און האָט מיך אָנגעקוקט ליעבלאַך מיט איהרע ליכטיגע, גאָלדענע בליקען. זי האָט מיך בעצויבערט. אויך איך האָב זי אָנגעקוקט, אָבער רע־דען האָב איך ניט געקענט.

אַך, ווי גלעקליך זי האָט אויסגעזעהן, אין איהר שנעע־ווייסען קלייד מיט דער רויטער בלום אויפ'ן ברוסט! איך בין געוואָרען בערוישט, איך האָב זיך פערלוירען — מיין חומר איז פערשוואונדען און איך בין געבליבען אַ נשמה אַליין, און די נשמה האָט זיך טובל געווען אין איהר אָטהעם און איהר אָטהעם איז געווען זיסער, ווי דער דופט פון אַלע בלומען אינאיינעם. איך האָב ניט געקענט אויסרעדען קיין איינציגעס וואָרט, האָב ניט געוואוסט וואָס איך זאָל רעדען. נאָר זי האָט זיך באַלד אָבגערופען מיט אַ הימלישען שמייכעלע: „דערקענסטו מיך ניט, פריינד?“ איך האָב זי אָנגע־קוקט נאָך שאַרפער און מיין הערץ האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו שלאָגען: „איך האָב דיך אין מיין לעבען ניט געזעהען, אָבער.... אָבער....“

דאָס האָב איך אויסגעשטאַמעלט און בין געבליבען שטיל. זי האָט מיך אָבער שטאַרק צוגעדריקט צו איהר ברוסט און איהרע ראָזע ליפען האָבען געמורמעלט: „פריינד, דאָס בין איך, דיין גע־ליעבטע, וועלכע דו האָסט קיינמאָל ניט געזעהן, און דאָך ליעבסטו זי מיט דעם גאַנצען פייער פון דיין זעעלע!“... און ווי זי האָט די ווערטער געענדיגט, האָט זי מיר נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו איהר ברוסט. און איך האָב זי אומאַרעמט. אונזערע ליפען האָ־בען זיך צוזאַמענגעשלאָסען און פון אונזערע אויגען האָבען זיך אַ גאָס געטהאָן אַ שטראָם טרערען. אָבער פריידען־טרערען, גרינגע טרערען. וואָס מעהר זיי האָבען זיך געגאָסען, איז אַלץ גרינגער און גרינגער געוואָרען....

www.libtool.com.cn

זי איז אויפגעשטאַנען פון דר׳ערד, האָט מיך אַרומגענומען מיט איין האַנד און מיט דער צווייטער האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן די שטראַהלען פון דער זון. און איין אויגענבליק זיינען מיר געוועזן ניט ווייט פון דער זון אַליין. זי האָט מיר געהייסען אַראָבקוקען אויף דר׳ערד. איך האָב זי געפאָלגט, און אַך! ווי שווידערהאַפט דער אַנבליק איז געווען! איך האָב דערזעהן דעם גאַנצען פערשקלאַפּטען פאָלק. אין יעדער שטאָדט, אין יעדען דאָרף, אין יעדע הייזעל האָב איך זיי געזעהען, מיינע עלענדע ברידער, און איך האָב אָנגעהויבען צו וויינען. זי אָבער האָט מיר געהייסען עטוואָס אַנדערש טהאָן און איך האָב זי געפאָלגט. איך האָב אַרויסגעריסען מיין הערץ פון דער ברוסט און איך האָב זי אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ ראָזיג־גאָלדענעם וואָלקען, וואָס איז אַרומגעשוואומען אין דער לופט.

פון מיין הערץ האָבען זיך אַרויסגעגאָסען די וואַרימע געפיהלען, גלייך ווי זונען־שטראַהלען, און האָבען דערוואַרעמט די פון צרות דערפראָרענע הערצער פון מיינע ליידענדע ברידער אויף דער ערד. אין זייערע הערצער האָט ערוואַכט די נאַטירליכע לוסט צום לעבען, צום גענוס, צום פערגעניגען. דאָס האָט זיי געבראַכט צום נאָכדענקען איבער זייערע ליידען און דורך ווערמען זיי ליידען. זיי האָבען מעהר ניט געשפיגען אין די פּנים׳ער פון זייערע וואַהרע פריינד, פון זייערע לעהרער, וועלכע האָבען זיי געהייסען אַראָבוואַרפען פון זיך דעם טויזענדיעהריגען יאָך פון שקלאַפעריי. זיי האָבען צוגעהערט די הייליגע לעהרע פון פרייהייט און מענשענרעכט. באַלד האָבען זיי זיך פעראייניגט — אַלע ליידענדע זיינען געוואָרען איין נאַציאָן, אונטער דעם נאָמען „מענשען".

זיי האָבען זיך ערהויבען געגען זייערע אונטערדריקער, און באַלד האָב איך געזעהן ווי קירכען, פּאַלאַצען, געריכט־הייזער, טורמעס זיינען צוזאַמענגעפאַלען מיט אַ געוואַלדיגען קראַך און אונטער זייערע חורבות זיינען בעגראָבען געוואָרען די, וואָס האָבען אַזוי לאַנג און אַזוי באַרבאַריש געמאַטערט דאָס אָרעמע פאָלק. די אין

www.libtool.com.cn

שקלאַפּעריי זייט טויזענדער יאָהרען פּערזענקענע מענשהייט האָט זיך בעפרייט. באַלד האָט זיך די ערד פערוואַנדעלט אין אַ גן־עדן מיט שעהנע הייזלעך, גערטנער, לאָנקעס, טייכלעך, און אין דיעזען גרויסען וועלט גן־עדן האָבען ארומגעשפּאַציערט מיינע ברידער.

„סעי, געד אַאוט!“ האָב איך פּלוצלונג דערהערט אַ גראָבע שטימע. איך האָב אַ ציטער געטהאָן און אַז איך האָב זיך אַרומגעקוקט צו זעהן ווער עס רעדט צו מיר, איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך האָב דערזעהן, אַז איך ליעג אויפ'ן גראָז און נעבען מיר שטעהט אַ פּעסעל בראַנפען אין אַ בלויען ראָק און הייסט מיר נעהמען דעם דרך. (מען טאָר אויפ'ן גראָז ניט ליעגען און איהם צוקוועטשען, ווען עס געהערט צום שטאַאט...) איך האָב זיך ערשט ארומגעזעהען, אַז איך האָב געשלאָפען און אַלעס איז געווען אַ חלום, אַ זיסער חלום, אָבער דאָך פאָרלויפיג ניט מעהר ווי אַ חלום.... איך האָב פערשטאַנען, וואָס דער נפש מיינט און זיך רייבענדיג די פערשלאָפענע אויגען, האָב איך גענומען געהן.

בררר! ווי מיר איז צום מוטה! די שלייפען פון קאָפּ האָבען געקלאַפּט, ווי אַ האַמער פון אַ שמיד. דער ווינטער־מאַנטעל איז געוואָרען נאָך שווערער, דער הונגער נאָך מעהר אין כעס און די שיך נאָך מעהר צוטריקענט פון דער זון. די פיס האָבען זיך קוים געשלעפט אויף די אויסגעפלאַסטערטע שטעגלעך פון'ם גאָרטען. אַך, ווי ביטער עס איז פון אזא זיסען חלום צו ערוואַכען און זעהן פאַר זיך די ביטערע ווירקליכקייט פון אונזער וועלט!...

מיט די לעצטע כחות האָב איך זיך דערשלעפּט אַהיים. עס איז געוון פאַרנאַכט, די זון האָט געהאַלטען ביין אונטערגעהן. ביין כטופּ פון מיין וואָוינונג בין איך געבליבען שטעהן און האָב בעטראַכט די אַהיימגעהענדע ארבייטער, וואָס האָבען אָנגעפילט די טראָטואַרען. אַלע געזיכטער שוואַרץ און פערשוויצט. די היט און די רעק האָבען די מעהרסטע פון זיי געטראָגען אין די הענד און די העמדער זיינען געווען פון אויבען אָבגעשפּיעלעט, אָבער אין גאַנצען דורכגענעצט מיט שוויים. צו טרויעריג איז געווען צו קו־

www.libtool.com.cn

קען אויף זיי. אַ ווילדער פּיין האָט אָנגעפילט מיין האַרץ. איך בין אַרויף די פיער קרומע טרעפּ, האָב דערהגרייכט דעם הייליגען טאָפּ־פלאָר, געעפענט מיין צימער און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן זאָפע, אָהן קרעפטען, אָהן לעבען, אָהן מוטה, צובראָכען, פערמאַטערט און פערדרייסליך...

איך בין געלעגן אַ רעכטע צייט און האָב געטראַכט, ניט ווייסענדיג וואָס איך טראַכט. אונטערדעסען איז געוואָרען נאַכט. עס איז געווען אַ קלאָהרע, אַ ליכטיגע, וואַרעמע נאַכט. די לבנה האָט אַריינגעקוקט אין מיין צימער מיט איהר אייביג־קאַלטער מיענע. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זעה פאַר זיך אַ קאַלטען פילאָזאָף, וואָס שטעהט און שמייכעלט איבער מיין אונגעדולדיגקייט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די לבנה הייסט מיר זיין קאַלט און, אַזוי ווי זי, זאָל איך אַריינבליקען אין דער פינסטערער נאַכט רוהיג, פילאָזאָפיש. איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין פריהערדיגען חלום און איך האָב מקנא געווען די לבנה, וואָס זי איז אַזוי קאַלט און לייכט האָך... אין די אויערען האָט מיר געקלונגען פאָלגענדעס ליעד:

טרוימער, טרוימער, דו נאַאיווער,
ווילסט אומזאָנסט אין הימעל פליהען,
און דיין הערץ זאָל ווי די זאָנע
אויף דעם גאַנצען ערד־באַל גליהען.

טרוימער, טרוימער, דו נאַאיווער,
האָסט אַ האַרץ אַ זעהר הייסע,
אָבער אין די ברידערס הערצער
איז די קעלט אַ זעהר גרויסע...

ווילסט אומזאָנסט, די גאַנצע מענשהייט
זאָל דיין טיעפען שמערץ דערפיהלען —

www.libtool.com.cn

וואָס דו טראָגסט דורך זייער ליידען,
און וואו דו ווילסט זאָל זי ציִעלען...

ווילסט אומזאָנסט אויפ'ן גאַנצען עֲדַה־בָּאָל
זאָל דיין שטימע זיך דערהערען;
און די מענשהייט זאָל ערוואַכען
און די הערשער־מאַכט צושטערען.

פיעלע, פיעלע מוזען קעמפּפען,
פיעלע קעמפּפער מוזען פאַלען,
ביז די פרייהייט וועט פערשפּרייטען
אויף דער מענשהייט איהרע שטראַהלען —

דאָך פערצווייפלען דארפסטו ניעמאַלס,
דארפסט פאַר שמערצען ניט פערשטומען;
שטאַלץ און מוטהיג זאָלסטו קעמפּפען
און דער פרייהייטס־טאָג וועט קומען...

איך בין אויפגעשפּרונגען פון מיין געלעגער און מיינע ליפּען האָבען אין דער נאַכט געמורמעלט: „איך קען ניט, איך קען ניט קאַלט בלייבען!“....

www.libtool.com.cn

# אוים דעם טאַגעבוך פון אַ שטילען מענשען

1.

ווי עס קוועלט פון מיר דער שטראָם פון געפיהלען און געדאַנ־קען! ווי עס שטראָמט מיר פון די הענד אַ קוואַל פון שאַפונגס־לוסט, ווי עס ציהט און לאָזט מיך ניט רוהען!

דרויסען זינגען די פויגעל אָהן אויפהער; זאַנפט וויעגען זיך די צווייגען; שטיל רוישען די גרינע בלעטער, און דאָס ליכט פון דער זון גנב'עט זיך דורך זיי און מאָהלט אַלערליי פיגורען אויפ'ן שאָטענדיגען גראָז, וואָס בעזוימט דעם געלבען וועג. די איינינע הייזער אַרום זיינען ווי איינגעשלאָפען, די לאָדענס פער־מאַכט, נור וואו ניט וואו איז אַ פענסטער אָפען. די קליינע גער־טעלעך אַרום זיינען ווי בעגאָסען פון דער גאָלדיגער ליכטיגקייט פון דער זון; די הויכע שטענגלעך און בלעטער, וועלכע רינגלען אַרום די געלבע, ברוינהערציגע זונבלומען וויעגען זיך שטיל אין זייערע בלעטער, וועלכע הענגען אַרונטער ווי פער'חלומ'ט.

איבעראַל זשוזשעט עס שטיל; אַן אנגענעהמעס רוישען פון דעם טאָג, פון די בעוועגונגען און האַנדלונגען פונ'ם מענשען; דער קלאַפּ און דאָס רוישען פון אַ וואָגען, דער אָבקלאַנג פון אַ פוס־טריט — דאָס איז גאָר.

וואָס לאָזט מיך ניט רוהען אין דיזער איינזאַמקייט? וואָס לויפט עס מיר אַרום אין די גליעדער, לאָזט מיך ניט איינזיצען און נעהמט דעם מח אוועק פון אירגענד וועלכער אנשטרענגונג?

אַך, ווען קיין זאַך וואָלט אונזער גליק ניט צושטערט! ווען קיין שווערע און אונאַנגענעהמע געפיהלען וואָלטען אונז ניט בע־

www.libtool.com.cn

לאַסטעט ! ווען דער אינערליכער לעבען, — אונזער דענקען און פיהלען וואָלט זיין נור הארמאָניע, נור גלייכקייט, פריש, רייצענד און ליכטיג, — ווי זים דאָס לעבען וואָלט דאן געווען, ווי אנגענעהם עס וואָלט זיך לאָזען לעבען ! —

אָט דאכט זיך איז אַלעס אין מיר אזוי קלאָר, אזוי דייטליך, אזוי איינגעשטעלט : די געדאנקען זיינען צונויפגעלעגט, יעדער אין זיין פּלאַץ ; די אידעען שטעהען קלאָר און דייטליך פאַר דער גייסטיגער אויג ; די געפיהלען זייגען אזוי פריש, אזוי שעהן און בליהענד ; דער גאנצער „איך“ איז אין הארמאָניע, און איך האַלט אין מיין גייסט דעם שליסעל פון מיינע געפיהלען און געדאנקען, מיט וועלכע איך קען דעם זייגער איבערדרעהען ווי איך וויל. פּלוצלונג קומט ארויף אַ שווערקייט, אַ געפיהל פון איך וויים ניט וואָס ; איך פּרוביר צונויפהאַלטען די געדאנקען, זיי לויפען אוועק ; איך שטרענג מיך אָן אויפצוהאַלטען אין זיך די הארמאָניע, עס געהט ניט. איך ווער אביסעל ערגערליך, מיין ערגערנים רעגט מיך אויף נאָך מעהר. איינס פערפּלאָנטערט זיך מיט דאָס צווייטע ; אַ צומישונג טרעט איין ; די הארמאָניע פערשווינדט, די פארבען פערמעקען זיך, די קלאנגען ווערען איינגעשטילט. וואו בלייבט עס אַלעס ? וואָס בעוועגט אונז פּלוצלינג און מאַכט אונז אונרוהיג ? ווי ערעל, ווי פערענדערליך, ווי צארט אונזערע געפיהלען זיינען ! אַ ווינטעלע קען אונז אמאָל אומעדיג מאַכען ; אַ בלעטעל וועלכע פאַלט אראָב פון אַ בוים קען צושטערען אונזער רוה אויף אַ גאנצען טאָג ; דער פּיפּס פון אַ פויגעל קען אונז צוריקברענגען אונזער קינדהייט, און דער שאָרך פון אַ בלאַט אונז אריינברענגען אין אַ שלעכטער לוינע. נור איין געפיהל ערוועקט, נור איין געדאנק, נור איין קייטעלע פערטשעפּעט און עס ציהט זיך איינס צו דאָס צווייטע, איינס נאָך דאָס צווייטע, און ווערט אַ גאנצע קייט : אַלטע בילדער, סצענען און געדאנקען ערוואַכען, און מיר בייטען זיך, ניט־וויסענדיג ווי אזוי !

„נאַריש איז דאָס אַלעס !“ רוף איך אוים. עס פערגעסט זיך

www.libtool.com.cn

אָבער. די שמערצען ווי די פריידען, די זאָרגען ווי די צרות געהען אוועק; וואונדען פערהיילען זיך, ראַנעס פערמאַכען זיך, און הערצען אויף צו זיין רויה; דאָס בענקענדע הערץ עררייכט זיין ציעל, אָדער שטילט זיך איין; די זעהנזוכט געהט אוועק, דער אומעט פערשווינדט און דאָס לעבען רופט אונז ווידער מיט זיינע צויבערקלאַנגען, נאַרט אונז אריין אין זיין מיטע, לאָקט אונז, האַלובעט אונז, צייגט אונז הונדערטע פריידען און פערגניגענס; צייגט אונז פריינדשאַפט, ליעבע, האָפנונג, ראָזעווע פּאַרבען און ליעבליכע געזיכטער רופען אונז און ציהען אונז צו, דאָס פערגניגען פון לעבען שמייכעלט און גלעט אונז אריין אין'ם קאַמפּף. גערן בויגען מיר איין דעם קאָפּ אין זאַנפטען שלומער אין'ם קרייז פון אונזערע קינדער; גערן גיבען מיר זיך איבער דער געליעבטער; גערן שמייכלען מיר צו אונזער פריינד; גערן זיינען מיר אין'ם קרייז פון די געליעבטע. און די אַלטע צרות, פערגעסען און פערהיילט, בייטען זיך איבער אין מוטה און לעבענסקראַפט. מיר פערגעסען און נעהמען ווידער אָן דאָס גליק פאַר'ן האַנד און לאָזען זיך פון איהם פיהרען. ניי ווערט דער קאַמפּף, ניי דאָס לעבען. דאָס איבערגעקומענע ווערט ווי פערמעקט, די געגענוואַרט ווערט אנגענעהמער, די צוקונפט שיינט ליכטיגער. מיר שטרעבען, לעבען און קעמפּפען ווייטער. אזוי געהט דאָס לעבען אוועק, באַרג ארויף און באַרג אראָב, אין פרייד און שמערץ, אין זאָרג און לייד, אין עלענד און דחקות, אין פערגניגען און אין לוסט.

2.

שטימונגס־בילד פון לעבען, זאַנפט־האַרמאָנירענדע גאַסען און געביידען, זיס־פערוויעגענדע, איינשטילענדע און בערוהיגענדע סצענען, ווי וואַרעם, ווי אַנגענעהם איהר זייט פיר דאָס הערץ, ווי אנגענעהם און קלאָר איהר שפּיעגעלט זיך אָב אין'ם מענשליכען גייסט! ווי פערטרויענד איהר רוהט אין אונזער געמיטה און

www.libtool.com.cn

אונזער געמיטה אין אייך! ווי זיכער מען פיהלט זיך אין אייער געגענוואַרט!

האַרמאָניע, איינקלאַנג פון לעבען, ווי שעהן און ערהאַבען דו ביזט! ווי רייך און ענטציקענד, ווי אנגענעהם! ביזטו דאָך אליין, אייביגע האַרמאָניע פון דענקען און פיהלען, דאָס העכסטע און שעהנסטע וואָס דער מענש פערמאָגט!

שטיל פערזינקט די זון הינטער די בוימער און הייזער, און די קליינע בערג וואָס רינקלען אַרום די שעהנע געביידען פון דער שטאָדט. בורדאָ־פאַרביג, דונקעל־רויט און ברוין־גאָלדיג ווייזען זיך אויס די שפּיצען פון די מויער־טהורעמלעך אין די רייכע, אנגענעהמע, מעלאָדישע פאַרבען פון הימעל. גאָלדיג־גרין זיינען די שפּיצען פון די בוימער; אנגענעהם־דונקעל די שטאַרק־בעשאָטענטע גאַסען און די הייזער וועלכע זיינען כמעט אין גאַנצען בעדעקט און בעהאַלטען פון די בוימער, — אָריענטאַלישע שטילקייט! פּאַלמען הויבען זיך אַרויס, טויכען אַרויף אין מיין פּאַנטאַזיע, עגיפּטער אָדער אַראַבער אין זייערע טורבאַנען מיט זייערע ברייטע, גרויע בערד און שטאַרקע, ברייט־געבויטע קערפּער, אנגעטהאָן אין זיידענע אָדער אַטלעסענע העלע, לאַנגע קליידער, אַרומגעגאַרטעלט מיט ברייטע גאַרטלען. אונטער די פּאַלמען, דוכט מיר, זיצען זיי רוהענד, פּאַטריאַרכען־עהנליך, וועהרענד זייערע קעמלען שטעהען צוגעבונדען צו די פּאַלמען.

דאָס בילד פערשווינדט. איך בליק אַרויס פון פענסטער. דער פיער־עקיגער, דונקעל־ברוינער טהורעמעל פונ׳ם קלויסטער, געקרוינט מיט׳ן צלם, הויבט זיך אַרויס פון די גרינע, שעהן - פערפלאָכטענע צווייגען, ווי אַ מאָשעע אָדער אַ פּאַגאָדע (אַ טערקישער אָדער אינדישען קלויסטער), זעהט מיר דער טהורעמעל אויס, אנגענעהם און מעלאָדיש, זאַנפט און דאָך פעסט־איינקלינגענד שפּיעגלען זיך אָב די יעצט דונקעלע פאַרבען פון הימעל, די ברוינקייט פונ׳ם טהורעמעל, זיין גאָלדיג־פינקעלדיגער צלם. פרום, ווי אויף דעם קבר פון אונזערע אור־עלטערן, פון די פּאַטריאַרכען, פיהלט זיך

www.libtool.com.cn

מיין געמיטה ! א זיסע אומעטיגקייט צונעהמט מיין הארץ און מיין גייסט. עפּעס וואָלט זיך מיר וועלען וויינען, קניען, אויסגיסען מיין הערץ אין דעם שטילען פריעדען פון דעם פאַרנאַכט, און אין גאַנצען פערזינקען אין די פאַרבען און קלאַנגען פון דער ענדע פוּנ׳ם טאָג. פרום בייגט זיך מיין געמיטה צו דער וועלט, צו דער נאַטור, ריין און אונשולדיג, ווי דאָס געמיטה פון אַ קינד. און פּלוצלינג, אין זיין ווייסען מאַנטעל, מיט׳ן גאַרטעל, מיט זיין אַדעליגעם געזיכט, זיינע העל־בלויע אויגען, גאָלדענע לאָקען און זיסער, אונ־שולדיגער מיענע שטעהט פאַר מיינע אויגען דער נביא צאַרט און ריין און זיס, און דאָך אַזוי שטאַרק אין זיין איינפאַכקייט, זיין ריינקייט, און זיין עהרליכעם בעוואוסטזיין.

אייביגע ריינקייט פון דער מענשליכער הערץ ! אייביגעם בענקען נאָך אונשולד, ליעבע און פערגעבליכקייט ! אייביגעם שמאַכטען נאָך ערלייכטערונג פון שמוץ, פערברעכען און זינד ; אייביגעם גאַרען נאָך צאַרטקייט, זאַרגלאָזיגקייט און קינדישער איינפאַכקייט, — ווי שעהן איהר זייט אין דעם מענשענ׳ס הערץ ! אייביגע ליליען וועלכע בליהען אין די פעלדער פון אונשולד פון דעם מענשליכען גייסט, — ווי פּרעכטיג, ווי זיס און ווי שעהן איהר זייט !

זאַנפט לעגט זיך די קיהלקייט איבער די בוימער ; דונקעלער, טיעפער ווערען די פאַרבען אין הימעל ; אנגענעהמער, רוהיגער, רייכער שיינט מיר דער קלויסטער־טהורעם מיט די בוימער אַרום. ווידער טויכען אויף די פּאַלמען, די אַראַבער, די קעמלען און די קברים פון די פּאַטריאַרכען. שטילקייט פערוויעגט דעם טאָג ; אַ זיסע רוהיגע שטילקייט פערוויעגט מיין הערץ.

זיסע בלומען־דופטען שטייגען אַרויף פון מיין הערץ און ריכען אַזוי אַנגענעהם זיס און וואוילטהוענד, און גערן לאָז איך מיין הערץ הינדופטען צו די בוימער און די בלומען, צו די וואָלקען און דער אַנקומענדער זומער־נאַכט.

www.libtool.com.cn

# געדאנקען און בעטראַכטונגען

.1

בעטראַכטונגען איבער'ן לעבען, — ווי פיעל זיי מיינען, און ווי ווענינ זיי מיינען!

וואָס בין איך? פון וואו קום איך? וואוהין געה איך? שמערצליך קלינגט מיר די לעצטע פראַגע. ווייס איך דען ווירקליך דאָס איך פערוואַנדעל מיך ווידער אין די שטאָפען פון וועלכע איך בין געשאַפען? דאָס איך ווער אויפגעלייזט, איך מיש מיך אוים מיט די שטאָפען פון דער נאַטור? איך? דער „איך“ וועלכער רעדט, געהט, האַנדעלט, וואַנדעלט און לעבט, לעבט אַ גייסטיגען לעבען, — אַ לעבען אין דענקען, אין פיהלען, — איך ווער ווי די אַנדערע נאַטור־שטאָפען און לעב ווייטער אינ'ם גראָז, אין די פליגעלעך, אין די בוימער? ווי זאָנדערבאַר! —

וואָס בין איך? וואָס איז אַ מענש? אַ מאַשינע, אַ זייגער! אַ קערפּער, גליעדער, נערווען, בלוט־צירקולאַציאָן, געפיהלען און געדאַנקען, — אַלעם וואָס קען נאָכגעפאָרשט ווערען צו אַ געוויסער קוועלע, אויסער די געדאַנקען, דער „שכל“, אויסער דער „איך“, וועלכער פיהלט און דענקט. —

ווי פיעלזייטיג איך בין, ווי רייך דער מענש איז אין געפיהלען! ליעבע און האַס, גאַל און צוקער, בלומען און דערנער, גרויסקייט, קליינקייט, אַבערגלויבען, גלייכער פערשטאַנד, משוגעת, קלאָהרקייט, מרה־שחורה, צומישטקייט, ביטערקייט, אומעט, אונגעדולד, שעהנקייט, זונענשיין, פרייד, לייד, שמערץ, עלענד, איינזאַמקייט, פער'חלומט'קייט, שכל, נאַרישקייט און נאָך פיעלע הונדערטע

www.libtool.com.cn

קליינע און גרויסע, שוואכע און שטארקע, ליכטיגע און דונקעלע געפיהלען און געדאנקען בעזיצט דער מענש! וועלכע טהיילען פון מארך, וועלכע נערוועז זיינען ליעבע? וועלכע זיינען האס? וועלכע דענקען? וועלכע פיהלען? — מען קען עס אלעס וויסען, מען וויים עס כמעט גרינדליך. א מאשינע; שטעל זי צונויף, נעהם זי פונאנדער אין הונדערטע שטיקלעך און ברעקלעך, — דאס איז דער מענש. א פיעדעל פאר די וויינטען און איינדריקע פון דער אויסערליכער וועלט; א מין וואקס וועלכעס נעהמט אויף אין זיך די פארמען און איינדריקע פון דער אויסערליכער וועלט; דאס ריינע ווי דאס שמוציגע קלעפט זיך אן, אויב מען היט זיך ניט אב, און דער מענש מוז זיך אנשטרענגען צו האלטען זיין גלייכגעוויכט. די אויג זעהט און קאפירט, דער מארך נעהמט אויף איינדריקע, און די נערוועז ווערען עררעגט אדער ערשיטערט פון דעם צו־שטארקען רויש און שטורם פון לעבען. דאס איז גאר!

איך בין א פיעדעל פאר דער אויסערליכער וועלט! דורך מיינע נערוועז ציהען דורך די ווינטען פון דער וועלט, — די זאנפטע, בשמים'דיגע ווינטעלעך פונ'ם פריהלינג און זומער, די פייכטע ווינטען פונ'ם הערבסט, די קאלטע, פראסטיגע ווינטען פונ'ם ווינטער, און די שטורעמווינטען וועלכע רייסען אוים בוימער און שליידערען אוועק גאנצע הייזער אויף הונדערטער מיילען ווייט. די בלום בליהט אין מיר און דורך מיר, דער בוים שפרייט פונאנדער זיינע צווייגען אין מיר, דער ים שלאגט זיינע כוואליעס אין מיר, די ווילדע וועלען פון ווייטען אקעאן רוישען און שיסען ארויף דורך מיר ביי די ווענט פון די הויכע פעלזען, לענדער און שטעדט, מענשען און טהיערען ציהען דורך און בעוועגען זיך אין מיר, ווי אין א ים.

צום אנפאנג פון דער שעפפונג גרייכען מיינע געדאנקען, אין די דונקעלע געגענדען פונ'ם כאאס וואנדעלט ארום מיין פאנטאזיע, אויף א גלאטען ים פון גארנישט שוועבט ער ארום, ווי די טויב פון נח'ס תבה, און זוכט די שפיצען און די טויערען פון דער וועלט.

www.libtool.com.cn

איבעראַל זיינען מיינע געדאַנקען, אַרום דער וועלט קרייזען זיי אַרום, שטייגען אַרונטער אין די טיעפעניסען פון דער ערד, שוועבען אַרויף צו די וואָלקען, גראָבען זיך איין אונטער די בוימער אין די וועלדער, פערהאַרטעוועז זיך ווי דער פעלז, ווערען זאַנפט ווי דאָס גראָז, צאַרט ווי די ליליע! —

די נאַטורען פון אַלע חיות לעבען אין מיר — די נאַטור פון דער קוה, פון דעם פויגעל, פון דעם פערד, פון דעם וואָלד, פון דעם טייך. איך בין פערפלאָכטען מיט אַלעם וואָס איז אין דער וועלט, מיט אַלעם וואָס איך זעה, איך בין אַ טהייל פון אַלעם, אַלעם איז אַ טהייל פון מיר.

וואו הויבט זיך מיין „איך“ אָן? וואו לאָזט ער זיך אויס? איז אַלעס וואָס איך זעה דאָס בילד, די פאָרשטעלונג פון מיין פאַנ־טאַזיע, אָדער שפּיגעלט מיין פאַנטאַזיע אָב, דאָס וואָס עקזיסטירט? — וואָס איז טויט? וואָס איז לעבען? — ווער וויים די געהיימנים פון לעבען, פון דער וועלט? ווער פערשטעהט עס אַלעס?

טויזענדער געדאַנקען ציהען דורך מיין מוח, צינדען זיך אָן, ווי עלעקטרישע פונקען, פערטשעפּען זיך איינע אָן די אַנדערע ווי די פעדים אין דער נאָדעל פון דעם וועב־שטוהל, איך קען קוים אַלע פעדים צונויפהאַלטען און וויסען אַלעם וואָס איך דענק און פיהל דורך אין אַ טאָג!

אָט האָב איך עס! איך גרייף עס אָן! וואָס האָב איך? וואָס גרייף איך אָן? איך געה נאָך, איך פאָלג נאָך מיינע געדאַנקען, לעג זיי צוזאַמען, סאָרטיר זיי ווי שטיינדלעך, אָדער פערעלעך; איך וויל וויסען, איך וויל געדענקען וואָס איך פיהל, וואָס איך בין; איך וויל ציהען שליסע פון מיין איך, איך וויל וויסען ווי אַ מענש דענקט, ווי ער פיהלט, ווי זיין מוח אַרבייט אונטער געוויסע אומ־שטענדען, אין געוויסע מאָמענטען, אין געוויסע מינוטען. איך וויל דעם מענשען קענען, וויסען ווי ער פיהלט און דענקט, האַנדעלט און לעבט, פון זיין וויגעלע ביז צו זיין קבר, — איך וויל איהם קענען אין אַלע אבטהיילונגען פון זיין איך, פון זיין לעבען, ווי אַ

www.libtool.com.cn

זייגער־מאַכער קען די פערשיעדענע שרייפלעך און רעדלעך פון דעם זייגער ווערכען ער שטעלט צונויף. וואָס קומט דערפון ארויס? דאָס וויסען צוליעב דאָס וויסען, און צוליעב דער שאַפונג פון דער קונסט; פיליכט עטוואָס פאַר דער פערשטענדליכקייט פון דעם מענשענ'ס האנדלונגען.

וואָס איז דאָס אַלעס? גאָרנישט. וואָס בלייבט פון אַלעם? אימער וואַנדעלט עס, אימער ציהט עס, אימער בייט עס זיך, געהט פאָרוועררטס, געהט צוריק, שטעלט זיך און לויפט ווייטער, ווערט געבאָרען, ווערט פערפוילט, פערוויאַנעט און שטאַרבט, כדי ווייטער פאָרטצוזעצען דאָס לעבען אין אנדערע פאָרמען, אין אנדערע גע־שטאַלטען, אונטער אַנדערע אומשטענדען, — דאָס איז גאָר! פאָרמען — די ענטוויקלונג און פאָרטענטוויקלונג פון געוויסע גע־געבשטענדע, כעמישע מאַטעריאַלען, געפיהלען און געדאַנקען, — דאָס איז אַלעם! איינס דורך דאָס צווייטע פלעכט עס זיך דורך, איינס אין דאָס אַנדערע און דורך דאָס אַנדערע, איינס פיר און מיט דאָס אַנדערע, איינס נעבען דאָס אַנדערע, איינס אין קאַמפף מיט דאָס אַנדערע, — דאָס איז לעבען, דאָס איז די נאַטור!

וואָס איז דאָס אַלעם? — גאָרנישט!

ווי איך לויף, סמייע, האַווע, אַקער די ערד מיט'ן נאָז! ווי מיין קאָפּ פלעכט אויס איין פּלאַן נאָכ'ן צווייטען, ווי איך שרעק זיך, אַרבייט אָהן רוה! — וואָס האָב איך דערפון? דעם פערגעני־גען פון אַ מינוט, אַ בעפריעדיגונג וואָס ענדיגט זיך אין אַ פערלאַנג, אָדער אַ פערלאַנג וואָס ענדיגט זיך אין אַ שוואַכע בעפריעדיגונג, — דאָס איז גאָר. געפיהל, איין געפיהל נאָך דעם צווייטען, — אנגע־נעהמע געפיהלען, אָפּטמאָל שמערצליכע, — דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב דערפון. איך מוז נאָך ווייטער געהן, ווייטער שטרעבען, נאָך ניט דורכגעגאַנגען אַלע שטופען פון מיין ענטוויקלונג, ניט דער־גרייכט דעם און דעם ציעל, ניט געוועזען נאָך דאָס און דאָס, ניט געשפּיעלט נאָך דיעזע אָדער יענע ראָלע, ניט בעקענט זיך נאָך מיט יענע און יענע מענשען, ניט פערדיענט נאָך דיעזע סומע געלד, ניט

www.libtool.com.cn

געהאט נאָך דעם אָדער יענעם פערגעניגען, ניט געוועזען נאָך דאָ אָדער דאָרטען, ניט געשאַפען נאָך דיעזע און דיעזע ווערקע! — וואו וועט זיך דאָס אַלעס ענדיגען? די טייכען ציהען זיך צום ים, די שטאַרקע כוואַליעס שוימען אויף אַזוי הויך ווי מעגליך, שלאָגען זיך אָב אָן די פעלזען און פאַלען אַריין צוריק אין ים, ווידער צו רוישען און צו שוימען, ווידער זיך אַרומצואוויגען, ווידער אַרויפצושוימען, ווידער אַרונטערצופאַלען. דאָס איז דאָס לעבען; דאָס איז די ענדע פון מענשליכען שטרעבען. אַלעס ענדיגט זיך אין קבר!

— נאַריש איז דאָס לעבען פון מענשען! — רוף איך אויס. און אַ ווײַלע שפּעטער קלינגט מיר זיס דער לאַך פון דער מיידעל. איך זוך זי, געפין זי, ווער ווידער יונג, לאַך, שמייכעל, שטיף, ווער אַ אינגעל, חלום פון שטרויענע היטעלעך, פון גערטנער און פרישען גראָז, און דענק פון אַ שטיבעלע אין וועלכער איך וואָלט מיט איהר קענען וואוינען. איך שמייכעל ווי נייַ־בעלעבט אין דעם רויש פון דער ליעבע, אין דער ערוואַרטונג, אין דעם איבערפלוס פון מיין לעבען און מיין יוגענד, און דאַן יאָווען זיך נייע קרעפטען צום אַרבייטען, נייער מוטה פאַרטצוזעצען מיין לעבענס־ווערק, צו שאַפען! אַ הויז, פערגעניגען, פריינד, געשעפטען, — עס איז ווידער נייַ; דאָס לעבען, און די ליעבע צו׳ם לעבען, און דער קאַמפּף!

## .2

— הלואי וואָלט שוין נעהמען אַן ענדע דערצו! — רוף איך אויס מיעדערהייד, פּילייכט פון לעבען, פּילייכט פונ׳ם קאַמפּף פיר׳ם דאַ־זיין, פּיליכט ווייל מיר עקעלט אָב זיך רעכטצופערטיגען, אָדער צו האָבען צו טהאָן מיט די מענשען־קינדער. איך וויל זיין פריי, איך וויל אַרויס פון דיעזע אומשטענדען, איך וויל ווערען גאָר אַ נייער מענש, אַ מענש מיט אַלעמען גלייך! זיין אַזוי ווי זיי אַלע זיינען! — איז עס גוט אַזוי? זיין ווי אַלע? לויפען, שרייען, האַווען, זיך ברעכען האַלז און געניק לויפענדיג? ווארום? ווארום

www.libtool.com.cn

ניט זיין אזוי ווי איך וויל, ווי איך פערשטעהע? לעבען לויט מיינע אנזיכטען, געהן שטיל, זאנפט, מיט געמאָסטענע טריט, זיך פיהרען ריין, טאַקטמעסיג, הארמאָניש, איינגעאָרדענט? זיין ווי אלע זיי־נען? — ווי ווער זאָל איך פריהער זיין?, ווי דער טרעמפּ, דער שופט, דער שכור, דער ארבייטער, אָדער ווי דער רייכער לעדיג־געהער, אָדער ווי דער שנאָרער? — איך וועל זיין ווי איך וויל, אָבער זיין עפּעס מוז איך דאָך! נו, איך האָב מיין פּאַך, דאָס בין איך, דאָס בלייב איך.

וואָס ציה איך מיך אזוי צוריק פון לעבען? וואָס האָב איך מורא? — איך וויל אריין אין לעבען.

אריין אין לעבען! די וועלט האָט צרות, שמערצען, פּיין, זאָרג, נויט און עלענד. וואָצו זיך שטויסען אין דער וועלט, אין דער מאַסע? ווארום לעבען אין טומעל, אין רויש? ווארום זיין צוטראָגען ווי אויף א יאַריד? ווארום האָבען צו טהאָן מיט אַלערליי ברואים? טאָמער נעהם איך מיך אָן פון יענע עטוואָס אונריינעס! ווארום זיך לאָזען אָנריהרען פון אנדערע, אָטהעמען די לופט וועלכע אנדערע, פיליכט ניט־ריינע און ניט־געזונדע מענשען אטהעמען אריין און ארויס? ווארום איבערנעהמען ניט־ווילענדיג, אלערליי זיטען, מינעס און הויות? ווארום אָנגעשטעקט ווערען פון דעם פיבער פון דער מאַסע? איך וויל בעסער זיין ריין, ציכטיג, שעהן, אנ־שטענדיג און זויבער געקליידעט און לעבען סאָליד, קיהל, איבער־לעגט און רוהיג.

איך קען ארויפשטייגען, איך קען ארונטערזינקען. איך קען ווערען בעסער, קליגער, געבילדעטער, עדעלער, רייכער, מענשליכער, פריינדליכער, הילפרייכער. איך קען מאכען פון זיך א ניצליכען, פיליכט א גרויסען מאַן, איך דאַרף מיר נור אָנשטרענגען, איך דאַרף נור וועלען. דער מאַטעריאַל איז דאָ אין מיר; איך בין א מענש, איך דאַרף בלויז ענטוויקלען דאָס, וואָס עס איז אונענטוויי־קעלט אין מיר, ארויסרופען אין לעבען דאָס וואָס שלומערט אין מיר, אָבוואַשען, אויסטאָקען, ארויסשלייפען די פּערעל און די

www.libtool.com.cn

בריליאַנטען וועלכע ליגען בעהאַלטען אין דעם שטויב פונ'ם לעבען.
וואָצו זאָל איך עס טהאָן?

איך קען אַרונטערזינקען. אַבלאָזען זיך, אויפהערען צו קאָנ־טראָלירען מיין מוח אויף איין זאַך, אויפהערען צוזאַמענצוהאַלטען די געדאַנקען, אויפהערען שטרעבען צו אַ ציעל, אויפהערען זיין אַ מאַן מיט ווילענס־קראַפט, מיט ענערגיע, מענשליכקייט, שעהנע זיטען, עדעלע שטרעבונגען און ריינע פערלאַנגען. אַלעם וואָס איך בין געוועזען ביז יעצט, דאָס גוטע אין מיר קען פערלאָרען געהן. — וואָצו אַרונטערזינקען? דער דאַנק, דער כבוד, און די עהרע פיר גרויסקייט בעדייטעט ניט פיעל, אָבער דאָך אַרונטערזינקען טויג ניט.

מיעד פון לעבען און פון לעבענס־קאַמפף שפּאַר איך אָן דעם קאָפּ אויפ'ן טיש, ווי אַן אַלטער מאַן, און מאַך אַ זויערע מינע. וואָצו קעמפּפען, וואָצו שטרעבען?

אין צימער הערט זיך דער ריח פון אַלטע, אין לעדער געבונ־דענע ביכער, טוכלע און דומפּף, פערדושעט און פערשטיקט. איך מוז אַרויס אין לעבען, אין דער וועלט.

איך געה אַוועק צו דער נאַטור. — אין שטילען וואַלד, צווישען די דונקעלע, גרינ־צווייגיגע בוימער ווער איך ווי נייַ־בעלעבט. עס ווערט מיר קיהל, שטיל און רוהיג צום מוטה. מיין אויג פאַלט אויף די אָבגעבראָכענע צווייגלעך אויף דער ערד; איך בליק אַריין אין די דונקעלע וועלבונגען פון די בוימער, איך זוך אַ געהיימנים.

אייביגע געהיימנים פון דער וועלט, פון דער נאַטור! ווי לאַנג וועט דיך מיין גייסט זוכען צו פערשטעהן? ווי לאַנג וועט עס שטרע־בען צו דיר?

וואָס הוייבט זיך מיין פאַנטאַזיע אויף צו די שטערען? וואָס טראָגט זי זיך אַרום דורך די הימלען? וואָס זוכט זי דאָרט וויַיט וואו דער הימעל וועלבט זיך אַרונטער? וואָס וויל זי אין דער טיעפענים פון ים?

איך וויל ניט געהן מיט מענשען. איך וועל מיך בעסער פערטיעפען אין די סודות פון דער שעפּפונג פון דער וועלט, וועל

www.libtool.com.cn

זוכען צו געפינען דעם אָנפאַנג פון אַלע אָנפאַנגען ; איך וועל אַוועק צוריק צו דער ערשטער קוועלע פון דער נאַטור און פון לעבען, איך וועל אַרויפשטייגען צו די העכסטע הימלען, אַרונטערשטייגען צו די טיעפסטע טייכען פון דער וועלט, איך וועל אָנריהרען די זיילען פון דער שעפּפונג און וויסען וואָס איך בין.

איז גאָט געווען אין אָנפאַנג ? איז דער געדאַנק, דער ווילען געווען איידער אַלעם איז געשאַפען געוואָרען ? האָט דער געדאַנק, דער גייסט פון אַ שעפּפער געלעבט אויסער דער מאַטעריע ? אָדער האָט די מאַטעריע ענטהאַלטען אין זיך דעם שאַפונגס־גייסט ?

איידער איך ערפינד און מאַך פאַרטיג אַ מאַשין האָב איך אין קאָפּ די אידעע, דעם בעגריף פון דאָס גאַנצע און פון יעדער טהייל בעלע. די אידעע ווערט געבאָרען פון דער זאַך אליין. אָבער די אידעע ווערט געבאָרען און לעבט ביי מיר אין מאַרך ! האָט דער שאַ־פונגס־גייסט פון אַ גאָט געקענט לעבען אויסער דער נאַטור, אויסער די אַלע שטאָפען פון וועלכע די נאַטור בעשטעהט ? דאָס קען ניט זיין ! און פיליכט יא. —

ס'איז נאַריש צו דענקען וועגען דעם. אומזיסטע צייט־פער־שווענדונג. איך וועל בעסער געהן אין דער וועלט, אין לעבען אריין !

ווי אַנדערם איז עס אין דער וועלט ! ווי עס לעבט, זידט, קאָכט, רוישט, לייכט און פינקעלט ! זומער, פריהלינג, לוסט, לעבען, ליעבע ! שעהנע, נייע, העל־קאָלירטע און געבלימטע קליי־דער ; שעהנע, ליעבליכע, ראָזעווע, פרעהליכע געזיכטער ; ליעבליכע מינעם, שטראַהלענדע אויגען, שעהנע לאָקען, האַרמאָנישע טריט.

פון די טריט פון די שפּאַציערגעהער, פון דעם קלאַנג אין דעם טאַקט און דעם אַנגענעהמען רויש פון גאַס, ערוואַכט אין מיר די האַרמאָניע פון לעבען, פון מוזיק. הין און צוריק, ווי רוהיגע וועלען אין אַ קלאָרען טייך, הויבט עס זיך אָן צו וויעגען אין מיר : די טריט, די מוזיקאַלישע בעוועגונג פון קערפּער, דער בויג פון קאָפּ, דער אָנגענעהמען פון אַ דאַמעס אָרעם, דער שמייכעל, דער ווייטער וואַנדלען פון די מאַסען אין די שטילע, ריינע, העל־שטראַהלענדע

www.libtool.com.cn

גאַסען קלינגען אָב אין מיר אין טענער; מעלאָדיען וואַכען אויף, ציהען צום טאַקט פונ'ם געהן פון די שפּאַציערענדע, דער איינקלאַנג פון דער וועלט, די אינערליכע האַרמאָניע פון דער נאַטור ערוואַכט אין מיר, בערג שטייגען אַרוים פון די טיעפעניסען פון מיין פּאַנטאַזיע; רוהיג־ראָזיג און ליכטיג רינגעלט זיי אַרום דער טאָג, דער פריהמאָרגען. טראָמפּייטען שאַלען פון דער ווייטען, זילבערנע, קלאָר־מעטאַלענע טענער. רייטער, ריטער און העראָלדען בעווייזען זיך, שטייגען אַרוים צווישען די בערג. אַ מאַרק־פּלאַץ וויקעלט זיך אַרוים פון דער בילדער־פּאַנאָראַמאַ, און די האַנדלענדע פּערזאָנען ערשיינען ווי אויף אַ ביהנע, אין אַלערליי שעהנע קאָסטימען. — אָט איז דאָס לעבען.

איך ציה מיך צוריק פונ'ם העלען גלאַנץ פון טאָג, און פון דער וועלט צוריק צו דער נאַטור. נאָך קלינגען פון ווייטען די טענער פון די פריהער־ערוועקטע מעלאָדיען; נאָך רוישט פון ווייטען שטיל דער טומעל פון די גאַסען; זשומשעט און שטאַרבט אָב אום ווידער צו זשומשען, נאָך קרייזען פון ווייטען, ווי אויף אַ דונקעל־בלויען האָריזאָנט, די מחנות געליעבטע, ווי גייסטער שוועבען זיי אַרום אין אַ האַלב־קרייז אין די וועלבונגען פון די וואָלקענס, אין זייערע זיידענע, דונקעלע, העל־פּאַרביגע און לייכט־פלאַטערנדע קליידער, ליעבע צייגענדיג, זאַנפט שמייכלענדיג, אונשולדיג בליקענדיג, מיט שוואַרצע אויגען, וועלכע לייכטען ווי די שטערען. רוימישע און גריעכישע געזיכטער, מיט גריעכישע און רוימישע פאָרמען, מיט פולע קערפּער און פולע בוזימס אונטערשיידען זיך אין דער פּאַרביגער דונקעלהייט. אונטען ליעגען די וויינגערטנער און די סעדער; דער פריעדען און רייכטהום פון איבערפלוס שפּראָצט פון אַלעס. פעט זיינען די פעלדער, פעט די בוימער, פעט די לאָנקעס, ווייך און זאַנפט די גראָז, און די פרוכטען פון די גערטנער וואַקסען אַרוים אין אַלערליי שעהנע קאָלירען.

פריעדען און שטילקייט הערשט אין מיר. אין די העלע חלומות פון לעבען שלומער איך איין.

www.libtool.com.cn

# פאַנטאַזיעס

בילדער וויקלען זיך ארויס פון די טיעפע היילען פון פאַנטאַזיע: גליהענדע, שטראַהלענדע, גאָלדענע, צאַרט־ווייסע, ראָזיגע, בלויע, זיידענע, קריסטאָל־קלאָהרע, רובינען־עהנליכע, רייך־גלענצענדע פאַנטאַזיען און פאָרשטעלונגען וואַכען אויף אין קאָפּ, גליהען זיך פונאַנדער, און מיין הארץ ציהט זיך אַזש צוזאַמען מיט פרייד, טרערען רייסען זיך פון די אויגען, און איך האַלט זיי אָב. —

אָט איז דאָס גאָלד פון די טיעפענישען פון דער פאַנטאַזיע! ווי אַ גאָלדענער בארג שטעהט עס מיר פאַר די אויגען, איך פיהל עס אין זיך, איך קען עס אַזש אָנטאַפּען. פון דעם בארג אָדער פון דער מאַסע פליסענדע גאָלד הויבען זיך ארויס פערשיעדענע העלדען־געשטאַלטען. —

אויף ווייטע ימים, אין לייכט בעלאָדענע שיפען, ציהען העלדען פון דונקעלע, ווייטע לענדער, וואַפען און פאַנצערען טראָגען זיי צו זייער שוץ; מיט פריידיגע, פאָכענדע הערצער קוקען זיי ארויס פון די שיפען צו די ברעגעס פון זייערע האַפענס. אייביג־געפונענע, אייביג־געליעבטע, אייביג־שעהנע, אייביג געטליכע העלדען געשטאַלטען!

יונגע העלדען, מיט וואונדער־שעהנע וואַפען, פיהלען אין זייערע הערצער דעם מוטה, און די גלוטה פיר העלדען־טהאַטען; נאָך ווייטע לענדער ציהען זייערע הערצער און שלאָגען מיט פריידע, ערוואַרטענדיג די צוקינפטיגע מלחמות פיר רעכט און פאָרטשריט. פריידיג געהען זיי, ניט דענקענדיג זאָגאַר פון זייערע געליעבטע, און גריסען מיט פריידע די ווייטע, אַזורנע, זילבער־קלאָרע, לייכט־און וויים־שוימענדע וועלען פונ׳ם ווייטען, גלאַטען ים; מיט טיעף־

www.libtool.com.cn

ערנסטע, טיעף־הייליגע געפיהלען, נעהמט דער גאָט־געוועהלטער, דער אויסגעקליבענער, דער העכסטער, גרעסטער און אונווידער־שטעהליכסטער העלד אָבשיעד פון זיינע פריינד, פון דעם שטילען, פריעדליך לעבענדען קרייז פון זיינע פריינד, אום אוועקצוזעגלען אין דעם לאַנד פון וועלכען ער וועט שוין פיליייכט קיינמאָל ניט צו־ריק קומען. מיט א שטארק־קלאַפּענדעם הערץ און מיט טרערען, וועלכע ער לאָזט ניט ארויספליסען, שיידעט ער זיך פון אלעמען און געהט אוועק, לאָזענדיג זיי אין אויפרעגונג. א גרויסער, מעכטיגער, הייליגער געפיהל געהט אין איהם אויף; זיינע דיענסטע, זיינע פפליכטען רופען איהם; ער איז געבוירען געוואָרען צו שאפען א גרויסעם ווערק, צו לעבען פיר א גרויסען, הייליגען אידעאַל, און זיין שטארקע ברוסט שליסט זיך צו פאר די זאנפטע בליקען און קלעמענים פון זיין געליעבטער; פאָטער און מוטער עקזיסטירען ניט פאר איהם; נור זיין פפליכט, נור זיין לעבענס־אויפגאַבע גליהט אין זיינע אָדערען, און אויפהויבענדיג זיין אויג אויף דעם לאַנד דער צוקונפט, וועלכע ער אליין זעהט נור, רייסען זיך פון זיינע ליפען ארוים די ווערטער:

„אויף ווייטע לענדער רוהען מיינע בליקען!
דאָרט קעמפּף איך אייגזאַם געגען אייער שרעק!
מיר קען די ליעבעס־לוסט ניט מעהר פערשטיקען!
אויף פליגעל פון בעגייסטערונג מוז איך אַוועק.
דאָרט שטעהט מיין הייליגטהום פון אייך פערשלאָסען,
דאָרט רוהט מיין גייסט, פון הימעלס־ליכט בעגאָסען,
זאַנפט רוהט מיין גוף דאָרט —
דאָך מיין הערץ איז שטיין!"

* * *

www.libtool.com.cn

פערזילבערט איז דער שיין פון דער זילבערנער, פלעקענלאָזער לבנה, ווי מיט אַ דינעם זילבער־שטויב בעשאָטען, ערהויבט זיך אַ צויבער־וואַלד פאַר מיינע אויגען. שטאַרק פערפלאָכטען און וויים פונ'ם שיין פון דער לבנה, זעהען זיך די דיקע צווייגען פון די ריעזען־הויכע בוימער. איך וויים ניט וואו דער וואַלד הויבט זיך אָן, איך וויים ניט וואו ער לאָזט זיך אוים. איך זעה נאָר די דיקע שטאַמען פון די בוימער, איך זעה נאָר די געלבע, זאַמדיגע סטיעזשקעס, די שאָטענס, די היילענאַרטיגע ווערלבונגען אין די דונקעלע געגענדען פון דיעזען געהיימניספאָלען וואַלד; איך פיהל נור אַ ווייטע נאַכט אין איהם, אַ דונקעלהייט, איך פיהל דעם שיין פון דער לבנה, און די שטימען פון געליעבטע, און אַ זאַנפטע, דינע, זיסע צויבער־מוזיק, אין לאַנג־געצויגענע, דינע, זיידענע טענער.

אָט, דאַכט זיך, הויבען זיך אַרוים די פיעדלען אויף די העכסטע, דינסטע טענער, און שטאַרבען אָב אויסציהענדיג אַ לאַנגען, לאַנגען פינאַל; און אָט שפּיעלען די קלאַרנעטען מיט די פלייטען, און די בלעטער רוישען זאַנפט, אַנגענעהם. און אָט צוגעהט זיך אַ קלאַרנעט, און די בלומען און די בליהונגען מאַכען זיך זאַנפט צו, און וויקלען זיך איין אין זייערע שעהנע קאָלירען. ווי עס דופּטעט! — זינגען עס די נאַכטיגאַלם? וועלכע זיסע, ווייכע, פלייטען־עהנליכע טענער, וועלכע ווייכע קלאַנגען, וועלכע ווינטעלעך פון צימבעל און פלייט! — וועלכע שאָטענס ציהען זיך דאָרטען אין די הייהלען? וועלכע דונקעלע געשטאַלטען בעוועגען זיך דאָרט? —

עס איז גאָרניט. איך בין אין צויבער־וואַלד! — ווי אַ דינער שלייער, בעדעקט פון אַ דינעם טול פון מאָנד־שטראַהלען, בעוועגען זיך אָדער רוהען די געשטאַלטען פון געטער. שטאַרק זיינען זייערע קערפּער; די גליעדער, ווי אויסגעגאָסען פון געלביג־ראָזיגען מאַר־מאָר; איינצעלנע פרויען־געשטאַלטען, עדעל און זאַנפטמוטהיג, — יונג און רייצענד, אין די קליידער דער נאַטור, וואַנדלען אַרום און בעוועגען זיך זעלטזאַם, אין מענץ, אין די שטראַהלען פון דער לבנה. קליינע, מענשען־עהנליכע וועזען, מיט אויערען לאַנגע, לאַנגע דינע

www.libtool.com.cn

פינגער, מיט צארטע, קלאָהרע פיס, וועלכע האָבען עבענפאלס לאַנגע דינע פינגער; וועזען, וועלכע שיינען צו זיין געמאכט פון בלוט און מילך — יונגינקע, געהען ארום, זיך שפּיעלענדיג מיט גרויס לוסט. אַנדערע שפּיעלען אויף פייפלעך וואונדער־זיסע וואלד־ליעדלעך, פון וועלכע ס'דופּטעט די גאַנצע פרישקייט פון פריהלינג.

דער אַלטער נאטור־גאָט פּאַן ליגט אויסגעצויגען אויפ'ן ווייכען גראָז, זיין קאָפּ בעדעקט מיט גרינע בלעטער. קליינע ליעבעס־געטער, מיט פייל־און־בויגען, לויפען ארום זיך שפּיעלענדיג מיט יונגע פרויען און ווילען זיי פערוואונדען. קליינע צויבער־וועזען בעהאַלטען זיך אין די טיעפע בעכער־ארטיגע פלאַנצען, און שטעקען אָפּט אַרויס די קעפּלעך צו זעהן וואָס עס געהט פּאָר. האָזען און אַנדערע אונשול־דיגע חיה'לעך לויפען ארום. איבער אַלעס הערט זיך דער געזאַנג פון טויזענדער נאַכטיגאַלען, קלאָהר, זיס, זאַנפט, זילבערדיג, ווי די שטראַהלען פון דער לבנה, ווי די אזורנע, זיידענע בלויקייט פון הימעל — בעגלייט פון די צויבער־פליימען אין די געהיימע געגענדען פון וואַלד.

און ווען די זון געהט אויף, בלייבט דער וואַלד נאָך קיהל און דונקעל. נור איהרע גאָלדענע שטראַהלען ברעכען זיך דורך דורך די גרינע, פערפלאָנטערטע צווייגען, גנב'ענען זיך אריין ווי אין א היילינגטהום, און בעלייכטען די סצענען. בונט, העל און רייצענד־שעהן זעהען זיך יעצט די געטער־געשטאַלטען, און די וואַלד־פרויען, און די בלומען, שטאַרק ערפרישט פונ'ם טהוי, וועלכער הענגט יעצט אין בריליאַנטענע טראָפּען אויף די בלעטער, עפענען אויף זייערע בעכער און דופטען צו'ם פער'שכור'ען. שטאַרק און מעכטיג ערשאַלט די צויבער־מוזיק ביי'ם טריאומף־צוג פון דער זון: לויט זינגען די פויגעל, שטיל ווערען די פלייטען, און אין דער שטילקייט און קיהלקייט פון וואַלד שפּאַצירען אוועק און פערשווינדען די געליעבטע. —

www.libtool.com.cn

# געזאַנג

(אַ געמיטהס־בילד)

ווי אַ שטערען וועלכער געהט אויף אין די טיעפעניסען פונ'ם ווייטען, הויך־געוועלבטען הימעל, איז דער זינגער ערשיענען פאַר דאַס פובליקום. פאַר זיי איז געלעגען די ווייטע, ווייטע וועג פון לעבען, איבער זיי האָט זיך געוועלבט דער הימעל.

זיינע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען געלויכט און גע־גלענצט, און אויף זיין געזיכט איז געווען אויסגעגאָסען דער סוד, די וואונדערליכקייט, די טיעפקייט פון דער שעפּפונג.

און ער האָט געזונגען.

לאַנגע, טיעפע, וואונדערליך־רייכע, בעהערצטע, העל־קלינגענדע טענער האָבען זיך געגאָסען פון זיין שטאַרקער ברוסט, — טענער פון ליעבע, טענער פון האָפנונג, טענער פון גרויסע טרוימען און גרויסע געדאַנקען, פון דעם איביגען שמערץ, און דער איביגער פרייד פונ'ם לעבען, — טענער פון די ליידען און די שטילע, זיסע, איביג־שעהנע געדאַנקען וועלכע וואַכען אויף אין דער מענשליכער ברוסט, אָפט אונבעוואוסט און אונערוואַרטעט. און די טענער האָ־בען זיך צוגאָסען איבער'ן גרויסען טהעאַטער, האָבען זיך ארויפ־געוועלבט ביז צום שעהן־בעמאָהלטען, שעהן־אויסגעשניצטען סופיט, און זיך צושפּרייט אין אַלע ווינקעלעך. צו די שעהנע רייך־פאַרביגע טיעפעניסען פון די וואָלקענס האָט אוועקגעשוועבט די פאַנטאַזיע פון דער יונגער מיידעל; מאַכטלאָז איז זי געבליבען אין זיין אַנווע־זענהייט, און איהר פולע, צאַרטע ברוסט האָט זיך לאַנג בעוועגט.

www.libtool.com.cn

איהר גאנצעם וועזען, איהר „איך“ איז געגצליך אריינגערדרונגען אין דעם זינגער. רייך אין גייסט האָט זיך געפיהלט דער גייסטיג־אָרעמער, פלאַכער געשעפטס־מאַן, און זיין טרוקענע ברוסט האָט פּלוצלינג געפיהלט אַ ווארעמקייט, אַ רייכטהום, אַן איבערפלוס פון לעבען, און די דונקעלע חדרים׳לעך פון זיין מוח זיינען בעלויכטעט געוואָרען. דער אַלטער מאַן האָט זיך געפיהלט ווי בעוועלטיגט פון אַן אַל־מאַכט; דער יונגער מאַן האָט פּלוצלינג געשפּירט דאָס ער־וואַכען פון זיינע קרעפטען; נייעם לעבען, נייער מוטה, נייער גייסט האָט זיך אין איהם בעוויזען. די אַלטע פרוי, די מוטער, האָט שטיל געדענקט פון איהרע יונגע טעכטער, וועמעס געזיכטער עס האָבען געשטראַהלט, און זי האָט זיך שטיל געפרעהט וואָס זי האָט אַזוינס דערלעבט.

אויפגעגאַנגען זיינען זילבערנע לבנות פון געהיימע וואונדער־ליך־רייכע טיעפעניסען פון דער נאַטור. געוויגט האָבען זיך שטילע מירטען און איילבערט־בוימער; ארויפגעשאָסען האָבען קריסטאַל־קלאָרע וואַסער־זיילען פון פּרעכטיגע פאָנטאַנען; אַראָבגעזונקען איז די זון אין טיעפען אָקעאַן, און ארויפגעשטיגען ביז צום הימעל איז די זעעלע פון דעם געפיהלפאָלען מענשען. פרייד און געגוגטהו־אונג, רייכטהום און גלאַנץ, גרויסקייט, שעהנקייט און פּראַכט, פּאָעזיע און געדאַנקען האָבען זיך צושפּרייט איבער׳ן זאַל, ווען ער האָט געזונגען. ניט דער גלאַנץ פון בעלער און פּרעכטיגע זאַלען, ניט די ליעבע פון אַ הערשער, ניט דער רייכטהום פון קעניגע האָט זיך צו דעם געקענט גלייכען.

— וואָס פאַר אַ רייכעם הערץ ער האָט! — האָבען אייניגע בעמערקט.

— וואָס אַזוינס זינגט עס פון איהם? — האָט איינער גע־פרעגט זיין פריינד.

— די וואָלקען און דער הימעל, די בערג און די וועלדער, די ימים און די טייכען, די פאַרבען פון די פלאַנצען, פון די פעלזען און פון דער ערד; דער טיעפער טהאָל, דאָס ווייטע פעלד, די

www.libtool.com.cn

וועלבונג פון דער לופט, די שעהנקייט פון די שטעדט, די פראכט פון די הייזער, דער אייביגער שוואונג פונ׳ם לעבען, דער אייביגער פילגער־צוג פון די דורות, דער קרייז פון די פערביילויפענדע יאָהרען — דאָס געהיימע שרעק און גרויסקייט פון דער וועלט, דער אָבגרונד און דער הימעל פונ׳ם מענשענ׳ס הערץ און גייסט, דער סוד פון ליעבע, שמערץ, פיין, פרייד, האָפנונג און לעבען — אַלעס, אַלעס וואָס לעבט, שוועבט און אָטהעמט אין דער גרויסער נאַטור,— דאָס זינגט פון דעם זינגער׳ם ברוסט.

אזוי האָט ער איהם געענטפערט.



www.libtool.com.cn

# ליעבע

דער לאָמפּ אין זיין צימער ווערט דונקעל, פאַר די אויגען שווינדעלט און ארום איהם טראָגט זיך ווי א מוטנער שטראָם וואסער, אָדער ווי א געדיכטע פּארע. די פאַרבען אויף דעם בילד וועלכען ער האַלט אין מאָהלען ווערען אונדייטליך, מישען זיך אוים איינע מיט די אַנדערע; דער קאָפּ איז איהם שטומפּף, די האַנד ווי א שטיק ליים. פּאָזיציאָן, פיגורען אונטערשיעד, די דייט־ליכקייט פון פערשיעדענע קערפּער־טהיילען ווערען ווי פערמעקט. ער ווערט אונגעדולדיג, נערוועז, ער וויל ניט און קען ניט מעהר אַרבייטען. דער קערפּער איז גייסטלאָז.

פון ליעבע טראַכט ער. עס וויל זיך הינגעבען, פריילאָזען אין דעם צאַרטען, פּאַסט מילך־ווייסען שטראָם פון דער יוגענד־לוסט און דער ליעבע; עפּעס פיהלט זיך איהם, ווי מילך־ווייסע, ליליען־ווייסע פרויען־גליעדער שוועבען פאַר זיינע אויגען. ווי גלאַט! ווי פריש! ווי געזונד! ווי צאַרט! ווי עדעל!

אין זיינע באַקען לויפען ארום די פרישע רויטקייט, די ראָזעווע ווייסקייט פון דער יוגענד; זיין קערפּער איז געזונד, דורך און דורך, ראָזיג צאַרט, די מוסקולען פעסט, דאָס בלוט ריין, פריש, קרעפטיג, די ליעבעס־זאַפט רייך, רייך אַזש צום איבערפלוס.

ער קען ניט רוהען; זיין הערץ ציהט, זיינע אויגען לייכטען מיט לעבען, זיינע סאַמע גליעדער ציהען — צו וועמען?

אין דער צווייטער גאַס וואוינט ראָזא, זיינע א בעקאַנטע. ער האָט זי שוין ניט געזעהן פון א לאַנגער צייט, — ער מוז זי זעהן. אָבער געהן צו איהר? — ער איז יונג אין ליעבעס־און שאַפונגס־מוטה, אָבער אַלט אין דער פילאָזאָפיע. געהן צו איהר שפּיעלען אין

www.libtool.com.cn

ליעבע? זיך נאַריש מאַכען, ווי מען זאָגט? פערברענגען די צייט אויף גאָרנישט, אין פלאַפּלעריי? און דאָך, ווי מאַכטלאָז, ווי שוואַך ער איז! ווי עס ווילט זיך איהם זיין יונג, אַ אינגעל זיין, און ליעבען, און לאַכען!

ווייסע ראָזענ־בלעטלעך פאַלען אַרונטער אין דעם גערטעלע נעבען זיין פענסטער. די האָניג־בלומען שמעקען אַזוי זיס, אַזוי רייך. פון איהם דופטעט עס אויך אַזוי. האָניג און פערפום, געווירצען און באַלזאַם, ווי עס דופטעט!

די נאַכט איז קיהל, שטיל און אַנגענעהם.

די לבנה שווימט אַרום אין דעם רוהיג־דונקעלען הימעל, קלאָהר און זילבערדיג, בעלייכטענדיג די שפּיצען בוימער און די דעכער פון די קליינע שעהנע הייזער, די טהורעמלעך און די געבלומטע באַלקאָנען.

די לופט איז ווייך, פוכקע, גלאַט און זאַנפט, ווי די ליליען־ווייסע פרויען־ברוסטען.

ער קען מעהר אין צימער ניט איינזיצען. עס לאָזט ניט רוהען. עס עגבערט און עגבערט, נאָגט און פּלאָגט איהם.

פון צווייטען צימער הערט זיך פלוצלינג אַ העלער, זילבערדי־גער, עכט יוגענדליכער לאַכען. דאָס איז ראָזאַ, איהר פרייער, ניט איינגעהאַלטענער, אונשולדיגער יוגענד־געלעכטער.

אוועקגעלעגט דאָס פענזעל, דעם קורצען פאַרטוך אוועקגע־וואָרפען, פערקעמט די האָר, אָנגעטהאָן דעם ראָק, אַריין אין עס־צימער.

— גוטען אבענד!

— גוטען אבענד!

אויפ'ן גרויסען טיש ברענט דער גרויסער לאָמפּ מיט דעם רויטען שירעם, וואַרפענדיג אַ ליעבליך אַנגענעהמעם ליכט איבער'ן צימער. אַלעס איז ריין, ציכטיג. די פענסטער צום גערטעל פער־האַנגען מיט ווייסע גאַרדינען, די טהיר איז אָפען, דער דופט פון די האָניג־בלומען דרינגט אַריין. — ביי איין זייט טיש זיצט זיין

www.libtool.com.cn

שוועסטער, א יונגע פרוי ; ביין צווייטען זיצט ראָזא, אריינקוקענדיג אין אַ צייטונג. איהרע שעהן־פערקעמטע גאָלדיגע האָר, איהרע קלאָהרע בלויע אויגען און די צאַרט־רויטע באַקען גליהען און גלאַנ־צען אין דער ליכטיגקייט פון לאָמפּ. אויפ׳ן צייטונג ליעגט איהר לינקע האַנד, פּוכקע, צאַרט, ווי ווייסער מאַרמאָר דורכגעגאָסען מיט אַ ראָזיג־געלבליכען קאָליר, שעהן געפאָרמט, די פינגער אַזוי שעהן אויסגעבויגען אויפ׳ן בלאַט, פּונקט ווי אויסגעשניצט. אַ וואהרעס בילד.

דער יונגער מאהלער בויגט זיך איין איבער איהר, האַלטענדיג איין האַנד אויף דעם לעהן פון איהר שטוהל, די צווייטע אָנגע־שפּאַרט אויפ׳ן טיש.

— שעהנע נייעס ? — פרעגט ער, קוקענדיג אויף די גרויסע, קלאָהרע, עטוואָס אראָבגעלאָזענע אויגען.

— אָה, גאָר נישט ! — ענטפערט זי האַלב פערשעהמט און הויבט אויף די עטוואָס קינדיש־פערשעהמטע, נאָך עטוואָס אראָב־געלאָזענע אויגען.

— ווי רייצענד דער בליק ! די מינע, ווי שעהן ! — טראַכט ער. ער בויגט זיך אריבער איבער איהר, נעהמט איהרעביידע הענד, לעגט זיי צונויף, און בעריהרט מיט זיי ליכט זיינע רויטע ליפּען.

— ווי געפעלט עס אייך ! — שרייט זי אויס, רייסט ארויס איין האַנד און גיט איהם אַ לייכטען פּאַטש אין באַק.

די שוועסטער זיינע לאַכט, זיי שפּיעלען זיך. ווי ראָזיג ביידע זיינען ! צוויי קינדער פון דעם שאַפענדען גייסט פון אַ מייערבעער, אָדער אַ מאָצאַרט !

ליעבע — ראָזיגע, לאַכענדע, טרעלענדע ליעבע, בעגינסטיגט און געצייטיגט פון דער נאַטור, איינגעהאַרמאָנירט פון דער זומער־נאַכט !

ער גלעט איהר צאַרטע האַנד, האַלט יעדען פינגער בעזונדער, צערטליך, ווי אַ ליעבהאַבער און אַ קינסטלער, בעטראַכט ער זייערע

www.libtool.com.cn

פיינ־געטאָקטע שפּיצען, זייער ברוסטענ־גלאַטקייט, און די שעהנע בויגונגען פון די פּאָרמען! — אַנגענעהם!

— זאָל איך אייך בעגלייטען? — פרעגט ער ענדליך.

— יא, איך געה באַלד אַהיים. בעגלייט מיך, אויב איהר ווילט.

זיי זיינען פערטיג צום געהן.

— גוטע נאַכט!

— גוטע נאַכט!

די גאַסען זיינען שטיל. די פרישע, גרינע צווייגען פון די גרויסע בוימער העגגען אַרונטער איבער די טראָטואַרען און פער־דעקען די דעכער פון די הייזער. דאָס ליכט פונ'ם הימעל גנב'עט זיך דורך, עס וועהט אַ שטילער, קיהלער באַלזאַמיגער ווינטעלע, עס דופטעט מיט פיאַלקעס און פרישע קרייטיכער.

— אייער אָרעם — בעט ער און וויל זי נעהמען געאָרעמט.

— ניין, זאָל זיין אַזוי — ענטפערט זי.

— זאָל זיין אַזוי — ווידערהאָלט ער. — דער הערר געאָרעמט מיט דער דאַמע.

— אָה, מיין אָרעם איז צו צאַהרט בעריהרט צו ווערען — ענטפערט זי שמייכלענדיג.

— זאָל זיין אַזוי!

זיי געהען ווייטער. ער נייגט זיך זאַנפט צו איהר, רעדט שטיל, און בעריהרט דעם פלאַך פון איהר האַנד בגנבה. זי גיט זיך אַ כאַפּ, קוקט זיך אַרום טאָמער זעהט מען, און געהט ווייטער. פון איהר ווייסען זיידענעם יאַקעל זעהט זיך אַרויס דער אויבערשטער טהייל פון איהר ברוסט און דער ווייסער נאַקען. ווי צאַרט, ווי שעהן אין דעם שיין פון דער לבנה!

ענדליך זיינען זיי ניט ווייט פון איהרע עלטערענ'ס הויז. דער באַלקאָן זעהט זיך פון ווייטען, דער גאַניק, די פּאַרענצע.

ער בויגט זיך צו צו איהר, און וויל אַרומנעהמען איהר טאַליע.

www.libtool.com.cn

זי האָט מורא: זעהט זי קיינער? ניין, דער מאַנטעל פון זיין ליעבע דעקט זי צו, זיין צערטליכקייט וויקעלט זי איין.

ענדליך זיינען זיי צו צום הויז. אין די צימערען איז פינסטער. די עלטערען זיינען ניטאָ. זי געהט ארויף א פּאָר טרעפּלעך אויפ׳ן גאַניק און זעצט זיך אויף דער פּאַרענצע פון באַלקאָן מיט׳ן געזיכט צו דער זייט פון וואַנען זיי זיינען געקומען. ער בלייבט שטעהן אונטען.

זילבערדיג, ווי דאָס זילבער־געדרויש פון א קליינעם קלאָהרען שטראָם, ווען די קליינע כוואַליעס טראָגען זיך איבער קליינע שטיינדלעך, בערגלעך, קלינגט זיין לאַכען. א אינגעל! ווי זיין געזיכט איז בעדעקט מיט א גרויסען שמייכעל, ווי עס שיינט און לאַכט, ווי נאַאיוו ער איז! ווי רוהיג איז זיין הערץ! ווי איינגעוויעגט די נערוועז! ווי געשטילט און געהיילט אלע גליעדער! א קינד! אָהן ליידענשאַפטען; דאָס אַלעס וואָס ער פיהלט, דענקט און טראַכט איז אין איהר.

— איז עס ניט שעהן? — פרעגט זי שמייכלענדיג.

— ס׳איז שעהן! ענטפערט ער, זיך עטוואָס וואונדערענדיג צו וואָס מען דאַרף די רייד. און דאָך ווילט זיך איהם ווידערהאָלען איהר פראַגע: — איז עס ניט שעהן?

ער שווייגט א קורצע צייט, און דאַן, ווי אויס שפּאַס אָדער פרייד, פרעגט ער:

— איז עס ניט שעהן?

— וואָס? — פרעגט זי.

— אָה, דו, מיין גוטע, מיין ליעבע, מיין זיסע! — רופט ער אויס, און שמייכעלט מיט׳ן גאַנצען געזיכט, בעשטראַהלט פון ליעבע, פון אמת׳ער, עכטער, צערטליכער, הייליגער ליעבע!

לאַנג שפּיעלען זייביידע, לאַכען, טרוימען און פיהרען א שפּיעלהאַפטען ליעבעס־געשפּרעך. זאַנפט ווי די פוכקע זומער־לופט איז זייער שפּראַך, דופטענד ווי האָניג און פיילכען זייער ליעבע,

www.libtool.com.cn

צאַרט ווי ליליען זייער אונשולד, און ראָזען־רויט זייער פֿער־שעהמטקייט.

פֿון דער ווייטען פֿון אונטער די צווייגען זעהען זיך אַרוים די לאָדענס און די קליינע גאַניקעם פֿון די שעהנע שטיבלעך. דאָס ליכט פֿון דער גאַס־לאַמטערן ברענט גאַנץ העל, אָבער דער שיין פֿון דער לבנה וועלכער ברעכט זיך דורך דורך די צווייגען, פֿערדונקעלט עס. זעלטען ווען געהען דורך אַ פּאָר געליעבטע; זעלטען ווען זעהט זיך אַ ווייסע זומער־הוט מיט פּרוכט־עהנליכע בעפּוצונגען פֿערציערט; זעלטען ווען הערט זיך אַ לאַך אָדער אַ וואָרט. אויך די געליעבטע בלייבען ענדליך שטיל.

אָבער גרוים און מעכטיג וועלבט זיך איבער דעם ליעבהאָבער׳ס קאָפּ דער הימעל, דאָס גרויסע געהיימנים פֿון דער אייביגקייט, וועלכע האָט איהם אַרויסגעטריבען פֿון זיין צימער צו זוכען די ליעבע פֿון אַ פֿרוי, ווי אַמאָל דעם אַלטען דאָקטאָר פֿאַוסט. וועט ניט פּלוצלינג דער האָהן אַ קרעה טהאָן און אַלעם וועט פֿערשווינדען, ווי אַ גייסטער־ערשיינונג? אָבער ניין; ער קוקט אויף זיין געליעב־טער. איהרע אויגען זיינען מילד, איהר געזיכט איז אונשולדיג, די ליעבע האָט אויך זי פֿערוואַנדעלט אין אַ קינד. ער איז זיכער, קיין שלעכטס קען איהם ניט געשעהן. די ליעבע, איהר ליעבע שיצט און בערוהיגט איהם. — פֿריעדען הערשט אויף דער ערד!

www.libtool.com.cn

# אוים דעם טאַגעבוך פון אַ פרוי

צו וואָס זאָל איך שרייבען אַ טאַגע־בוך? מיין לעבען איז אַ גאַנץ געוועהנליכעס און דאָך שיינט עס מיר, אַז איך וואָלט קענען שרייבען און שרייבען, כאָטש איך ווייס נאָך ניט אַקוראַט וועגען וואָס. איך בין ניט געבילדעט, און האָב געלעזען נור איינינע ביכער. וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט, ווייס איך וועניג, כאָטש איך ווייס מעהר, ווי אנדערע פרויען אין מיין שטאַנד. וועגען פרעכטיגע „דינער־פּאַרטיעס“, וועגען גרענד אָפּעראַס, וועגען באַדע־פּלעצער אָדער וועגען דער מאָדע־וועלט אין אַלגעמיין, קען איך זעהר וועניג רעדען. איך פערברענג מיינע טעג און וואָכען אין דער געזעלשאַפט פון מיין מאַן און מיין קינד. מאַנכעסמאָל בעזוך איך אַ פריינד, מאַנכעסמאָל בעזוכט מיך אַ פריינד; דאָס איז אַלעס. איך האָב ליעב געזעלשאַפט, איבערהויפּט די געזעלשאַפט פון יונגע לייט; אָבער ניט שטענדיג געפין איך די געזעלשאַפט, וועלכע מיר געפעלט אַם בעסטען. מיין מאַן האָט ניט זעהר ליעב געזעלשאַפט, פון דעסטוועגען ליעב איך איהם זעהר, דען ער ליעבט מיך.

איך הויב אָן צייטענווייז צו בענקען און ווייס ניט נאָך וואָס. עטוואָס אין מיין הארץ הויבט אָן צו גליהען און אין מיין מוח ברענט עס מיר — עס איז, דוכט מיר, שמערצפאָל, און דאָך זעהר אנגענעהם. אימער ווען איך בליק אַרוים דורכ'ן פענסטער אויף די פערהפורפורטע בערג און די גרינע פעלדער, וועלכע שלאָפען אינ'ם זונשיין, ווילט זיך מיר אַוועקפליהען ווייט, ווייט צו די גאָלדענע וואָלקען, און דאָרט זיך אויפבויען אַ געהיימען שלאָס, ווי עס ווערט דערצעהלט אין קינדער־געשיכטען פון פּרינצעסינס.

www.libtool.com.cn

איך בין שוין א מוטער און האָב נאָך אַלץ אַזעלכע נאַרישע פאַנטאַזיעס. מיין מאַן וואָלט פון מיר געלאַכט, ווען איך וואָלט איהם דערצעהלט אַלעס וואָס איך דענק אין די איינזאַמע שטונדען פון זיין אַבוועזענהייט. ער קימערט זיך זעהר ווייניג פאַר אַזעלכע פאַנטאַזיעס.

וואָרום ערמאַנער איך מיך יעצט אָן דעם יונגען אַרטיסט, וועלכער בעזוכט אונז אַמאָל? ער איז זעהר ליעבענסווירדיג און דאָס איז, דאַכט זיך, די אורזאַכע, וואָס איך דענק פון איהם אַזוי אָפט. ווירקליך, אַלע מיינע פריינד האָבען איהם גערן, ער איז אַזוי צערטליך, אַזוי עדעל, אַזוי שעהן, אַזוי ליעבענסווירדיג, אַזוי אַנציהענד. איך ליעב איהם הויפּטזעכטליך, ווען ער רעדט וועגען קונסט און נאַטור, וועגען גריכישער סקולפּטור און גאָטהישער אַרכיטעקטור. ער שיינט דאַן צו זעהן אַלע די געטער לעבעדיג און אַטהעמענדיג פאַר זיך, ער ווערט אַזוי ענטהוזיאַסטיש, אַזוי בעגייסטערט, און דער שטראָם פון זיינע שעהן־געטאָקטע זעצע איז אַזוי מוזיקאַליש, אַזוי האַרמאָניש, דאָס מען וואָלט זיך געקענט צו איהם צוהערען טעג און נעכט ניט צו ווערען מיעד אָדער צו הייסען איהם זיך אָבשטעלען. און דאַן זיינע בעוועגונגען, זיינען אַזוי חנ׳עוודיג און האַרמאָניש, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט אין קאָפּ עטליכע גרענד־אָפּעראַס. אָפטמאָל איז ער אַזוי צערטליך, ווי א קינד און דאַן וויל זיך מיר האַלזען און האַלזען איהם, גלעטען זיינע שווארצע געקרויזטע האָר, און איהם דערצעהלען געשיכטען פון ליעבע און פריינדשאַפט. איך דענק פון איהם זעהר אָפט, פילייכט צו אָפט. אָפט ווילט זיך מיר אפילו איהם האָבען שטענדיג אין מיין הויז — עס וואָלט זיין אַזאַ פערגניגען צו וואוינען מיט איהם אונטער איין דאַך!

איך גלויב, עס איז זעהר נאַריש פון מיר, וואָס איך טראַכט אַלץ און טראַכט וועגען טויזענד פערשיעדענע געגענשטענדע, וועלכע האָבען גאָר קיין שייכות ניט מיט מיין טעגליכען לעבען. איך בין נאָר אַן אָרעמע, אונוויסענדע פרוי און האָב זיך געדאַרפט בע־

www.libtool.com.cn

שעפּטיגען הויפּטזעכטליך מיט מיין ווירטשאַפּט, אַנשטאָט צו דענ־קען וועגען דער גרויסער וועלט, וועלכע איך קען ניט זעהן און אין וועלכער איך קען ניט לעבען און געניסען. און דאָך, וואַרום זאָל איך ניט דענקען וועגען דער וועלט? אין וועלכער הינזיכט בין איך ערגער פֿאַר אַנדערע פּרויען? בין איך ניט פּונקט אַזוי גוט, ווי זיי זיינען?

אָפּטמאָל פֿאַלט אויף מיר אָן אַ מין משוגעת און מיר ווילט זיך דאַן צוברעכען מיינע מעבעל, פֿונאַנדערשטויסען די ווענט פֿון מיין וואוינונג, אויסרייסען די פֿענסטער און אַוועקפֿליהען ווי אַ פֿויגעל, וועלכער איז געווען אַ לאַנגע צייט פֿערשפּאַרט אין אַ שטייג. עס איז אַ נאַרישע פֿאַנטאַזיע, דיזער פֿערלאַנג אַרויסצו־געהן אין דער גרויסער, שעהנער, ברייטער, ליכטיגער וועלט. איך וויים, דאָס די וועלט איז פֿול מיט צרות, כאָטש זי זעהט אויס אַזוי שעהן. פֿון דעסטוועגען דוכט זיך מיר, דאָס איך וואָלט אין איהר זיין גליקליכער אַליין, ווי דאָ אין מיין שטילער היים צוזאַ־מען מיט מיין מאַן.

וואָס איז מיר מיין היים נאָך אַלעם דעם? וואַרום זאָלען די טעפּלאַך מיט די ווינדלעך אַוועקרויבען מיין גאַנצע צייט? וואַרום זאָל איך דאָ זיין בעגראָבען, ווי אַן אַרעסטאַנט?

אָפּטמאָל, ווען איך הער זיך צו פֿאַרנאַכט צו די טענער פֿון מיין שכנ׳ס פּיאַנאָ, פֿיהל איך מיך אַזוי אונאויסשפּרעכליך זעלט־זאַם. אַ שטראָם נייע געפֿיהלען לויפֿט דורך דורך מיין האַרץ, אַ זיסער פֿיבער טרייסעלט מיינע גלידער, און טרערען ווייזען זיך אין מיינע אויגען. אַ טיעפֿעס אונווידערשטעהליכעס בענקען נעהמט מיך אָן און טראָגט מיך אַוועק ווייט, ווייט, צו לענדער פֿון אונבעשרייבליכער שעהנקייט. איך זיץ אַ לאַנגע צייט פֿערזונקען אין מיינע רעיונות, ביז די זון געהט אונטער הינטער די בערג און די לענגליכע שאָטענס אויף די ווענט דערמאַנען מיך, דאָס מיין מאַן וועט באַלד קומען אַהיים צום סאַפּער. איך ווער אין כעס

www.libtool.com.cn

אויף אלץ — אויף איהם, אויפ'ן קינד, אויף זיך און קריץ די ציינער פאר ווערטאג. וואס פאר א ווילדע בריאה איך בין!

מיין מאן, איז א מאדנער מענש. עס וואונדערט מיך, וואס פאר א מין מוח ער האט, וואס איהם וויל זיך קיינמאל ניט לעזען קיין גוטע פאעזיע, אדער רעדען פון קונסט־זאכען. ער לעזט אמאל דיקענסעס א נאוועלע און ער לעזט איהר אזוי לאנג, ביז ער ווערט איבער איהר איינגעשלאפען; אמאל לעזט ער א צייטונג און רעדט וועגען די עלעקשאנס: דאס איז אלץ. נאטור, קונסט, מאלעריי, מוזיק, א. ז. וו. דאס ארט איהם זעהר ווייניג. איך אליין ווייס אויך ניט פיעל וועגען דעם, אבער איך האב עס ליעב מיט דער גאנצער קראפט פון מיין זעעלע און איך בין גליקליך, וואס דער ארטיסט בעזוכט מיך אמאל; ווען ניט ער, וואלט איך דא אין גאנצען פער'חושכ'ט געווארען. עס וואונדערט מיך אפילו, וואס איך האב — וואס איך האב — געהייראטה? עה, דאס איז, נארישקייט! האב איך שוין ווירקליך חרטה, וואס איך האב זיך פערהבונדען? איך האב עס דאך געוואלט, אבי מיט ווערען... אי, מיט ווערען...

עס איז אין גאנצען א יאהר און א האלב זינט איך האב געהייראטה, און דאך שיינט עס אזוי לאנג; טויזענד יאהר, וואלטען קוים געקענט שיינען לענגער. איך בין דאן אלט געווען קוים זיבעצעהן יאהר; יעצט בין איך עטוואס מעהר ווי אכטצעהן. איך בין שוין א מוטער! ווי דאס רעדעל פון דער וועלט דרעהט זיך אזוי גיך.

איך האב אמאל געזעהן מעלבא אין „קארמען“, און זייט יענער נאכט קען איך זי ניט פערגעסען. זי איז געווען אזוי לעבענספול, אזוי מונטער, אזוי שעהן, טאנצענדיג ארום איהר געליעבטען, — אזוי וואונדערליך לעבהאפט און אנציהענד, דאס מיר ווילט זיך אפט זיין אזוי, ווי זי איז. איך האב ווירקליך נאכגעאהמט איהר טאנץ אין דר'היים. איך האב אוועקגעשטעלט א טשעהר אין מיטען פראנט־רום און האב איהם ארום געטאנצט אזוי חנ'עוו־

www.libtool.com.cn

דיג און לעבהאפט, ווי מעגליך. נאָך דעם האָב איך געלאכט פון זיך אליין און האָב זיך געהאַלטען פאַר חסר דעה. דאָך וואָלט איך מאַנכעסמאָל וועלען זיך הינגעבען צו ליעבע און ליידענשאַפט, ווי זי. עס מוז זיין עטוואָס בעצויבערענדעס און בעגייסטערענדעס אין אַזאַ לעבען. צו זיין בעטרונקען פון ליעבע, צו פיהלען, ווי דאָס יונגע בלוט זידט אין די אָדערען — ווירקליך איך פיהל עבען יעצט, דענקענדיג דערפון, דאָס מיין הארץ הויבט אָן צו שפרינגען פאַר פרייד. דאָס עראינערט מיך ווידער אין קליין־רוסלאַנד, וואו איך בין געבאָרען און ערצויגען געוואָרען. דאָרט פלעג איך זעהן די שקצים מיט די שיקסעס, ווי זיי טאַנצען אין די דערפער, אָדער אין די וויינשענקען. ווי לעבעדיג זיי האָבען אויסגעזעהן אין זייערע קאָלירטע קליידער, בעקראַנצט מיט פרישע בלומען! ווי זייערע בעקלעך און אויגען פלעגען דאָס שיינען פאַר שמחה! ווי היים זייער אָטהעם פלעגט זיין; און ווי שעהן און גרינג פלעגען זייערע פיס בעריהרען דעם זאַמד־בעשאָטענעם באָדען! דאָס איז געווען אַ לעבעדיגע וועלט.

ער האָט מיך היינט בעזוכט. אויף דאָס קינד האָבען אויפגעפאַסט דעם שכן׳ס קינדער; קיינער האָט מיך ניט געשטערט. דער טאָג איז געווען שטיל; די הימלען בלוי און וואָלקענלאָז. אַ זאַנפטע בלענדענדע ליכטיגקייט האָט זיך אָבגעשלאָגען פון די קליינע סקאַלעס; די קוסטעס האָבען רוהיג געשלאָפען אין דער זון און אָפט ווי אין חלום געשעפטשעט. דאָס זשימען פון אַ פליגעלע אָדער אַ בין האָט זיך אָפטמאָל געטראָגען צום אויער, דאַן איז אַלעס געוואָרען זעהר שטיל און אַנגענעהם. איך האָב צוגעמאַכט די לאָדענס, אום צו האַלטען דאָס צימער אַביסעל קיהלער, און זיך געזעצט נעבען איהם. אַ קורצע צייט האָבען מיר גערעדט, דאַן האָט ער ארויסגענומען פון טאַש אַ קליינע אויסגאַבע פון געהעטאַ׳ס „פויסט“ און האָט מיר פאָרגעלעזען אַ סצענע — די גאַרטען־סצענע! ווי שעהן עס איז! ער איז דאַן געזעסען נאָהענט צו מיר, אַזוי נאָהענט, דאָס איך האָב געקענט פיהלען זיין אָטהעם. איין

www.libtool.com.cn

מאָל האָט זיין האַנד בעריהרט מיינע און איך האָב אַ ציטער געטהאָן.

עס איז זעלטזאַם! ווען נאָר איך דענק וועגען איהם, דוכט זיך מיר, דאָס עטוואָס פון מיינע נערווען פליעסט אַרויס צו איהם אַזאַ מין היץ, אָדער איך ווייס וואָס און ווען ער איז נעבען מיר, ווער איך אָפטמאָל צומישט וועגען דעם. אָפטמאָל ווער איך אַזוי שוואַך און צערטליך, דאָס מיר ווילט זיך אָנשפּאַרען דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט און וויינען ווי אַ קינד.

וואָס פאַרט וואָלטען די אַנשטענדיגע פרויען פון מיר גע־דענקט, ווען זיי וואָלטען געוואוסט, וואָס איך טראַכט? זיי וואָל־טען גאַנץ בעשטימט געזאָגט: „אַט איז אַן אַראָבגעזונקענע בריאה, אַן אונטרייע פרוי, אַ פּרויענצימער, וואָס האָט אין זיך אַ דיבוק, אַ פערבלאָנדזעטע נשמה, אַ געמיינע נאַטור, אַ פרוי, וואָס פער־דיענט פעראַכטעט צו ווערען פון אַלע אַנשטענדיגע פרויען.“ זיכער־ליך, זיי וואָלטען עס געזאָגט, און דאָך פיהל איך מיך אַזוי אונ־שולדיג, אַזוי גוט און ריין; וואָס קען איך טהאָן, ווען מיין האַרץ ליעבט אַ צווייטען? איך קען עס ניט צווינגען ניט צו ליעבען. די ליעבע אַליין איז אַזוי גרויס און ערהאַבען און אין מיר איז זי גאָר אַ זינד! אַ וועלטעל. מעג זי אייננעזונקען ווערען, ווי זי שטעהט און געהט.

www.libtool.com.cn

# די שטראָף פון דער נאַטור

איך האָב זי געזעהן אין האָספּיטאָל, זי איז געזעסען אין קראַנקען־גאָרטען און געהענדיג האָב איך זי בעמערקט, איך האָב אויף איהר געוואָרפען אַ בליק און בין געגאַנגען ווייטער אויף דער זאַמדיגער סטיעזשקע צווישען די בוימער. זי האָט מיך פעראינטערעסירט, איך האָב זי געוואָלט לענגער בעטראַכטען! איך האָב מיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און האָב אויף איהר געקוקט, אָהנע זי זאָל עס בעמערקען. אַך! יענע מינוטען וועל איך מיין גאַנצען לעבען ניט פערגעסען, דען איך האָב אין זיי געזעהן אַ לעבען, וואָס האָט געהאַלטען ביים פערוועלקען אין מיטען זומער. איהר געזיכט איז געווען צאַרט־ווייס, נאַר מאָגער און עטוואָס געל פון דער קראַנקהייט, אויף איהרע באַקען האָבען געשפּיעלט צוויי ראָזען־רויטע קראַסקעס, צוויי פייערלעך, די לעצטע כחות איהרע. זי האָט געטראָגען אַ ווייס קלייד און אַ ווייסען גרינגען יאַקעל, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט מיט רויטע שפּיצען אַרום די אַרבעל און אַרום האַלז, די רויטע שפּיצען אַרום האָבען איהר צוגעגעבען אַ וואונדערבאַרען חן: אַ חן, וואָס האָט מיך ערשראָקען, ווייל איך האָב געזעהן, אַז ער וועט ניט לאַנג גלענצען... איהרע מיענען האָבען אויסגעדריקט אַן אונבעשרייבליכע גוטמוטהיגקייט, אַ מיעדקייט, ווי מען טרעפט עס אימער ביי די שווינדזיכטיגע. יאָ, זי האָט געהאַט די שווינדזוכט וואָס זויגט אויס דעם כח מיט'ן לעבען צוזאַמען. די זון האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן און האָט פערגאָלדעט די בוימער־שפּיצען מיט די לעצטע שטראַהלען, זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט געקוקט אויף דער זון. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי, די זון, וויינט און איהרע שטראַהלען זיינען די טרערען; פיליייכט האָט זי געוויינט איבער דעם וואָס זי האָט

www.libtool.com.cn

איהר אונטערגאַנג פערגליכען מיט דעם אונטערגאַנג פון איהר אייגענעם לעבען, ווער ווייס ?...

א ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אויפגעהויבען אריינצו־געהן אין איהר אבטהיילונג. איך האָב זי נאָכגעקוקט ביז זי איז אַרויף דעם קליינעם טרעפּעל, וואָס האָט געפיהרט אין האָספּיטאַל, ביז זי האָט געעפענט די טהיר און איז פערשוואונדען. . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

מיט צוויי יאָהר צוריק איז זי אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר. זי איז דאַן געווען קערפּערליך פאָלקאָם ענטוויקעלט, שעהן פון אויסזעהען, שעהן געוואקסען און געזונד. זי האָט געארבייט ביי דער מאַשין, זי האָט ניט געליעבט דעם „קיהלען“, דעם „אנגענעה־מען“ שאָפּ און דאָך פלעגט זי זיך פרעהען מיט איהם, ווייל זי און א איינגערע שוועסטער האָבען געדאַרפט ערנעהרען די גאַנצע פאַ־מיליע, דער פאָטער איז געשטאָרבען און די מוטער איז געווען אין די עלטערע יאָהרען און האָט ניט געקענט פערדיענען.

זייט א קורצע צייט איז זי אָבער געוואָרען מאָגערער, בלייַ־כער און ערנסטער. די מוטער פלעגט זיך עפּטערס איינקוקען אין איהר געזיכט, פלעגט זיך אָבזיפצען און בעדויערען, וואָס איהר קינד דאַרף אַזוי שווער ארבייטען; זי האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס איהר קינד פעהלט, פון וואָס זי ליידעט, אויך איהרע חבר'טעס, וועלכע האָבען זי געקענט אַלס א מונטערע און א וויציגע, האָבען זיך פערוואונדערט איבער איהר שלעכטען אויסזעהען, אי־בער איהר ערנסטקייט.

זיצענדיג ביי דער ארבייט, פלעגט זי זיך פערטראַכטען און זיצען א רעכטע צייט פער'חלום'ט. די מיידלאַך פלעגען אויף איהר אין אָנפאַנג קוקען און שווייגען, אָבער פּלוצליגג פלעגען זיי אויסשיסען א געלעכטער. זי פלעגט דאַן ווערען דערשראָקען, צומישט, און זיך אומקוקען אין אַלע זייטען, ניט ריידענדיג קיין וואָרט, פלעגט זי אָנהויבען טרייבען די מאַשין מיט אַלע כחות,

www.libtool.com.cn

אזוי ווי זי וואָלט געווען בייז. זי פלעגט אָבער ניט זיין בייז, אין א ווײַלע אַרום פלעגט זי אויפהויבען דעם קאָפּ, וואַרפען א בליק אויף די מיידלעך און ווייטער דרעהען דעם ראָד. פון וואָס האָט זי דאַן געטראַכט? פיליַיכט פון ליעבע, פיליַיכט פון הייראַטען, ווער קען דאָס וויסען? אָבער ניין! זי האָט ניט געדענקט, ניט געטאָרט טראַכטען פון אַזעלכע זאַכען — זי איז געווען אָרים.

ווען זי פלעגט קומען אין א געזעלשאַפט און א בעקאַנטער יונגערמאַן האָט איהר געגעבען די האַנד, פלעגט זי אויפציטערן, זי פלעגט פיהלען זיין אָטהעם און די ברוסט פלעגט זיך שטאַרק בעוועגען און זי פלעגט אויסמיידען מיט איהם צו רעדען. זי פלעגט אפילו יאָ וועלען מיט איהם פערברענגען, זיך אונטערהאַל־טען מיט איהם, זיין נאָהענט מיט איהם און פלעגט עס דאָך ניט טהאָן. זי האָט עס ניט געטהאָן — אָבער די ברוסט פלעגט זיך שטאַרק בעווענען, די נערווען פלעגען ציטערן און איהר אָטהעם איז געווען הייס, ברענענד הייס. וואַרום האָט זי זיך ניט אונטער־האַלטען? זי איז געווען אָרים...

אין דער לעצטער צייט האָט זי ליעב געקראָגען די איינזאַמ־קייט. קומענדיג פון דער אַרבייט, פלעגט זי נאָר אָבעסען סאַפּער און באַלד אַריינגעהן אין שלאָף־צימער, וואָס האָט זיך גערופען איהר צימער. זי פלעגט צומאַכען די טהיר, זיך זעצען לעבען פענ־סטער און לעזען א בוך. מאַנכע נעכט פלעגט זי קוקען אויף'ן הימעל, ניט וויסענדיג וואַרום, זי האָט ניט פערשטאַנען קיין אַסטראָ־נאָמיע און האָט ניט געזוכט קיין נייע פּלאַנעטען; זי האָט אָבער געליעבט דעם ווייטען, קלאָרען הימעל, די בלאַסע שטערן און די לבנה. קוקענדיג אויף זיי, פלעגט זי פיהלען אין איין און דערזעל־בער צייט א בעפרידיגונג און א פערלאַנגען, א לוסט און א שמערץ. אזוי פלעגט זי אָבזיצען מאַנכעס מאָל שטונדענלאַנג, האַלטענדיג דעם קאָפּ אויף די ווייכע צאַרטע הענד און די עלענבויגענס אויפ'ן פענסטער. אוועקגעהענדיג פון פענסטער איז זי אימער געווען מיעד, שוואַך און אָפּגעמאַטערט. איין אָבענד איז זי געזעסען

www.libtool.com.cn

ביים פענסטער, ווי געוועהנליך, און האט געקוקט, אבער ניט אויף'ן הימעל ; זי האט געקוקט אין א צווייטען פענסטער, פון וועלכען עס האט זיך געזעהן א גרינער שיין פון א לאמפ. דאס איז געווען א פענסטער פון א שלאפצימער, און פאר דעם שיין פונ'ם לאמפ האט מען געקענט זעהן, אז ער איז אויסגעפוצט מיט א סך בלומען און פעדערן פון פערשיעדענע גרויסע פויגעל. דער שלאפצימער האט אויסגעזעהן ווי א קליינער גן־עדן, א גן־עדן פאר זיין רייכען בעזיצער. ביי א טישעל, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען פרישע ראזען, איז געזעסען א יונגע פרוי און האט געשיינט צו שרייבען. באלד איז אריין א יונגערמאן, האט זיך צוגעבויגען צו איהר און האט זי געקוסט. די יונגע פרוי האט א זיסען, גליקליכען שמייכעל געטהאן, האט זיך גלייך אויפגעהויבען און איהם ארומגענומען, זייערע ליפען האבען זיך ווידער צוזאמענגעשלאסען...

—דו שלאפסט נאך ניט מיין קינד? — האט זי ליגענדיג אין פענסטער, פלוצלינג דערהערט די מוטער'ם שטימע. זי איז געווארען ערשראקען און איבערראשט, און ציטערנדיג האט זי אראבגעלאזען דעם פארהאנג. הערענדיג די מוטערם שטימע, אבער ניט איהרע ווערטער, האט זי איהר דאך געענטפערט, „איך לעג מיך שלאפען". זי האט זיך ווירקליך געלעגט, דען א קאלטער שוויים האט זי בעגאסען. זי איז געווען צומיישט און האט ניט געהאט קיין כח אויף די פיס צו שטעהן. זי האט אבער ניט געקענט איינשלאפען און ניט געקענט איינליגען, דען זי איז געווען צו שטארק אויפגערעגט. שטיל איז זי ארונטער פון בעט, איז צוגעגאנגען צום פענסטער און אויפגעהויבען דעם פארהאנג, אבער אין יענעם צימער איז שוין געווען פינסטער...

די גאנצע נאכט האט זי זיך געווארפען און געפיבערט : פון ליידענשאפט און אויפרעגונג האט זיך איהר יוגענד־פאנטאזיע צושפיעלט, זי האט געזעהן בילדער, וועלכע זי האט זיך שוין לאנג צוריק פארגעשטעלט, זיצענדיג אין שאפ ביי דער מאשין, אדער ביין פענסטער אין „איהר צימער". אט האט זי געטרוימט, איז

www.libtool.com.cn

זי אין פּאַרק... פון ווייטען הערען זיך זיסע טענער פון אַן אָרקעסטער... פויגעל זינגען... בלומען דופטען... דער טייכעל מורמעלט... אַ ווינטעלע בעוועגט דעם גראָז... אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים זיצט זי און רעדט פון ליעבע... איהרע ליפּען בעוועגען זיך... אַנדערע ליפּען בעוועגען די איהריגע, אין דער לופט פערקלינגט עפּעס... טעלער, גאָפּעל און מעסער קלינגען... מען רעדט, מען לאַכט, מען אונטערהאַלט זיך... באַלד טאַנצט מען ווידער... אַלע קוקען אויף איהר, אויף איהר ווייסע קלייד, אויף דעם מירטען־קרענצעל, וועלכען זי טראָגט אויף׳ן קאָפּ... זי אָבער קוקט אויף איינעם...

ווידער ענדערט זיך דאָס בילד:

זי איז אין אַ קליינעם, וואַרעמען צימער... זי ליגט אין אַ וויי־כער, זייבערהער בעט... איהרע שעהן געפֿאָרמטע און צאַרטע גליעדער ציטערן... די פֿולע ברוסט בעוועגט זיך... עס קלאַפּט פאַר ערוואַר־טונג... זי הערט טריט... די אונשולד פערשעהמט זיך... אַ ראָזען־רויטקייט בעדעקט איהר געזיכט... איינינע סעקונדען פערגעהען... אַ האַנד הויבט לאַנגזאַם אויף די דעקע... „שוין צייט אויפצושטעהן צו דער אַרבייט, מיין קינד“! הערט זי פּלוצלינג אַ שטימע, די מוטער׳ס שטימע, זי עפֿענט די אויגען און קוקט זיך אַרום וואו זי איז אין דער וועלט, וואו די שעהנע בילדער זיינען...

„שוין זעקס אוהר, מיין קינד“.

„וואו איז ער?...

ווער מיין קינד?...

„ער... דו גאָר?... גאָר דו?...

„איך מוז לויפען צום דאָקטאָר, זי רעדט פון היץ, זי איז קראַנק“, זאָגט די ערשראָקענע מוטער און געהט בעטען אַ שכנה צו בלייבען אויף אַ ווײַלע אין שטוב...

אין אַ וואָך אַרום האָט מען זי גענומען אין האָספּיטאַל.

די דאָקטוירים האָבען עפּעס גערעדט פון געזונדע מענשען... פון נאַטור... פון בעפרידיגונג... אָבער וואָס קען וויסען אַ אונווי־סענדע און אַלטע מוטער?

www.libtool.com.cn

# א ליעבעס-געשיכטע

איך האב געעפענט דעם ראמאן און האב פאלגענדעס געלעזען:

„זיי האבען זיך בעגעגענט צום ערשטען מאל אויף א באל. די מוזיק האט געשוויגען, דען מען האט ערשט געהאט אבגעטאנצט א וואלצער. ער, וועלכער האט ניט געטאנצט, איז ארומגעגאנגען און האט געשיינט צו זיין פערטראכט. זי, וועלכע האט יא געטאנצט, איז געגאנגען זוכען א פלאץ צו זיצען און איז איהם געקומען ענטקעגען. זי איז געגאנגען געארעמט מיט איינעם, וואס האט געשיינט צו זיין איהר מאן. איבריגענס, ווען מען וואלט זיך נאכפרעגען ביי די מיטגליעדער פון איהר געזעלשאפט און ביי דעם בעריהמטען „מסדר קדושין", וואלטען זיי ערקלעהרט, אז דער, מיט וועמען זי געהט געארעמט, איז ווירקליך איהר מאן — כדת משה וישראל.

זי איז געוועזען שעהן, רייצענד שעהן. איהר קערפער איז געוועזען אבגעטאקט; אין איהרע בעוועגונגען, אין איהר געהן, איז געלעגען א טאקט, א קלאנג, אן ארט שטומע מוזיק. איהרע שעהנע, גרויסע אויגען האבען באלד איבערצייגט, אז זי איז א מונטערע, א וויציגע און א פיהלענדע; איהר שעהן געפארמטעס געזיכט האט געצייגט, אז זי איז אייניגער מאסען אינטעליגענט. ער וואלט זי פיליכט ניט בעמערקט, דען ער האט געהאלטען די אויגען אראבגעלאזען צום באדען. אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זי אבער פערלארען א זיידענע טיכעלע. קוקענדיג אויף דער ערד, האט ער עס בעמערקט, און אויפהויבענדיג די טיכעלע, איז ער צוגעגאנגען און האט עס איהר אבגעגעבען. זי האט איהם העפליך

www.libtool.com.cn

בעהאנקט, איהם פריינדליך אנגעקוקט מיט איהרע שעהנע, גרויסע אויגען און האט די טיכעלע צוגענומען. זייערע פינגער האבען זיך בעריהרט און עפּעס א געהיימער געפיהל, א פונק, איז אין דעם זעלבען מאמענט דורכגעלאפען דורך זייערע הערצער. וואס איז דאס געווען? עטוואס, וואס האט ניט קיין נאמען; א געפיהל, וואס איז עטוואס מעהר ווי גלייכגילטיגקייט. ער איז געגאנגען ווייטער מיט זיין געוועהנליכען שטאלץ. אבגעהענדיג איינינע טריט, האט ער עפּעס ניט ווילענדיג א קעהר געטהאן דעם קאפּ צו דער זייט, וואו זי איז אוועק. ער האט בעמערקט, אז אויך זי האט געקוקט אויף הינטען און האט זיך ערשט געווענדעט אין איהר פריהערדיגער ריכטונג. זאל זי האבען איהם נאכגעקוקט? ער האט עס ניט געקענט דענקען. געבענדיג איהר די טיכעלע, האט ער בעמערקט אויף איהר פינגער דעם טרויאונגס־רינג; וואס פאר אן אינטערעס קען זי האבען פאר איהם, פאר אן אונבעקאנטען יונגען מאן, ווען זי איז פערהייראטה? איבעריגענס, האט ער גע־שיינט זיך וועניג צו קימערען וועגען דעם און איז גלייכגילטיג גע־גאנגען זיין וועג. —

* * *

עס זיינען אוועק צוויי מאנאט זייט יענעם אבענד, אין וועל־כען דער באל האט שטאטגעפונען. דאס איז געווען א זונטאג נאכ־מיטאג. אין א שעהן מעבלירטען צימער איז זי געזעסען און האט געבלעטערט אן אלבאם. דער, וואס זי האט געזעהן יענעם אבענד אויפ׳ן באל, האט געקענט בעמערקען אין איהר א פערענדערונג — דער שמייכעל, וואס איז פריהער געלעגען אין די ווינקלען פון איהרע ליפּען, האט יעצט אויסגעדריקט א גרינגען שמערץ; די לוסטיגע, לעבעדיגע אויגען זיינען עטוואס דונקעלער געווארען; אין איהר בליק איז געלעגען דער זעלבער רייץ פון פריהער, מעהר נישט א גרינגע שארפקייט, עפּעס אזוי ווי א גרינגע מעלאנכאליע האט זיך

www.libtool.com.cn

אין איהם אריינגע׳גנב׳עט. מען האט עם אבער קוים געקענט בעד־מערקען — און ווירקליך האט עס קיינער ניט בעמערקט...

זי האט אריבערגעמישט אייניגע בילדער און האט זיך פערקוקט אויף איינעם פון זיי. עס האט געשיינט, אז זי האט גע־קוקט גלייכגילטיג אויף דעם בילד, אבער זיך בעסער צוקוקענדיג, האט מען געקענט זעהן, אז איהרע געזיכטסציגע דריקען אוים א זעלטזאמען, אינערליכען געפיהל.

אין א ווייל ארום האט זי זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ און איז אריין אין צווייטען צימער; אין שלאפצימער, אויף א זווי־בער, ריין־בעדקטער בעט איז געלעגען איהר מאן און האט געשלא־פען. זי איז געבליבען שטעהן אין טהיר, האלטענדיג איין האנד אנגעשפארט אין דער הויך און וואנד, די צווייטע אראבגעלאזען. זי האט געקוקט אויף איהר מאן און האט זיך פערטראכט. פון וואס האט זי געטראכט? עפעם פרעמדע רעיונות, פערשיעדענע עראינערונגען האבען זיך געמישט אין איהר קאפ. זי האט זיך עראינערט אן דעם טאג פון איהר חתונה; איהר האט זיך גערוכט, אז זי איז איהר מאן ניט אזוי איבערגעגעבען ווי דאן, אז זי ליעבט איהם ניט מעהר אזוי אויפריכטיג, ווי מיט אייניגע מאנאט צוריק. צו גלייבער צייט האט זיך אין איהרע געדאנקען אריינגע׳גנב׳עט א גרינגער צווייפעל: אויב זי האט איהם ווען־עס־איז ווירקליך געליעבט? עם האט איהר יעצט געשיינט, אז זי האט זיך מיט איהם פערבונדען מעהר צוליעב זייטיגע אינטערעסען, ווי אוים ריינער ליעבע. עפעם האט זי דאן יא געהאט א סימפאטהיע צו איהם, א פריינדשאפט, אן ארט ליעבע; אבער יעצט האט זי אליין ניט געוואוסט וואס פאר א נאמען זי זאל געבען דעם פריהערדיגען געפיהל. אויך יעצט איז זי איהם געווען טריי, האט זיך געצייגט צו איהם פריינדליך; איהר איז אבער, זא צו זאגען, געווען שווער דיעזע פריינדשאפט, דיעזע טרייהייט, איהם צו צייגען.

זי האט עם פון דעסטוועגען יא געטהאן און זי פלעגט זיך פיהלען צופריעדען מיט דיעזער האנדלונג, וועלכע זי האט אנער־

www.libtool.com.cn

קענט אַלס איהר פּליכט. זי פלעגט זיין שטאָלץ דערויף; פלעגט זיך בעטראַכטען אַלס זיעגערין; ווען פלעגט זי בעזיעגען? איהרע אייגענע געפיהלען...

אַט האָט זי געטראַכט און שווער איז איהר געוואָרען אויפ'ן האַרצען. זי האָט געבענקט נאָך עטוואָס, זי האָט געפיהלט אַ זעהנזוכט, איהר האַרץ האָט געשמאַכטעט נאָך עטוואָס אונבעקאַנטעס. וואָס איז דאָס געווען? זי האָט עס אַליין ניט געוואוסט און פיליכט האָט זי עס ניט געוואָלט וויסען...

* * *

נאָך אַ פּאָר מאָנאַטען זיינען פערלאָפען. אין זיין איינזאַמען צימער אויפ'ן בעט איז „ער" געזעסען, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענד און האָט געטראַכט.

איז ער דאָס דער געזונדער, בעדאַכטער מענש פון פריהער? וואו איז אהינגעקומען זיין פעסטער כאַראַקטער, זיין קאַלטע איבערלעגונג? פערשוואונדען, אַלעס פערשוואונדען! אויפ'ן הימעל ציהען די שוואַרצע וואָלקענס, גלייך ווי הונגעריגע רויב־פויגעל, און גלייך ווי די וואָלקען ציהען זיך אין זיין מח די שוואַרצע געדאַנקען; און יעדער געדאַנק, וואָס ציהט זיך אוועק, נעהמט מיט אַ טהייל פון זיין הערץ, אַ טהייל פון זיין לעבען. ער קוקט אַרוים אויף דער גאַס: דער שנעע צושמעלצט, דער ווינטער געהט אוועק און דער פריהלינג קומט באַלד אָן. די זון וועט אַנוואַרעמען די ערד און טויזענדער פרישע בלומען וועלען אַרויסבליהען פון איהר שוים. אויך אין זיין הערץ וויל עס ווערען פריהלינג, טויזענדער נייע געפיהלען ליגען אין איהר בעהאַלטען. אָבער אויך זיין הערץ דאַרף האָבען אַ זון, וואָס זאָל דיעזע געפיהלען אַרויסקושען פון איהר, און דיעזע זון קען נאָר זיין — זי...

ביי דעם געדאַנק איז ער אויפגעשפּרונגען: — זי.... וואָס פּאַר אַ רעכט האָט ער געהאַט פון איהר צו דענקען? זי איז פערהיי־

www.libtool.com.cn

ראטה און וואָס פערלאַנגט ער? מיט וועלכע פערשטאָכענע אויגען קען ער קוקען איהר מאַן גלייך אין געזיכט, איהם זאָגענדיג, אַז ער איז זיין בעסטער גוטער פריינד? ווי קען ער עס איהם זאָגען, ווערהרענד ער קוקט אויף זיין פרוי מיט אזעלכע שמאכטענדע בליקען? אָבער וואָס פאַר אַ פערברעכען איז דאָס? ער ליעבט זי דאָך ניט אום איהם צו זיין אַ שונא; ער ליעבט זי איינפאַך דערפאַר, ווייל ער ליעבט זי. די ליעבע, אָדער די נאַטור, ווייס ניט פון קיין פאָרגעשריבענע געזעצע. דאַן, ווען ער פלעגט צו זיי קומען און פלעגט זי ווען אומארמען, איז ער דען ניט געווען צו איהר מאַן דער זעלבער גוטער פריינד ווי בעפאָר? פלעגט ער זיך אַליין ניט מאַכען קיין פאָרווירפע פאַר זיינע געדאַנקען, וואָס האָבען געוואָלט אריבערטרעטען דעם גרענעץ פון דעם טבעת־קדושין? יע! און דאָך האָט ער געליעבט, געליעבט ביז צום וואַהנזין. זי האָט איהם געזאָגט, אַז זי וויל בלייבען שטאַרק, זי וויל „זיעגען". ער האָט גוט פערשטאַנען, אַז דאָס מיינט: נאָכקומען די פאָראורטהיילע פון דער וועלט, פאָלגען די פריינד און בלייבען טריי דעם מאַן, וועלכען זי ליעבט ניט מעהר. איהם האָט זי געהייסען זיך ארויסשלאָגען פון קאָפּ אַלע נארישקייטען און האָט איהם פערבאָטען זאָגאַר צו איהר אין הויז צו קומען.... האָט זי עס געטהאָן דערפאַר, ווייל זי האָט איהם ניט געליעבט? ניין! ער האָט געהערט די צובראָכענע שטימע, מיט וועלכער זי אָט ארויסגערעדט דיעזע ווערטער און ער האָט זי פערגעטערט. ער האָט זי פערגעטערט און געשעצט נאָך העכער דערפאַר, ווייל זי האָט איהם פערבאָטען זי צו זעהן; ער האָט זיך בעשלאָסען ניט מעהר צו געהן אין דער גאַס, וואו זיי וואוינען. אָבער ווי גערן וואָלט ער כאָטש נאָך איין מאָל אויף איהר אַ קוק טהאָן און דאַן.... דאַן אויסגעהן פאַר ליעבע!....

* * *

www.libtool.com.cn

אין איינע פון די שעהנע פריהלינגס־נעכט האָט מען געקענט זעהן אַ יונגען מאַן ארומגעהענדיג צומישט אין גאַס. זיינע האָר זיינען געוועז ניט פערקאַמט, דאָס געזיכט בלייך און די בליקען מעלאנכאָליש. ער האָט געשיינט זיך פאר יעמאַנדען צו היטען און האָט יעדען אויגענבליק געוואָרפען אַ בליק אויף די הייזער פון דער צווייטער זייט גאַס. פלוצלינג האָט ער אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער, האָט זיך פערקייכט און איז געפאַלען; מענשען זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען אויף דעם בייז וואונדער! מען האָט איהם אַ רעכטע צייט געמינטערט און ענדליך אַוועקגעפיהרט אין האָספּיטאַל.

צו דערזעלבער צייט איז אין איינע פון די הייזער, אויף וועלכע דער יונגער מאַן האָט געקוקט, געפאַלען אין אָהנמאַכט אַ יונגע פרוי, אַ שוואַנגערע, שטעהענדיג ביי אַ פענסטער, גאָר פלוצלינג. זי האָט דעם זעלבען אבענד מפּיל געוועזן אַ טוידטעם קינד און איז געבליבען קראַנק — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — "

דאָס איז דער טרויעריגער סוף פון דער ליעבעס־געשיכטע. טרויעריג, זעהר טרויעריג! אָבער ווי אונגעהייער נאַריש! ווער האָט זיי דען געשטערט?.....

www.libtool.com.cn

# די יתומה

ערשט נעכטען האָט מען איהר טרייען, גוטען פאָטער ארונטערגעלאָזען אין דער קאַלטער גרוב, און מיט איהם צוזאַמען האָט מען פערשאָטען און בעגראָבען איהר פרייד, איהר לוסט, איהר גליק און האָפנונג... מיט דריי טעג צוריק האָט זי זיך נאָך גליקליך געשעצט און אויף איהרע געדאַנקען איז גאָר ניט ארויפגעקומען, אז אין א פּאָר טעג ארום וועט זי זיין אזוי אונגליקליך. זי איז שטענדיג פרעהליך געווען, כאָטש זיי זיינען אָרים געווען, — ער איז איהר אלעס געווען, אי א פאָטער, אי א מוטער, אי א ברודער, אי א פריינד. איהר מוטער איז געשטאָרבען, ווען זי איז אַלט געווען א האַלב יאָהר, פון דאַן אָן האָט זי דער פאָטער אויפגעהאָדעוועט אויף זיינע אָרעמס, אלס איינציג קינד און אלס פאָרבילד פון זיין געטרייער פערשטאָרבענער פרוי.

יעצט האָט זי אויך איהם פערלאָרען און איז געבליבען א דאָפּעלטע יתומה, אָרים, עלענד, יונג און אונערפאַהרען אין דער גרויסער ברייטער, פערדאָרבענער וועלט; אָהן פריינד, אָהן בעקאַנטע און אָהן בעשיצער. דאָך ניט פון זיך האָט זי געטראַכט, נור פון איהם, איהר געטרייען פאָטער, פון וועלכען זי איז אויף אייביג אָבגעשיידט געוואָרען, און וועלכען זי האָט ניט געקענט פערגעסען. ווי א פערבלאָנדזשעט שעפּסעלע איז זי ארומגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט, זייט מען האָט איהם בעגראָבען, אזוי ווי זי וואָלט איהם געזוכט אין אלע ווינקעלעך פון דעם גרויסען, ברייטען פּלאַץ, וואו די פאַבריקען זיינען געשטאַנען... זי פלעגט עפּענען די טהיר פון דעם קליינעם הייזעל, אין וועלכען זיי האָבען געוואוינט און פלעגט זיך איינקוקען אין ביידע צימערען. און דער־

www.libtool.com.cn

זעהענדיג, ווי אלץ איז דאָרטען פּוסט און וויסט, פלעגט אויף איהר אָנפאַלען אַן אימה, אַ טויט־שרעק, און זי פלעגט די טהיר ווידער צומאַכען און בלייבען אויפ׳ן גאַס, נאָר ווען זי פלעגט יאָ אַריינ־ געהן אין שטוב און אַ קוק טהאָן אין פענסטער און זעהן דאָרטען ווייט, ביי יענעם זייט וואַלד, די שטאַרק פערשנעעטע שפּיצען פון די מצבות, ערשט דאַן פלעגט זי פערשטעהן, אַז איהר זוכען איז אומזיסט, און טרויעריג פלעגט זי לאָזען דעם קאָפּ זינקען אויפ׳ן ברוסט, קלערענדיג וועגען דעם אָרט, וואו איהר פאָטער ליעגט...

ווי זי האָט זיך דאָס פערענדערט אין דער קורצער צייט! ס׳איז אונמעגליך צו דערקענען, אַז דאָס איז דיזעלבע שעהנע, בליי־ הענדע, לוסטיגע קינד, וואָס זי איז געווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק; איהרע שעהנע פורפור־ראָזע באַקען זיינען געוואָרען איינגעפאַלען און זיינען געל, ווי וואַקס; איהרע רויטע ליפּען זיינען בלאַס גע־ וואָרען; די שעהנע בליצענדע אויגען איהרע זיינען געוואָרען מיעד און רויט פון פיעל וויינען און האָבען פערלאָרען די צויבערקראַפט, מיט וועלכע זיי פלעגען צוציהען יעדע מענשליכע האַרץ, ווען מען פלעגט אין זיי אַ בליק טהאָן; איהרע שעהנע גאָלדענע לאָקען זייי־ נען אַזוי ווי דונקעלער געוואָרען און אָהן אַן אָרדנונג זיינען זיי גע־ ווען צואוואָרפען איבער איהרע אַקסלען; פאַר קיין זאַך האָט איהר ניט געאַרט, דען וואָס קען פיהלען דער מענש פאַר שעהנקייט, ווען די זעעלע פעהלט אין איהם? און איהר האָט עס געפעהלט; איהר פאָטער איז ניט געוועזן...

* * *

דער קורצער ווינטער־טאָג האָט זיך געענדיגט צו זיין ענדע; די זון האָט אָנגעהויבען אראָפּצוזינקען, מאַכענדיג פלאַץ פאַר דער אָנקומענדער נאַכט.

אויף אַ ביינקעל ביים פענסטער זיצט די יתומה, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענד און די בליקען געווענדעט אַהין, צו יע־ נעם אָרט, וואו די מצבות שטעהען...

www.libtool.com.cn

אין צימער איז אלעם צואווארפען אהן ארדנונג, אויף די דונ־קעלע ווענט וועבען זיך די אבענד־שאטענס און שפרייטען אויס א טיעפען טרויער אויף דעם צימער און איהר איינוואוינערין. זי זיצט שטיל פערטראכט, ניט ווייסענדיג וואס זי טראכט; קיין ריהר, קיין קעהר, קיין בעוועגונג, ווי א מארמארנע סטאטוע. אין צי־מער ווערט דונקעלער, די נאכט גנב'עט זיך אריין און מאכט די הערשענדע טוידטען־שטילקייט נאך מורא'דיגער, אפילו דער וואנד־זייגער שטעהט שטיל, אזוי ווי ער וואלט געטרויערט נאך זיין גוטען בעל־הבית, וועלכער פלעגט אבהיטען איהם פינקטליך אנצוציהען, אום ער זאל קענען ווייטער געהן. — פלוצלונג הערט זיך א קלאפ אין טהיר און באלד געפינט זיך אין דעם טרויעריגען צימער א צווייטע פערזאן. „ווי קאלט דא איז", האט ער פאר זיך געמורמעלט שטילערהייט. ער איז איינעגע סעקונדען געשטאנען און האט זיך ענדליך אבגערופען: „מים שטיין!" — זי האט זיך א טרייסעל געטהאן, דערהערענדיג איהר נאמען. און א בליק טהוענדיג אויף דעם גאסט, האט זי אין איהם דערקאנט דעם פא־בריקאנט, אויף וועמעס פעקטארי איהר פאטער איז געוועזן א וועב־טער זייט יאהרען לאנג.

— איך האב מיט אייך וואס צו רעדען, ליעבעס קינד! איהר ווייסט דאך, אז איך דארף איצט האבען אן אנדער וועבטער, און דער נייער וועבטער מוז אויך וואוינען אויף דעמזעלבען פלאץ, וואו די פאבריקען שטעהען, אזוי ווי אייער פאטער האט געוואוינט.

— נו, און וואס פערלאנגט איהר פון מיר? — האט זי ער־שראקען געפרעגט, און איהר הארץ האט אנגעפאנגען מעכטיג צו קלאפען.

— ליעבעס קינד — האט ער געענטפערט — דער וועבטער דארף דא האבען זיין וואוינונג און קיין אנדער וואוינונג האב איך ניט פאר איהם, אויסער....

— אויסער וועלכע? — האט זי איהם איבערגעשלאגען.

www.libtool.com.cn

— אויסער די, וואו אייער פאטער האט געוואוינט — האט ער געענטפערט מיט א קאלטען טאן.

ווי א דונער־שלאק האבען איהר געטראפען דיעזע ווערטער; איהר קערפער האט אנגעהויבען צו ציטערען, ווי אין א פיבער, די פים האבען זיך געבויגען אונטער איהר און מאכטלאז איז זי אני־דערגעזונקען אויפ'ן שטוהל, וואס איז געשטאנען הינטער איהר. דער פאבריקאנט האט זיך דערשראקען, נאר באלד איז זיין שרעק אריבער: פון די אויגען פון דער יתומה האט זיך א גאס געטהאן א קוואל טרערען, און א ווארף טהוענדיג זיך איהם צו די פים, האט זי געכליפעט.

— האט מיטלייד מיט מיר! האט מיטלייד מיט אן עלענדע, אונגליקליכע יתומה און פערטרייבט מיך ניט פון דאנען. נאלען מיינע ווארעמע טרערען ווייך מאכען אייער הארץ, אזוי ווי דער טהוי מאכט ווייך די בלום; זאלען זיי אין אייער הארץ אויפוועקען די געפיהלען פון מיטלייד, וועלכע זיינען געווים דא ביי יעדען מענשען... איך בעט אייך, גוטער מענש, ערבארעמט אייך איבער מיר און לאזט מיך דא ווייטער וואוינען, אין דער קליינער ארעמער שטיבעל. דא אין די דונקעלע צימערען האב איך צום ערשטען מאל די זון ערבליקט אין מיין מוטער'ס ארעמס, און דא האב איך מיין גוטע מוטער פערלארען, דא בין איך אויפגעצויגען געווארען פון מיין טרייען פאטער און דאן האב איך איהם פערלארען.... דא האב איך מיינע גאלדענע קינדער־יאהרען פערבראכט, געשפיעלט, געזונגען, געטאנצט, געלאכט און געלערענט, דא האט מיך מיין צערטליכער פאטער געהאלטען אין זיינע ארעמס און האט מיך גע־קושט מיט זיינע זיסע ליפען — די קליינע דונקעלע רומס זיינען פאר מיר טהייערער ווי אלץ אין דער וועלט... ווען איך האב זיך אויסגעלערענט נעהען און שטריקען, האב איך פלייסיג געארבייט און פערפערטיגט גארדינען צו בעפוצען די פענסטער, טישטוכער האב איך אויסגעשטריקט אום די טישען צו בעדעקען, איך האב קיין מיה ניט געשפארט און האב אונזער קליינע וואוינונג פער־

www.libtool.com.cn

וואנדרעלט אין א גן־עדן. איך האב עם געטהאן אום מיין פאטער'ס הארץ צו ערפרעהען, ער זאל נאכדעם ווי ער פריהרט זיך אן די גאנצע נאכט, געפינען א ריינע שטוב, וואו זיינע מיעדע גליעדער אויסצורוהען. איך האב זיך געפרעהט, ווען ער האט זיך געפרעהט, און געוויינט, ווען ער האט געוויינט....

— אבער ווארום זאלסטו, ליעבעס קינד, יעצט דערמאנען די פערגאנגענהייט? — האט זי דער פאבריקאנט איבערגעשלאגען — וואס געוועזן איז געוועזן, וואס דארפסטו עם דערמאנען און זיך אבעסען די הארץ אומזיסט?...

— אומזיסט? אה, ניין, גוטער הערר! איך קען עס ניט פערגעסען, מעהר וועל איך אזעלכע צייטען ניט האבען, איך בעט אייך נאך אמאל, לאזט מיר דא זיין, וואו מיין פאטער האט געלעבט און איז געשטארבען, וואו יעדער ווינקעלע וועט מיך ערא־נערען אן איהם: זיינע קליידער, וואס ער האט לעבעדיגערהייט געטראגען, וועט מיר הייליג זיין אנצוזעהען דא, אויף דעם זעלבינען פלאץ וואו פריהער; דא אין די צימערען, אין דער לופט, איז נאך ניט פערקיהלט געווארען זיין אטהעם, דא בלאנדזשעט נאך ארום זיין גייסט ביי זיין טאכטער, דא זיינען נאך ניט פערשטומט געווארען די טענער פון די גיטארע, אויף וועלכע ער פלעגט שפיעלען זונטאג־צייט.

— מיין ליעבעס קינד — האט זיך דער פאבריקאנט אבגערופען מיט א קאלטען טאן — דיינע רעד זיינען אומזיסט, מיין הארץ טהוט מיר אפילו וועה, נאר איך קען דיר ניט העלפען, דער וועכטער דארף מארגען אריינציהען דא און די שטיבעל מוז לעדיג ווערען, מיינע צימערען קען איך איהם ניט אבגעבען...

— אבער איך גלויב ניט, אז איהר וועט אזוי גרויזאם זיין און וועט פון מיר אוועקרויבען מיין לעצטען טרויסט. מיין פאטער האט מיר דערצעהלט, אז ווען ער האט געהייראטה מיט מיין זעליגע מוטער און האט ביי אייך געקראגען די שטעלע אלס וועכטער, האט ער האן די שטיבעל אליין אויסגעבויט מיט די אייגענע

www.libtool.com.cn

הענד, און יעצט איז שוין נײַנצעהן יאָהר, ווי ער האָט ביי איך אָבגעדיענט און געווים האָט ער האָס רעכט, אַז די שטיבעל זאָל איהם געהערען, ווען ניט — זיין קינד נאָך זיין טויט, איך וויל דאָס אָבער ניט, איך וויל דאָ בלויז וואוינען.

—עס קען נישט העלפען!

— עס קען נישט העלפען? — האָט זי איבערגעשריען זיינע ווערטער — מיין העהר! איהר דאַרפט ניט פערגעסען צוליעב וועמען מיין פאָטער איז געשטאָרבען!

— צוליעב די מערדער, וועלכע האָבען איהם געשאָסען.

— יאָ, דאָס איז אמת! אָבער היטענדיג אייער פאַבריק, אייער גוטס, אייער האָב! ווען ער האָט בעמערקט, אַז מען וויל גנב'ענען, האָט ער, אַלס עהרליכער, געטרייער מענש, אָנגעפאַנגען צו שרייען — און זיי, די רויבער, דערזעהענדיג אַז ער האָט זיי געשטערט, האָבען פון איהם ראַכע גענומען און האָבען איהם געשאָסען; צאַפּלענדיג זיך אין זיין בלוט האָט איהר איהם געטראָפען, ווען איהר זייט צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו מיין פאָטער איז שוין געלעגען האַלב־טויט, און איידער ער האָט זיין ריינע זעעלע אויסגעהויכט, האָט ער איך געבעטען איהר זאָלט זיין הער בעשיצער פון זיין קינד, וועלכע בלייבט א יתומה צוליעב איך... און יעצט, אַך, יעצט ווילט איהר מיך פון דאַנען פעריאָגען... — זי האָט מעהר ניט גערעדט, א שטראָם טרערען האָט איהר די שטימע פערשטיקט.

— אַלעס אומזיסט, מיין ליעבעס קינד — האָט דער פאַבריקאַנט געענטפערט קאַלט. — איך דאַרף מאָרגען האָבען די הויז א לעדיגע. נאָר ווייס, אַז איך בין אויך ניט קיין וואַלד־גזלן! איך האָב אויך א מענשליכעס הערץ, וואָס פיהלט דעם צווייטענס וועה... איך וועל דיר ניט שיקען אין דער גרויסער בריטער וועלט, נאָר איך וועל דיר געבען א פּלאַץ אין איינעם פון מיינע שפּייכלערס, דו זאָלסט דאָרטען קענען דיינע זאַכען אַנידערלעגען, און קיינער וועט זיי דאָרט ניט ריהרען, און דיך וועל איך צונעהמען

www.libtool.com.cn

צו זיך אין שטוב, דו וועסט דאַרטען הערפען עפּעס אין די שטוב־אַרבייט, און מעגסט זיכער זיין, אז דיר וועט ניט פעהלען !...

— אַלעס, אַלעס וועל איך טהאָן, איך וועל געהן ביי אייך דיע־נען, זיין אַ דיענסט, יא, אלעס, אָבער דאָס ניט, איך קען פון דאַ־נען ניט געהן. סיידען מען וועט מיך ארויסטראָגען אַ טויטע פון דאַנען, צוזאמען מיט די זאַכען.....

— אויב אזוי, האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו רעדען — האָט זיך אָבגערופען דער פאַבריקאַנט, און ארויסגעהענדיג פון שטוב, האָט ער פאַר זיך געמורמעלט:

— זי וועט שוין געהן פון האַנען אַ לעבעריגע...

* * *

אין צימער איז דערווייל גאַנץ פינסטער געוואָרען, נאָר די האַלבע לבנה, וואָס פלעגט זיך עפּעטערם בעהאַלטען הינטער די וואָלקענס, האָט פערשפּרייט אַ שוואַכע ליכטיגקייט. דער פּראָסט האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו ווערען און אַ שניידענדער ווינד האָט געטרייסעלט די לאָדענס פון הויז. די אונגליקליכע, נאָך דעם ווי זי האָט איהרע לעצטע ווערטער געענדיגט רעדען, האָט זי זיך אני־דערגעזעצט אויף איהר פריהערדיגען אָרט און איינגראָבענדיג דאָס געזיכט אין די הענד, האָט זי שטיל געוויינט. ווען זי האָט איהר קאָפּ אויפגעהויבען, איז דער פאַבריקאַנט שוין געווען ארויסגע־גאַנגען. זי איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער פערטראַכט... איהרע געדאַנקען האָבען זיך גענומען מישען. ווילדע, משוגע'נע רעיונות האָבען זיך גענומען טומלען אין איהר קאָפּ... אַ געהיימער טוידט־שרעק האָט זי ערגריפען און זי האָט גענומען וואַרפען וויל־דע בליקען אין די ווינקלען פון צימער, איהר האָט זיך געדוכט, אז שוואַרצע גייסטער קריכען ארויס פון דער ערד און ווינקען צו איהר מיט זייערע דאַרע, ביינערדיגע פינגער.... אין דעם געראויש פון דעם ווינד האָט זי געהערט פערבאָרגענע דומפּפע גייסטער־שטימען, און

www.libtool.com.cn

זי האָט אָנגעפאַנגען צו ציטערען פאַר איהר אייגענעם שיין און איז ארויסגעלאָפען פון שטוב, ניט נעהמענדיג אויף זיך קיין טוך און קיין מאַנטעל. זי איז געבליבען שטעהן אויפ'ן הויף און האָט מיט ווילדע בליקען בעטראַכט די שוואַרצע, פערוויכערטע געביי־דעס, אין וועלכע עס האָט זיך מעהר קיין פייער ניט געזעהען, ווייל די ארבייטער זיינען אַוועק אהיים. נאָר דאָרטען ווייט, ביין צוויי־טען ברעג, האָט זיך יא געזעהן פייער, און פרעהליכע זיסע קלאַוויר טענער האָבען זיך געטראָגען צו איהר אויער, — דאָרט האָט גע־וואוינט דער פאַבריקאַנט.... זי האָט גענומען לאַנגזאַם ארומשפּאַ־צירען איבער'ן הויף. באלד איז זי שטעהן געבליבען און האָט א ווילדען געשריי געטהאָן. זי איז צוגעקומען צו דעם פלאַץ, וואו מען האָט איהר פאָטער ערמאָרדעט, און איהר האָט זיך אָבגע־דוכט, אז זי זעהט איהם קייקלענדיג זיך אין זיין בלוט. „ניין, ניין, ניין!“ האָט זי אויסגעשריען, „עס קען ניט זיין, מיין פאָטער לעבט און וועט לעבען!...“

און באלד האָט זי זיך געלאָזט לויפען צום טויער און מיט ווילדער האַסט האָט זי די פאָרטקע געעפענט און איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן פעלד, און פון דאָרט גלייך אויף יענעם זייט, ביין וואַלד, וואו די מצבות זיינען געשטאַנען. דער שטורם־ווינד האָט ארומ־געוואָרפען איהר פונאַנדערגעלאָזטע האָר, נאָר איהר האָט עס ניט געקימערט; ווען זי האָט דערזעהן איהר פאָטער'ס קבר, איז זי גלייך אויף איהם אנידערגעפאַלען, און נאָם איז געוואָרען די פער־פרוירענע ערד פון איהרע הייסע טרערען. — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגען פריה זיינען צוגעפאָהרען אין א שליטען צום וועכטער'ס הויז דער אויפזעהער פון פאַבריק און א פאָר אַרביי־טער, וועלכע האָבען געקראָגען דעם בעפעהל ליידיג צו מאַכען די שטוב. דערזעהענדיג, אז אין שטוב איז קיינער ניטאָ, האָט מען עס גלייך געשיקט מעלדען דעם פאַבריקאַנט, וועלכער איז גלייך

www.libtool.com.cn

געקומען און האָט געהייסען זי זוכען. מען האָט זי געפונען ביי'ם פאָטער אויפ'ן קבר, פערפרוירען ווי א שטיק אייז...

„זי האָט געמוזט משוגע ווערען", האָט דער פאַבריקאַנט פאַר זיך געמורמעלט, און ווענדענדיג זיך צו די דערביישטעהענדע פערזאָנען, האָט ער זיך מיט אַ יראת שמים פנים אָבגערופען:

„גאָט איז מיין עדות, אז איך בין ניט שולדיג..."



www.libtool.com.cn

# צוויי דורות

(בעאַרבייטעט נאָך דעם דייטשען)

מען האָט איהם געבראַכט צו זיינע עלטערען אין הויז, ער זאָל דאָרטען שטאַרבען. די מוטער האָט איהם געוואָלט האָבען ביי זיך. איהם האָט עס ניט געאַרט: שטאַרבען אין דער־היים אָדער אין האָספּיטאַל איז קיין חילוק ניט.

ער איז געלעגען שטיל אויף זיין אייזערנער בעטעל, בעטראַכטענדיג די דונקעלע, געלב־געקאַלכטע ווענד, וואָס האָבען אויסגעשפּרייט אַ מעלאַנכאָליע אויפ'ן צימער.

לעבען זיין בעט איז געשטאַנען די מוטער און האָט אָבגעשאָרט די האָר פון זיין שטערען.

ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צו איהר און האָט געזאָגט מיט אַ שוואַכע שטימע:

— ווי שעהן עס איז היינט אין דרויסען! מאַמינקע, דו וועסט האָבען אַ שעהנעם פריהלינג.

— איך, מיין קינד? ניין, מיר! מיר ביידע!

— ניין, מאַמינקע, ניין, איך וועל דאָס ניט דערלעבען.

די מוטער האָט זיך דערשראָקען פון זיינע רייד און האָט איהם געטרייסט:

— זאָג עס ניט, מיין קינד, זאָג עס ניט, דו וועסט נאָך לעבען!

— אַך, מאַמינקע, איך פיהל, אַז איך וועל ניט לאַנג ציהען!

זי האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האָט איהם ווידער געטרייסט:

www.libtool.com.cn

— גאָט, דער גוטער, דער בארמהערציגער גאָט, וועט דיר העלפען, מיין קינד!

דער קראַנקער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— ווי, גאָט?

די מוטער האָט האַלב־דערשראָקען אָנגענומען זיין האַנד:

— ווי, מיין קינד, דו גלויבסט גאָר ניט אין גאָט?

דער קראַנקער האָט איהר ניט געענטפערט. זי האָט איהם אַ ווײַלע בעטראַכט מיט טרויעריגע בליקען, דאַן האָט זי מיט אַ שטימע פון געבעט איהם ווידער געפרעגט:

— גלויבסט ניט אין גאָט?

דער קראַנקער האָט אויך דעם מאָל ניט געענטפערט. די מוטער האָט איהם שאַרפער אָנגעקוקט און האָט געזאָגט מיט אַ שטאַרקערען, האַלב בעפעהלענדען טאָן:

— דאָס קען ניט זיין, דו מוזט גלויבען!

דער קראַנקער האָט איהר שטיל געענטפערט:

— איך וויים וואָס איך טהו, מאַמע, איך וויים...

— זוהן מיינער, איך בעט דיך, זאָג מיר אַז דו גלויבסט!

— און וואָס וועט עס העלפען?...

— גאָט איז בארמהערציג, ער וועט דיך היילען פון דיין קראַנקהייט.

דער קראַנקער האָט ווידער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, און די מוטער האָט איהם ווידער געבעטען:

— זאָג מיר, מיין קינד, זאָג מיר, אַז דו גלויבסט!

— זאָל איך זאָגען ליגען פאַר'ן טויט?

— פאַר'ן טויט? ניין, ניין, מיין קינד! דו דאַרפסט ניט, דו טאָרסט ניט שטאַרבען!

די טרערען האָבען פערשטיקט איהרע ווערטער. זי האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער איהם און האָט איהם גענומען האַלזען. הייסע טרערען האָבען געקאַפּעט אויף דעם קראַנקען'ס אויסגעדאַר־

www.libtool.com.cn

טען פנים. דער קראַנקער האָט זי געטרייסט און בערוהיגט. די אָפענע פענסטער, לעבען וועלכע דער קראַנקער איז געלעגען, זיינען אויסגעקומען צו אַ גאָרטען, ווי עס איז געוועהנליך אין די קליינע לאַנד־הייזער. הינטער'ן גאָרטען האָבען זיך געצויגען גרינע לאָנ־קעס, וואָס האָבען געדרעמעלט אין דעם הייסען שיין פון דער זון. עס איז געווען מיטאָג־צייט. פון וויטען האָט זיך געהערט דער געזאַנג פון פויגעל. אַ קרעפטיגער בשמים־דופט האָט זיך געטראָגען פונ'ם נאָהענטען וואַלד צום פענסטער. מיט גרויס צופריעדענהייט האָט ער איינגעזויגען די פרישע לופט און מיט אַ צופריעדענער מיענע האָט ער בעטראַכט די וואונדערשעהנע נאַטור, פון וועלכער ער האָט זיך באַלד געדאַרפט שיידען. ער איז געווען שטאַרק אין מוטה, ער האָט שוין געשלאָסען דעם חשבון מיט זיך אליין און אונטערגעצויגען די אונטערשטע שורה... דאָך די שמערצען, וואָס ער האָט געדאַרפט פערשאַפען די מוטער דורך זיין איבערציי־גונג, האָט איהם געדריקט דאָס הארץ.

— לאָז מיך רוהיג שטאַרבען, מאַמינקע! עס מיר ניט אָב מיין צופוילטעם הערץ.

די מוטער האָט איהם אָנגעקוקט מיט סטאַרע בליקען. קיין טרער האָט זיך אין איהר אויג ניט בעוויזען. דאָך אז ער האָט זי וויטער געטרייסט, האָט זי געזאָגט:

— גאָט וועט צוהערען מיין געבעט און וועט דיך ניט אוועק־רויבען פון מיר. און ווען... ווען ער וועט דיך יאָ צונעהמען... וועלען מיר זיך טרעפען דאָרטען... דאָרטען...

איהרע רייד האָבען דעם קראַנקען אביסעל בעוועגט. ער האָט זיך אויפגעהויבען אין קישען אביסעל העכער. עס איז איהם שווער געווען צו זאָגען, וואָס ער דענקט. ער איז געווען מיעד פון רעדען. ער האָט געקעמפפט מיט זיך, צי זאָל ער זאָגען וואָס ער מיינט אָדער ניט. אָבער באַלד איז איהם בעפאַלען דער הוסט און ער האָט נאָר געקענט בעוועגען דעם קאָפּ אַלס צייכען, אז ער איז ניט איינשטימיג מיט איהרע רייד. דאן איז ער צוריקגעפאַלען

www.libtool.com.cn

אין קישען, מיעד פון אנשטרענגען זיך. די מוטער האט ניט אבגעלאזען זיין האנד און האט איהם געמוטשעט:

— זוהן מיינער, זאג עס מיר, דו גלויבסט ניט אין יענער וועלט? גלויבסטו ניט אין א לעבען נאכ'ן טויט? ניין, ניין, דאס איז אונמעגליך, זאג מיר, גלויבסטו ניט אין עולם הבא?

דער קראנקער איז געווען רוהיג. זיינע גרויסע אויגען, וואס האבען זיך ארויסגעשפארט פון קאפ און האבען געגעבען זיין בלייכען פנים נאך א שרעקליכערען אויסזעהן, האבען גערוהט מילד, מיט מיטלייד אויף דעם געזיכט פון זיין מוטער. פאמעלעך, מיט א זאנפטען טאן האט ער אנגעהויבען צו ריידען:

— וואס ווייסט איהר פון יענער וועלט? צו וואס?... איך נעהם פון דיר אבשייד דא אויף דער ערד. מיר זעהען זיך קיינמאל ניט וויעדער. נאכ'ן טויט בין איך ניט מעהר ווי א הייפעל שטויב.

און דאן האט ער איהר געזאגט, ווי זעהר ער וויל רוהען; ער האט קיין מורא ניט פאר'ן טויט. און ער האט זי געבעטען, זי זאל זיין אזוי שטארק אין מוטה ווי ער, זי זאל איהם ניט פערביטערען זיינע לעצטע לעבענס־שטונדען. די מוטער איז אבער פון איהם ניט אבגעטראטען און האט געבעטען ער זאל ניט ריידען אזעלכע רייד, עס איז חילול השם.

פון איהרע רייד איז ער מיעד געווארען. ער האט זיך אומגעקעהרט צום וואנד און איז אנטשלאפען געווארען. די מוטער האט פון זיין בעט ניט אבגעטראטען און האט שטילערהייד גאט געבעטען, ער זאל ראטעווען איהר קינד.

* * *

דערווייל איז געווארען פינסטער. דער דאקטאר איז געקומען און אוועקגעגאנגען, אונבעמערקט פון דעם קראנקען, דען ער האט נאך געשלאפען.

www.libtool.com.cn

די מוטער איז נאָך אַלץ געזעסן ביי זיין בעט און האָט געקוקט אויף זיין געזיכט, וואָס איז געווען געל ווי וואַקס.

דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט אויפ'ן טיש, האָט פּערשפּרייט אַ שוואַכן שיין. די שטראַהלען האָבען אַרומגעטאַנצט אויף דער דעקע, מיט וועלכע דער קראַנקער איז געווען צוגעדעקט, אַזוי ווי געשפּענסטער. אַ טיעפע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. פּלוצלינג האָט דער קראַנקער געעפענט די אויגען און די מוטער האָט אָנגענומען זיין האַנד:

— ווי פיהלסטו זיך מיין קינד, איז דיר אַביסעל בעסער?

ער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, דען די שמערצען האָבען איהם אַביסעל אָבגעלאָזען פאַר'ן טויט. ער האָט געפיהלט, אַז באַלד, באַלד וועט ער אויסגעהן, אַז באַלד וועט דער טויט אוועק־טראָגען זיין לעבען אין זיינע שוואַרצע פליגלען. ער האָט עס געזאָגט דער מוטער, זי איז פערציטערט געוואָרען. מיט שרעק האָט זי ארויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין האַרץ צו פיהלען, ווי עס שלאָגט, האָן האָט זי אַ טאָפּ געטהאָן דעם שטערען. טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען. זי האָט איהם ווידער געבעטען און בעשוואָרען ער זאָל איהר זאָגען, אַז ער גלויבט אין יענער־וועלט און זאָל זאָגען ווידוי פאַר'ן טויט. זי האָט איהם געקוועלט, געפּיי־ניגט מיט איהרע רייד אַזוי לאַנג, ביז פון דעם קראַנקען'ס ברוסט האָט זיך ארויסגעריסען אַ הייזעריגער געשריי פאַר שמערץ:

— מאַמע, מאַמע, אויב איך וואָלט ניט געשטאָרבען פון מיין קראַנקהייט, וואָלט איך געקענט שטאַרבען פון דיינע רייד.

דאָך די מוטער איז פון איהם ניט אָבגעטראָטען:

— זוהן מיינער, איך קען ניט אַנדערס, איך וועל ניט קענען רוהען אין קבר נאָך מיין טויט, ניין, מיין קינד, איך מוז זעהן אַז מיין קינד זאָל שטאַרבען ווי אַ איד, מיט ווידוי.

דער קראַנקער האָט שווער געקרעכצט. אָבער די מוטער האָט ניט געשוויגען:

— מיט וואָסערע אויגען וועל איך קענען אריינגעהן אין אַ

www.libtool.com.cn

שול גאָט בעטען! זוהן מיינער, האָב רחמנות, זאָג מיר, אז דו גלויבסט!

דעם קראַנקענ׳ס ברוסט האָט זיך שווער געהויבען. די מוטער האָט ווידער געבעטען:

— גלויבסטו אין גאָט? זאָג יא, מיין קינד, זאָג יאָ!

דער קראַנקער האָט געשוויגען.

— גלויבסטו אין יענער וועלט? גאָט וועט דיר פאַר אַלץ מוחל זיין, ווען דו וועסט אין איהם גלויבען, זוהן מיינער! גלויבסטו?

ער האָט מעהר ניט געקענט פערטראָגען איהרע רייד און מיט די לעצטע כחות האָט ער זי געבעטען:

— מאַמינקע, האָב רחמנות, לאָז מיך, לאָז מיך!...

— איך קען דאָס ניט, איך טאָר דאָס ניט, איך וועל ניט האָבען קיין מנוחה אין קבר.

און ווידער האָט זי זיך אַריבערגעבויגען איבער איהם, האָט איהם אַרומגענומען און געמאַטערט מיט איהרע פראַגען און ביטען, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסרייסען די נשמה פון זיין גוף.

— מאַמע, האָב רחמנות אויף מיר, לאָז מיך... לאָז מיך... פערביטער מיר ניט די לעצטע מינוטען!...

דאָך די מוטער האָט איהם ניט געהערט און מיט אַ בעפעלענדען טאָן האָט זי געזאָגט:

— דו מוזט גלויבען, הערסט, דו מוזט גלויבען!

דעם קראַנקענ׳ס געזיכט האָט זיך אָנגעצונדען מיט דעם גלוט פון איבערצייגונג און ער האָט אַרויסגעקרעכצט:

— לאָז מיך שטאַרבען, מאַמע, פערשטעל ניט דעם טויט די וועג.

די מוטער איז געוואָרען בלייך ווי קאַלך פון זיינע רייד:

— ניין, דו דאַרפסט ניט שטאַרבען איידער דו טהוסט תשובה!

ער האָט איהר ניט געענטפערט. זי האָט ווייטער גערעדט:

— זוהן מיינער, מיין איינציגער זוהן, זאָג מיר אז דו גלויבסט אין יענער וועלט!

www.libtool.com.cn

ער האָט דאָס שוין מעהר ניט געקענט אַריבערטראָגען. ער האָט צונויפגענומען די לעצטע קרעפטען, האָט זיך אַ הויב געטהאָן אין קישען און האָט איהר אָבגעשטויסען פון זיך מיט די ווערטער:

— מאַמע, מאַמע, לאָז מיך שטאַרבען!

די מוטער איז אָבגעטראָטען הינטערוויילעך און איז געבלי־בען שטעהן ניט ווייט פון בעט, זי האָט פערבראָכען די הענד און האָט געשעפטשעט:

— רבונו של עולם, גוטער גאָט, האָב רחמנות, העלף מיר... לאָז מיר מיין קינד... העלף איהם... העלף מיר...

איהר געבעט איז פערשטומט געוואָרען אויף איהרע ליפּען. זי איז ווידער צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געפרעגט מיט אַ הויכער פייערדיגער שטימע:

— מיין קינד, זאָג מיר: גלויבסטו אין גאָט? — איהר שטימע האָט געקלונגען וויסט דורך דער נאַכט. דער קראַנקער האָט זיך געוואָלט האַסטיג אויפהויבען, אָבער זיינע קרעפטען האָבען איהם ניט געלאָזען.

נאָך אַמאָל האָט זי איהם געפרעגט, און אין איהר שטימע האָט געציטערט אַ ווילדער שמערץ:

— גלויבסטו אין גאָט?

זיין טויט־מיעדע זעעלע האָט געקעמפּפט מיט דעם ליגען, ער האָט געוואָלט שטאַרק בלייבען. ער האָט געפיהלט אַ ברענענדיגען פערלאַנג צו זיין אליין. נאָר אליין... אליין... און ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד, זי זאָל איהם לאָזען אליין... דאַן איז ער געבלי־בען ליגען רוהיג און איז ענטשלאָפען געוואָרען. די מוטער איז געזע־סען אַ רעכטע צייט און האָט געוויינט קוקענדיג אויף איהם. עס האָט איהר אָנגעהויבען צו שלעפערען און זי איז שטיל אויף די שפּיץ־פינגער אַרויסגעגאַנגען אין קיך, זיך צולעגען... דער קראַנקער האָט זיך אויפגעכאַפּט. זיינע לעצטע מינוטען זיינען געקומען. דער קאַמפּף צווישען לעבען און טויט איז געווען שווער, אָבער ער האָט געקעמפּפט עהרליך און מוטהיג, אליין אין דער פינסטערער נאַכט,

www.libtool.com.cn

אַהין דעם גלויבען אין אַ בעסערער וועלט, אַהין וידוי... אַליין איז ער אויסגעגאַנגען... אין דער פינסטער, דען די ליכט האָט אויסגע־ברענט...

אַז עס איז געוואָרען טאָג און די זון האָט אריינגעשיינט דורך די פענסטער, איז די מוטער געזעסען אויף דער ערד, נעבען איהר טויטען זוהן און האָט ביטער געוויינט...

www.libtool.com.cn

# צו וואָס די גרויסע שטעדט?

ווייט פון טומעל פון דער גרויסער שטאדט, ווייט פון איהרע דונקעלע שאטענדיגע הייזער, עלענדע געשטאלטען, ברוטאלע און פערבעכערישע געזיכטער; פון איהרע טויזענדער, טויזענדער טרויעריגע סצענען פון עלענד און פערברעכען, זיץ איך אליין און בעטראכט די גאסען פון דיזער רוהיגער, שעהנער, קלײנער, דאָך לעבהאפטער שטאדט. מיעד פון דעם טומעל און דעם גיכען, זודיגען, שטראָמיגען לעבען פון דער גרויסער וועלט-שטאדט, פרעה איך מיך אליין מיט דער שטילקייט ארום מיר, ערלויב מיין גייסט זיך איינצושטילען, צו ערהאָלען זיך, און איינצופערטיגען זיך אין דער איינזאמקייט און שטילקייט פון דער נאטור. גערן לאָז איך דעם ווינטעל וועהען אין מיין צימער, גלעטען מיינע האָר און מיין נאקען; גערן לאָז איך מיך איינשלעפערן פון דער זיסער לופט, און גערן דענק איך פון די פיעלע סצענען, שעהנע גאסען, געביידען, גערטנער, גרינסען, פאָנטאנען, סטאטוען און לעבהאפטע, געזונדע, פרישע, פרעהליכע מענשען און געשעפטען.

אָט שטעהט מיר א גאס פאר די אויגען. דער מיטען גאס איז געפלאסטערט מיט קליינע שטיינדלעך, שאָרסטקע אָבער בעקוועם פאר דער פאָדקאָווע פונ'ם פערד'ס פוס, און גלאט גענוג פאר דעם וועלאָסיפעד־פאָהרער, וועלכער קומט שוועבענדיג פון ווייט אוועק, אונטער די גרינע צווייגען, אין ווייסען אנצוג און ווייסען הוט. פון ביידע זייטען גאס זיינען געפלאנצט הויכע, דיקע, געזונדע, רייך־צווייגיגע אולמען־בוימער, וועלכע מאכען א מין גרינעם דאך איבער דער גאס און בעשאָטענען די הייזער פון ביידע זייטען, רייך זיך אָבשלאָגענדיג מיט די לעבהאפטע קאָלירען פון די געביידען. די

www.libtool.com.cn

הייזער שיינען צו רוהען אין אנגענעהמער געמיטהליכקייט אויף זייערע גרינע, ווייכע גראָז־פּלעצער, אָפּט ארומגעריגגעלט מיט א קליינעם, שעהן־געבויטען און געפּארבטען צוים, און, — צום הויף־צו — מיט קלענערע אָדער גרעסערע גערטעלעך, און בעסעדקעס איינגעדעקט און ארומגעפּלאָכטען מיט ווייןטרויבען־צווייגען. די הייזער זיינען צוויי אָדער, העכסטענס, דריי שטאָק הויך, ברייט, גערוים, ליכטיג, אנגענעהם, פעסט, שטארק, בכבוד׳יג, בעל־הבתיש רייך און פערפּוצט מיט ברייטע גאנקעס, שעהנע ווערא נדעס, דאך־שטיבלעך און דאך־טהורעמלעך. די צימער אינוועניג זיינען שעהן מעבלירט, ריין, זויבער, ציכטיג, אנגענעהם; ווארעם אין ווינטער און לופטיג אין זומער; קיהל און בעשאטעט פון די בוימער פון גאס און פון די גערטנער, וועלכע זיינען רייך אין אלערליי פרוכטען, ווייכעם גראָז, און אָפּט אין די רייכסטע, שעהנסטע גרינסען צום עסען.

צום גאס־צו, צווישען די הייזער, אויף די גרינע גראָז־פּלעצער, אָדער אויף די פּארענצעס פון די גאנקעס, שטעהען אָדער ליעגען שעהנע, ווייסע סטאטועז פון גריעכישע פיגורען; אָדער הירשען מיט אָפענע נאָז־לעכער, פונקט ווי זיי וואָלטען געשמעקט דעם דופט פון פרישען וואלד; אָדער נאָכגעמאכטע הינד ליעגענדיג מיט די פּאָדערסטע לאַפּעס אויסגעשטרעקט, אָנקוקענדיג יעדען מיט רוהיג־קייט און ליעבע.

אָפּט זעהט מען די איינוואוינער אויף די גאניקעס, אָדער אין די גערטנער, — עלטערע פרויען מיט גרויע האָר, — שעהן און רייך אין אויסזעהן, גוטמוטהיג און עדעל, רוהיג און זיכער אין זייער תענוג פון לעבען, און פריינדליך, ווי עס שיינט, צו אלעמען; מענער מיט שעהן־ענטוויקעלטע מוסקולען, מיט א געזונדער פּארב אין די פּנים׳ער, מיט שעהנע, עדלע מאנערען, הויכע שטערענס און קלאָרע אויגען; געוועהנליך בעלי־בתים וועלכע פערדיענען זייער לעבען אין געשעפט, אָדער דורך ארבייט וועלכע בעצאָהלט זיך גוט. אָפּט זעהט מען אלטע, גאנץ אלטע פרויען, אָן וועמעס שעהנע קער־

www.libtool.com.cn

פערם, ראָזעווע באַקען, גריעכיש־עדעלע געזיכטסציגע און זילבער־גרויע געקרייזעלטע האָר עס איז לייכט צו דערקענען, אַז זיי זיינען געווען גרויסע שעהנהייטען אין דער יוגענד, אַז זיי האָבען געלעבט אַ שטילען, רוהיגען, געזונדען, האַרמאָנישען לעבען אָהן לאַסטער, זינד און פערברעכען; זיי האָבען זיך געעלטערט אין דער ליעבע פון זייערע מענער, זיהן און טעכטער, און דערלעבט אייניקלעך ניט פערהדונקעלט ווערענדיג פון די שאָטענס פון אַלטקייט און זאָרג. קינדער זעהט מען, שעהן געקליידעט, לעבהאַפט, געזונד און פריש, ווי די בלומען אין קיהלען, זוניגען וואַלד; פרעהליך און לעבהאַפט, ווי יונגע זונענשטראַהלען, בליהענדיג ווי די בליהענדע נאַטור אַליין, — קינדער אין וועמעס אָדערען עס פליעסט דאָס ריינע און געזונדע בלוט פון געזונדע עלטערן, און פון וועמעס אויגען עס שטראַהלט די לעבענס־לוסט, די פרייד פון דער יוגענד, פון דעם יונגען בליהענדען פערשטאַנד, אין דער פאַרבענרייכער געזונדער קינדער־פאַנטאַזיע, — קינדער, ווי מען טרעפט אָפט אין די שילדע־רונגען פון די גרויסע ראָמאַנטישע דיכטער. שעהן זיינען די סצענען וועלכע די איינוואוינער שטעלען מיט זיך פאָר, — עס איז שעהן צו זעהן דאָס אַלטער געקרוינט פון לוסט און ליעבע, די מענליכקייט שטאַרק אין דעם געפיהל פון אַרבייט און פערטרויען, די פרויען צופריעדען מיט זייער מזל, מיט זייער הויזליכען און דער־נאָך גייסטיג־פרייען לעבען, און די קינדער ארומטאַנצענדיג און אַרומשפּרינגענדיג, מיט גליהענדע געזיכטער און גאָלדענע, פלאַטערנדע האָר, אין דער פריידיגער זון פון לעבען!

רוה, פריעדען, הרחבה, געזונד, קערפּערליכע און גייסטיגע לעבענס־פרייד, די געזונדע רויטקייט פון לעבען און געניס, די אינערליכע פרייד פון דאָס הערץ, די קלאָרקייט פון גייסט, די זאָרג־לאָזיגקייט און זיכערקייט פון לעבען איז קענטיג איבעראַל.

איך געה דורך די גאַסען. הונדערטע שעהנע, קליינע, ליעב־ליכע הייזער גריסען מיך פון אונטער די בוימער; קינדער שמייכ־לען צו מיר, לוסטיגע אינגלעך גריסען מיך און קוקען מיך אָן אַזוי

www.libtool.com.cn

פערשטענדיג און קלוג; זאָגאר די פּאָליציי־ליייט זעהען אויס אַזוי אַנשטענדיג, אַזוי מענשליך, אַזוי אויסגעפּיינט; דאָ און דאָרט בויגט זיך אַן אַלטע פרוי אין איהר גערטעלע אָבצורייסען אַ פּאָר פערוועלקטע בלומען, אָדער אָנצוקלייבען אַ בוקעט פאַר איהר בלומענוואַזע; דאָ און דאָרט זיצט אַן אַלטער מאַן לעזענדיג זיין ציייטונג, רויכערנדיג אַ פּיפּקע, קענטיג צופריעדען און בעקוועם, פּיהלענדיג דעם פערגניגען פון דעם וועטער און פון די נייעס; דער פרעהליכער געלעכטער פון קינדער, דער גלאַנץ פון שוואַרצע, שטראַהלענדע אויגען, די פרישקייט פון דער לופט, דער דופט פון די גערטנער, די שעהנקייט פון די הויכע בוימער און די לאַנגע, גלאַטע, מיט בלומען־פערפּוצטע גאַסען, — די האַרמאָניע, די אַנגענעהמליכקייט און פרעהליכקייט פון די שטילע, שאַטענדיגע ווינקעל און גאַסענווענדונגען, די שעהנקייט פון די הענגענדע בלומענטעפּ, פון די גירלאַנדען און האָפּענפּלאַנצען, וועלכע פערציערען די רייכע באַלקאָנען און פלעכטען זיך אַרום די זיילען, וואָס האַלטען זיי אויף; די גרויסע, אָפּט בערגיגע גראָז־פּלעצער, מיט די איינציגע, טעמפּעל־אַרטיגע געביידען וועלכע שטעהען אויף זיי און עראינערן איינעם אָן די אַמאָליגע גריעכישע טעמפּעל, — די גרויסע, יאָהרהונדערט אַלטע בוימער, סטיעזקעס און גרינע ביינק, די פיעלע, פיעלע ליעבליכע סצענען — הייזער, פאַרבען און מענשען עראינערן אונז אַזוי שטאַרק אָן אַ צייט פון אַ רוהיגען, שטילען, פריעדליכען, געזונדען און פרישען לעבען און מאַכען אונז האַסען אַזוי שטאַרק די גרויסע שטאָדט מיט איהר פינסטערנים, מיט איהרע שאָטענס, לאַסטער און פערברעכען, מיט איהר רויש און נערוועןרייסעריי,* מיט איהר איילעניש און כאַפּעניש און ברענעניש, — וואו די הענד הויבען אָן טרייסלען אין אויפרעגונג איידער מען טהוט אָן דעם נעקטאַי צו לויפען צום באַל צו דער הונדערטער אָדער אַכטציגסטער שטראַסע, אָדער דער גייסט גיסט זיך אויס אויף די לאַנגע, גליטשיגע טראָטואַרען אַזוי ווי טינט, און דער קערפּער

www.libtool.com.cn

ווערט דין און דאַר, און דאָס געזיכט אָבגעבלאַקירט פון די פיעלע אנשטרענגונגען.

ווי גערן וואָלט איך די מענשען געזעהן אזוי לעבענדיג, רוהיג און פריעדליך אין קליינע, שעהנע שטעדט, פעראייניגט אין זייער דענקען און פיהלען, גליקליך אין פרייהייט, אין ארבייט, אין וויסען, אין בילדונג, אין דעם גענוס פון דער קונסט, פון דער פרייער, אונ־געצוואונגענער, ניט געקויפטער ליעבע פון פרויען, ניט פערקריפעל־טען, געזונדען דאַזיין.



www.libtool.com.cn

# קאַפּיטאַל׳ס קרבנות

מאַלבערי סטריט. אַ קליינער שמוציגער צימערל אויף אַ טאָפּ פלאָר. דער סילינג איז שוואַרץ, פון די וועגד איז דער קאַלך ערטערווייז אַרונטערגעפאַלען און ערטערווייז פערשימעלט. דער קליינער פענסטערעל איז פערשטעקט מיט שמאַטעס און אָנגעפּראָרען מיט אייז. אין איין ווינקעל שטעהט צוגעשפּאַרט צום וואַנד אַן אַלט טישעל אויף דריי פיסלעך, נעבען איהם אויף דער ערד ליעגט אַ שוואַרצע שיך־פּוצערס קעסטעל, און אַ פּאָר צובראָכענע פלעשלעך וואַלגערען זיך אַרום. איבער׳ן טישעל, אויפ׳ן וואַנד, הענגט אַ קליינער לעמפּעל, וועלכער ברענט מט אַ קליין פייערל און לאָזט פון זיך אַ שטיקענדען רויך. אין אַ צווייטען ווינקעל שטעהט אַ צובראָכען בעטעל, אין וועלכער עס ליעגט אַ קראַנקע פרוי. איהר געזיכט איז געל און אויסגעדאַרט; די ביינער שטאַרטשען אַרויס פון די באַקען; איהרע צוגעמאַכטע אויגען זעהען אויס ווי אַ פּאָר שוואַרצע צוגעמאַכטע גריבער. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם בעוועגט זיך איהר ברוסט, קוים צו מערקען אז זי לעבט. נעבען בעט אויף אַ ביינקעל זיצט אַ אינגעל פון אַ יאָהר צעהן, האַלטענדיג אַ האַנד אין אַ האַנד, און דרעמעלט. זיינע קליידער זיינען פערשמוצט און צופּליקט אין ברעקלעך, זיין געזיכט איז מאָגער און אויסגעשמירט אין שוה־שוואַרץ. יעדען אויגענבליק גיט ער זיך אַ טרייסעל פון שלאָף און קאָרטשעט זיך מעהר צונויף, ציטערנדיג פאַר קעלט. אַ טויטענשטילקייט הערשט אין צימערל, נאָר צייטענוויז הערט זיך אַ שווערער קרעכץ, וועלכער רייסט זיך אַרויס פון דער קראַנקער׳ס ברוסט, און באַלד ווערט ווידער שטיל.

עס איז זעקס אַ זייגער פאַרטאָג. די אָרעמע איטאַליענער,

www.libtool.com.cn

וואָס וואוינען אין דעם הויז, זיינען אויפגעשטאַנען און האָבען גענומען צורעכטמאַכען די קעסטלעך פּינאָטס און איבערוויקלען די האַלב־פערפראָרענע ציטראָנען, אום זיי ארויסצושטעלען אויף דער גאַס צום פערקויפען.

פון דעם געוויש האָט זיך די קראַנקע אויפגעכאַפּט. לאַנגזאַם האָט זי די האַלב־פערלאָשענע אויגען געעפענט און האָט זיך טרויעריג ארומגעקוקט אין אַלע ווינקלען פון צימער, און אַ שניידענדער, וועהמוטספאָלער זיפץ האָט זיך פון איהר האַרץ ארויסגעריסען... נאָכדעם האָט זי איהרע בליקען געווענדעט צום אינגעל, און איהם אַ ווײַלע בעטראַכטענדיג, האָבען זיך אַ פּאָר גרויסע טרערען אויף איהרע געלע באַקען אַראָבגעקייקעלט... דערוויל האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, און דורך דעם קליינעם פערפראָרענעם פענסטערל האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ בלאַסע ליכטיגקייט.

די קראַנקע האָט אויסגעשטרעקט איהר דאַרע האַנד, און זי ארויפלעגענדיג אויף דעם אינגעל'ס קאָפּ, האָט זי איהם אָנגעהויבען צו וועקען. דער אינגעל האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן פון בײַנקעל, זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פאַר קעלט. ער האָט אָנגענומען דער מוטער'ס האַנד און האָט געפרעגט:

— ווי פיהלסטו, ליעבע מוטער?

— בעסער, — האָט איהם די קראַנקע געענטפערט.

— פערלאַנגסטו וואָס, ליעבע מוטער? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— אַך, מיין ליעב קינד! — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ — איך דאַרף פיעלעס האָבען, נאָר וואָס קען איך פון דיר פערלאַנגען? געה, מיין קינד, טראָג מיר ארויף אַ ביסעל קאַלט וואַסער אָבצונעצען מיינע פערברענטע ליפּען.

דער אינגעל האָט געשווינד געכאַפּט אַ טהעע־קענדעל און איז אַראָבגעלאָפען אין הויף, אין אַן אויגענבליק איז ער געוועזען צוריק מיט וואַסער. ער האָט געהאָלפען דער מוטער זיך אַנידערזעצען,

www.libtool.com.cn

און צוהאַלטענדיג די קענדעל פאַר איהר, האָט זי אַ פּאָר שלוק געטהאָן, און האָט זיך אָבגערופען:

— נעהם, מיין קינד, דיין פּוץ־קעסטעל און געה אין סטריט, אפשר וועסטו וואָס פערדיענען און קענען וואָס קויפען, מיין פער־שמאַכטעם האַרץ צו דערקוויקען.

— מיט וועמען, ליעבע מוטער, זאָל איך דיך לאָזען?

— מיט קיינעם ניט, מיין קינד, גאָט וועט מיך היטען...

— איך וועל בעטען אימיצען פון די שכנים, זיי זאָלען אויף דיר אכטונג געבען.

— מען דאַרף ניט, מיין קינד. זיי זיינען אַ גאַנצען טאָג אין גאַס, אום זייער שטיקעל ברויט צו פערדיענען.

— מוטער, — האָט זיך דער באַי נאָך אַ קורצען שווייגען אָב־געריסען — פיליכט זאָל איך מעלדען אין סטיישאַן, און מען וועט דיך צונעהמען אין האָספּיטאַל.

— ניין, ניין! — האָט די מוטער געענטפערט — מען דאַרף ניט! ווען מיר וועט בעשערט זיין צו לעבען, וועל איך לעבען, און ווען ניט — וועל איך בעסער שטאַרבען אויף מיין אייגען בעט. זייט דיין פאָטער איז געשטאָרבען האָב איך זיך אַליין ערנעהרט און ניט אָנגעקומען צו מענשליכע טובות, און פאַר מיין טויט וועל איך דאָס אויך ניט טהאָן. נעהם, מיין קינד, דיין קעסטעל און געה. גאָט וועט זיין מיט מיר...

דער איינגעל האָט, אָהנע צו ענטפערן, גענומען דעם פּוץ־קעסטעל אויף די פּלייצעס, און אַ קוש־געבענדיג דער מוטער, האָט ער מיט טרערען אין די אויגען פערלאָזען דאָס צימער...

* * *

פאַרנאַכט. די ווינטער־זון האַלט שוין ביים אונטערגעהן. נאָר דאָרטען ווייט, ווייט ביי די ברעגעס פון הימעל, שטעהט זי נאָך ווי אַ פייערדיגע קוגעל. דער פראָסט, וואָס איז בייטאָג שוואַכער

www.libtool.com.cn

געוועז, האָט זיך אָנגעהויבען צו שטאַרקען. אַ שניידענדער ווינד בלאָזט און שטעכט ווי מיט נאָדלען די געזיכטער פון די אומגעהער. קלאַפּענדיג אַ פּוס אָן אַ פּוס, מיט דעם פּוץ־קעסטעל אויף די פּלייצעס, לויפט אַרום דער אינגעל אין דער בויערי, און שרייט: „שיין, שיין, שיין!" — נאָר קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום, יעדער לויפט וואָס גיכער, אַזוי ווי ער וואָלט ענטלויפען פון דער שטאַרקער קעלט.

דער אינגעל בלייבט שטעהן ביי גרענד סטריט, בעטראַכט אַ ווייל'ע די זינקענדע זון, און דערמאָנט זיך, אַז עס איז שוין צייט אהיים צו געהן צו דער מוטער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין אַזא געפעהרליכע לאַגע און אָהן אַ ברעקעל שפּייז. נאָר מיט וואָס געהן? די טרויריגע פראַגע שטעלט זיך אין זיין קאָפּ, און לאַנגזאַם שטעקט ער אריין זיין בלוי־פערפראָרענע האנד אין קעשענע, און נעהמט אַרויס עטליכע פּענים. „אַך, זעקס סענט!" זיפצט ער, „וואָס קען איך דערמיט טהאָן? וואָס קען איך דערפאַר קויפען?"... ער פערטראַכט זיך ווידער אַן אויגענבליק און הויבט אָן צו לויפען אהיים. קומענדיג צו קאַנעל סטריט, קויפט ער פאַר אַ פּעני אַ זאַלץ־בייגעל, און כאָטש ער איז פערפראָרען, דאָך עסט ער איהם מיט אַפּעטיט, ווייל ער האָט דעם גאַנצען טאָג ניט געגעסען. קומענדיג צו מאָלבערי סטריט, קויפט ער פאַר דריי סענט ווייגטרויבען און אַ פּאָר צוקער־קיכלעך פאַר דער מוטער, און אָט איז ער שוין נעבען שטוב. דאָס הארץ הויבט איהם אָן מעכטיג צו קלאַפּען, און מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אין שטוב אריינצוגעהן, געהט ער אַרויף די פינף פינסטערע, קרומע טרעפּ. מיט ציטערנ־דיגע הענד עפענט ער אויף די טהיר, און בלייבט שטעהן ביים שוועל, צומאַכענדיג די טהיר הינטער זיך.

די מוטער ליעגט אויסגעצויגען אויפ'ן בעט, די הענד זיינען בלוי, איהר ברוסט בעוועגט זיך קוים, קוים. פון די אויגען שפּריצט אַן אונהיימליכער פייער, און די לעצטע בלוט־רויטע שטראַהלען

www.libtool.com.cn

פון דער זון שפּיעגלען זיך אָב אויף איהר געזיכט, און מאַכען איהר אויסזעהן נאָך שרעקליכער...

איינינע מינוטען שטעהט ער ביים טהיר, יעדעס גליעד ציטערט איהם פאַר שרעק, קוקענדיג אויף דער מוטער. ענדליך געהט ער צו צו איהר, און אָנגעהמענדיג איהר האַלב־פערשטאַרבענע האַנד, פרעגט ער זי:

— וואָס מאַכסטו, ליעבע מוטער?

די קראַנקע ווענדעט צו איהם איהרע בליקען, און איהם אַ ווײַלע בעוואוסטלאָז בעטראַכטענדיג, שטאַמעלט זי גאַנץ שטיל די ווערטער אַרויס:

— ביזטו דאָס, מיין קינד?

— יאַ, מוטער!

— האָסטו וואָס פערדיענט?

אַ שטראָם טרערען גיבען זיך אַ גאָס פון זיינע אויגען. ער נעהמט באַלד אַרויס פון קעשענע די וויינטרויבען מיט די קיכלעך, און דאָס אוועקלעגענדיג נעבען איהר, ענטפערט ער:

— אָט דאָס, ליעבע מוטער, האָב איך דיר געבראַכט. איך האָב מעהר ניט פערדיענט. נעהם דאָס, מוטער, און ערקוויק דיין האַרץ, דו האָסט דאָך שוין באַלד פון צוויי טעג גאָר ניט אין מויל געהאַט.

די אַלטע גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, אַלס צייכען אַז זי וויל ניט...

מיט טרויעריגע בליקען קוקט ער אויף דער מוטער; די האַרץ זאָגט איהם אַז באַלד, באַלד בלייבט ער אַ דאָפּעלטער יתום... ער זעצט זיך נעבען בעט און בעדעקט איהר האַנד מיט וואַרעמע טרערען...

די זון פערגעהט אונטערדעסען, אין צימערל ווערט פינסטער, און עפּעס ווי אַ געהיימע טויט־שרעק ליעגט אין יעדען ווינקעל פערבאָרגען. די אַלטע ליעגט שטיל, נאָר פּלוצלינג גיט זי אַ

www.libtool.com.cn

ציטער... ער שפרינגט אויף אַ דערשראָקענער און פרעגט מיט אַ ציטערנדע שטימע:

— מוטער, וואָס איז דיר?

די אַלטע כאַפּט אָן זיין האַנד און דריקט זי צו צו זיך:

— ווער איז דאָס דאָרטען ביים וואַנד?... — שטאַמעלט זי אַרויס.

— קיינער ניט. — ענטפערט ער, און אַ צאָהן אָן אַ צאָהן קלאַפּט איהם פאַר שרעק.

די אַלטע זעצט זיך אויף מיט ווילדער געשווינדיגקייט און קוקט מיט שרעקליכע אויגען אהין צום וואַנד... „כאַ־כאַ־כאַ!... דאָס ביזטו, מיין מאַן?... ביזט געקומען מיר נעהמען צו זיך, האַ? יאַ, גוט, איך געה, איך געה!... נאָר ווער האָט דיין אָרעם אַראָבגעשני־טען? אַ! איך ווייס שוין! דאָרטען, דאָרטען אין פאַבריק, די מאַשין"... זי פאַלט צוריק אויף איהר פּלאַץ און בלייבט ליעגען שטיל... אַ שוידער געהט דעם אינגעל דורך אַלע גליעדער הערענ־דיג איהרע רייד, און ער בלייבט שטעהן ווי פערשטיינערט אויף זיין פּלאַץ. אין אַ ווייל'ע אַרום שטרעקט אויס די קראַנקע איהר האַנד, און מיט אַ קוים־הערבאַרער שטימע זאָגט זי: „נעהם, מיין קינד, אַראָב פון וואַנד די גיטאַרע און זינג מיר דאָס ליעד פון „יתום"...

— מוטערל, גאָט איז מיט דיר, וואָס איז דיר? וואָס דאַרפסטו יעצט דאָס ליעד?

— נעהם, נעהם מיין קינד, זינג מיר!

ער לופט צו צום וואַנד, נעהמט אַראָב די אַלטע גיטאַרע און זעצט זיך נעבען בעט.

אין צימער איז שוין פינסטער, נאָר דער בלאַסער שיין פון דער לבנה שפּרייט אויס אַ שוואַכע ליכטיגקייט, דער ווינד רוישט און וואָיעט מיט אַ שרעקליכען נגון.

די קראַנקע שטאַמעלט ווידער אַרויס: „שפּיעל, שפּיעל"... און אָט הויבט ער אָן מיט זיינע ציטערנדע פינגער די סטרונעס צו

www.libtool.com.cn

בעריהרען, און מיט אַ טרויער־קלינגענדער מעלאָדיע זינגט ער די פאָלגענדע ליעד:

„אויף דעם ווייטען אָקעאַן
טראָגט אַ שיפעל זיך אַליין.
מ׳זעהט ביין רודער קיינעם דאָרט
קיין מאַטראָז ביי׳ן זעגעל שטעהן.
ס׳בלאָזט אַ שטאַרקער שטורעם ווינד,
וואַרפט און שליידערט איהם ארום,
און די כוואַליעס רוישען ווילד —
שרעקליך איז עס רונד און רום.

צו דעם שיפעל ביזטו גלייך,
אָרימער יתום, אויף דער וועלט;
קיינעם קימערט ניט פאר דיר,
פאָטער, מוטער ווען דיר פעהלט.
יעדער מענש שטויסט דיך אַוועק,
האָסט קיין רוה ביי־טאָג, ביי־נאַכט,
בלאָנזשעסט אין דער וועלט ארום
נאַקעט, באָרפוס און פערשמאַכט.“

ער איז פלוצלינג שטיל געוואָרען, — אַ סטרונע האָט גע־פּלאַצט, און באַלד האָט זיך געהערט אַ שרעקליכער קרעכץ, וועלכער האָט זיין הארץ אין שטיקער צושניטען.. ער איז אויפגעשפרונגען פון ביינקעל און האָט זיך איינגעקוקט דער מוטער אין געזיכט. זי איז געלעגען שטיל... די אויגען פערמאַכט, איהר ברוסט האָט זיך מעהר ניט בעוועגט... ער האָט אָנגעכאַפּט איהר שטייפע האַנד און האָט ניט מיט זיין קול אויסגעשריען: „מוטער, מוטער! וואָס איז דיר?“ די אַלטע איז געבליעבען ליעגען ווי פריהער...

— מוטער, מוטער! — האָט ער געיאָמערט, און האָט זי אָנ־געהויבען טרייסלען, ווי מען וועקט איינעם פון שלאָף, נאָר אומ־

www.libtool.com.cn

זיסט !... די אַלטע האָט זיך ניט געריהרט... אין די אויגען איז איהם פינסטער געוואָרען, די פיס האָבען זיך איהם אונטערגעהאַקט פאַר שרעק, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען מעכטיג צו קלאַפּען, אַן אייז־קאַלטער שוויים האָט זיין קערפּער בעגאָסען, און אויסשטאַמ־לענדיג צום דריטען מאָל דאָס וואָרט „מוטער“, איז ער געפאַלען צו דר'ערד ווי אַ שטיין...

* * *

— ווען זי בעצאָהלט מיר ניט קיין רענט, זאָל זי געהן צו אַלע טייפעל ! —האָט זיך פלוצים דערהערט אַ גראָבע שטימע פון האָל— און באַלד דאַרויף האָט זיך די טהיר געעפענט, און דער לענדלאָרד, אַ גראָבער חזיר, בעגלייט פון אַ שעריף, איז אריין אין צימער. זיי זיינען אָבגעשפּרונגען מיט שרעק, בעמערקענדיג פאַר דער שיין פון דער לבנה אַ מענשען אין בעט און אַ מענשען אויף דר'ערד ליעגענ־דיג. דער שעריף האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, און זיי אַ ווייל בעטראַכטענדיג, האָט ער זיך געווענדעט צום לענדלאָרד:

— איך מוז גלייך געהן אין סטיישאָן־הויז מעלדען ; די צוויי פערזאָנען זיינען טוידט.

— מיין רענט... — האָט דער לענדלאָרד געמורמעלט פאַר זיך, געהענדיג פון די טרעפּ. . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען געקענט בעמערקען אַ פּאָר פרישע אויפגעשאָטענע בערגלעך דאָרטען ווייט, ווייט אויסען שטאָדט, אונטער וועלכע עס זיינען געוועזן בעגראָבען צוויי נייע קאַפּיטאַל'ס קרבנות...

www.libtool.com.cn

# געדיכטע אין פראזא

## 1.

### די שטימע פון דעם אל־מענש.

(נאך געטהע׳ס „פראמעטהעאוס“)

איך האב ניט ליעב די געטער, די בלוט־דורשטיגע, די ראכע־בעגעהרענדע, די אפפער־פערלאנגענדע, פעראכטעטע געטער. זיי לעבען פון קרבנות, און נעהרען זיך מיט מענשען־בלוט; מען ווארפט זיי צו אביינדעל, און זיי פרעהען זיך דערמיט.

וואס קענען זיי דען טהאן, דאס איך זאל זיי פערעהרען? וואס זיינען זיי, דאס איך זאל זיי געהארכען? העלפען זיי ווען דעם ארעמאן? שיצען זיי ווען דעם בערויבטען? זיינען זיי דען צו די מענשען גוט?

איך דארף קיין געטער ניט, איך וויל ניט קיינעם דיענען. איך דארף ניט געמייסטערט ווערען, איך בין ניט קיין ליים, וועלכעס מען מוז קנעטען; איך בין קיין שארבען ניט, וועלכען מען קען צוברעכען. איך שאף מיך אליין, און בילד נאך אנדערע דערצו. איך שאף די צייט, און די צייט שאפט מיך.

איך וועל זיי צושטערען די פאלשע געטער אלע, פערניכטען וועל איך זיי, די בלוט־דורשטיגע, די אפפער־פערלאנגענדע, די ראכע־בעגעהרענדע.

ליעגען מעג איך אויף דער ערד אין וועהטאג און יסורים, ראנגלען מעג איך מיך מיט מיינע שמערצען, צוקען מעג עס מיר אין אלע גליעדער, ציטערען מעג איך פאר שוואכקייט, קלאפען מעג עס מיר אין די שלייפען, שווינדלען מעג עס מיר פאר די אויגען,

www.libtool.com.cn

צוגעשמידט מעג איך זיין צו א פעלז, ווי פּראָמעטהעאוס, און א ווילדער אָדלער מעג מיינע געדערים רייסען — זיי אָבער וועל איך בעקעמפּפען, די פאלשע געטער אלע. —

איך ענטהאלט אין זיך די זריעה פון אלע געטער און אלע מענשען. איך בין דער אל־מענש, בין אליין דער גאָט, איך בין דער הימעל און די ערד, דעם בליץ בעהערש איך און דעם דונער, די ימים און די טייכען.

אויפהויבען וועל איך מיך פון דער טיעפענים דער צייט, און א גאנצע וועלט וועל איך מיט זיך ערהויבען. שאפען וועל איך זי אליין, ווי איך וויל, ווי איך פערשטעה. מענשען וועל איך בילדען נאָך מיין גייסט, נאָך מיין געשטאלט, די וועלט וועל איך זיי געבען, די לענדער און די ימים וועל איך זיי צוטהיילען. זיי זאָלען לעבען און געניסען, און געהאָרכען זיך אליין.

זיי זיינען נאָך קיין מענשען ניט, די גאָט־געשאפענע מענשען. זיי האָבען קעפּ און דענקען ניט; זיי האָבען אויגען און זעהען ניט; זיי האָבען מיילער און ריידען קוים; זיי האָבען הענד און שאפען קוים דאָס וואָס מען דארף, און ניט פאר זיך אליין; זיי האָבען הערצער און פיהלען ניט, זיי האָבען פיס און געהען קוים. —

אויפהויבען וועל איך זיי אויפ׳ס ניי, ווי שטיקער ליים, און ש א פ ע ן וועל איך זיי אויפ׳ס ניי, זיי זאָלען לעבען, זעהן און פיהלען, שאפען וואָס זיי דארפען, און געהאָרכען זיך אליין.

.2

## די קלאגע פון דעם פאטריארך.

(צו זיינע קינדער)

וואו זיינען מיינע קינדער, וואו זיינען מיינע לענדער, ווער האָט זיי פון מיר גערויבט?

א ווילדער צאָרן ברענט אין מיין געמיטה, פערניכטען וואָלט

www.libtool.com.cn

איך זיי, די פאַלשע הערשער אַלע, און ווידער אייך קינדער געבען דעם הימעל און די ערד.

איך הער אייערע ליעדער קלינגען, און ווייך מיט ביטערע טרערען. אין אייערע לענדער וואָלט איך אייך וועלען זעהן, אונטער פייגענ־בוימער, צווישען גרינע לאָנקעס, פּאַסטוכער, ארבייטער. דאָך איהר זייט דאָר און אויסגעמאָגערט, אויסגעטריקענט זייט איהר ווי די שאָף, וואָס הונגערט אין אַ צייט פון טריקענים און נויט.

אויסגעזויגען האָבען אייך די פאַלשע הערשער אַלע; פון אייער בלוט און פלייש האָבען זיי קליידער זיך געמאַכט, און ציע־רונג און בריליאַנטען, מיט אייערע עלטערענ'ס גליעדער האָבען זיי די גאַסען אויסברוקירט.

וואו זיינען יעצט די כלות, וואו זיינען די חתנים? וואו איז דאָס לעבען, וואו איז די פרייד? וואו זיינען די פייגענבוימער אייערע, וואו דאָס שאָף?

פרעמד איז מיר די וועלט, און פרעמד דאָס לעבען; פערטרי־קענט בין איך, דאָר און אויסגעמאַטערט, אַזוי ווי איהר. וואו זאָל איך איצטער געהן, וואו זאָל איך מיך יעצט לאָזען, זאָגט? וואו־הין וועט א י ה ר יעצט געהן, וואו וועט איהר בלייבען, זאָגט?

איהר וואָלט אַליין די בעסטע פריינד געטויט, און איינער פון צווייטען דאָס שטיקעל ברויט גערויבט. פערווילדעט זייט איהר ווי די בעסטיעס, ווי די חיות פון וואַלד; געטראָטען זייט איהר פון די הערשער'ס פּיס.

איך וואָלט מיט צאָרן די פאַלשע וועלט פערניכטען, און פון מיין גייסט אַ נייע וועלט ערריכטען. פערניכטען וואָלט איך די פאַלשע ערד, וואָס איז ניט אייערע; די פינסטערע הייזער וואָלט איך אוועקגעשטויסען, איך וואָלט אין אייך מיין גייסט אריינגע־הויכט, אום איהר זאָלט בליהען, לעבען און וואַקסען.

און איך וועל זי זעהן די נייע וועלט אַמאָל. די גאַנצע ערד זאָל מיין גייסט געהערען, פאַר אייך, מיינע קינדער.

www.libtool.com.cn

# פּאָעזיע און גרויסע מענער

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# וועגען פּאָעזיע

## איהרע פאָרמען און איהר נוצען.

אויף דער פראגע: וואָס איז פּאָעזיע? קען מען ענטפערן גאנץ לייכט. דער מענש, ד. ה, יעדער מענש האָט געפיהלען און געדאנקען, און דיעזע געפיהלען און געדאנקען, ווען זיי זיינען אויסגעדריקט אין אַ שעהנער פאָרמע, ד. ה., אין שעהנע פראזען, און אין אַ שעהנער שפּראַך — דאָס איז פּאָעזיע. גוטע פּאָעזיע איז די, וועלכע דריקט אויס די טיעפסטע, שעהנסטע, ערהאבענסטע געדאנקען, און די רייכסטע, שעהנסטע און טיעפסטע געפיהלען אין דער שעהנסטער און פאסנעדסטער פאָרמע.

מיר האָבען אָפטמאָל יום־טוב'דיגע געפיהלען. אָפט ענטדעקען זיך פאַר אונזער גייסטיגען אויג וועלטען פון שעהנהייט, אויסזיכטען פון בעצויבערונג, געגענדען פון געטליכער ערהאבענהייט, אינזלען פון האָפנונג, שאָסעען פון פערטרויען, הייהלען פון פרייד און גן־עדן'ס פון גליק. מאנכעסמאָל גרייפען אונז אָן די שעהנהייטען פון דער נאטור, די ליעבליכקייט פון לעבען, די קראפט, די גרויסקייט און דער גלאנץ פון דער וועלט. די קרעפטען פון דעם וועלט־אַל נעהמען אונז אַרום, די גרויסקייט פון דער אייביגקייט רעדט צו אונז אַרויס פון די וואָלקען; ווי רוישענדע, מעכטיגע שטראָמען לויפען פערביי די יאָהרען, און די צייט שוועבט איבער אונזערע קעפּ מיט ריעזיגע ווייט פאָכענדע פליגעל. אונזער זעעלע ערוואכט פלוצלינג, הויבט זיך אויף, ברויזט אויף ווי אַ שטראָם און מיר ווערען גרויס, מעכטיג, פּראָפעטיש. מיר בעטראכטען די געגענוואַרט אין איהר גאנצער גרויסקייט, מיר קוקען צוריק אין דער

www.libtool.com.cn

פערגאנגענהייט, מיר בליקען אריין אין דער צוקונפט. געפיהלען וואס קלינגען ווי רייכע מוזיק, ערוואכען אין אונז, ווען מיר בע־טראכטען די שעהנהייטען דער נאטור; טיעפע הארמאניען, מעלא־דיען פון לעבען, שטימען פון האפנונג, וואס קלינגען פון ווייטען ארויס פון הינטער גרינע, פורפור־פארביגע, העל־בעשטראהלטע און טומאן־פערשלייערטע וואלקען־בערג. — מעלאדיען פון ליעבע, פרייד, טרויער, געלעכטער, פאעזיע און נבואה.

מאנכעסמאל ווערט אונזער זעעלע אויפגערייצט מיט אן אימה; די וועלט און די נאטור ווערען עפעס ווי איבערגעביטען; אלעס זעהט אויס בייז, פינסטער, שווארץ, אימה'דיג, דראהענד, וויסט, קלעגליך, צושטערט, שטיל, אויסגעשטארבען. מיר שרעקען זיך עפעס פאר דיעזען לעבען, פאר דיעזער גרויסער וועלט מיט דעם אונבעשטימטען מזל; מיר פיהלען, ווי שווער עס איז אפט צו לעבען, מיר פיהלען די ליידען דער וועלט; די אומעדיגקייט פון דער מענשהייט'ס ענדע: די דונקעלהייט פון דעם קבר, די אונ־בעשטימטהייט פון שיקזאל, די פלאגען פון קראנקהייט, זארג, ארמוטה, נויט, עלענד, פערברעכען, געמיינהייט, אונגערעכטיגקייט, שלעכטיגקייט און פערדארבענהייט. מיר ביינקען נאך אונזער יוגענד, נאך די רויט־גליהענדע חלומות און ליידענשאפטען פון פריהערע צייטען; מיר ביינקען אמאל נאך אלטע פריינד, נאך די אלטע, זיסע, ווארעמע טעג פון ציעמליכער זארגלאזיגקייט און פריינדשאפט, פון טרוימען און האפען; מיר זעהען אפט די לויה פון אונזערע אייגענע יאהרען זיך ציהענדיג שטיל צום קבר, מיט שווארצען בעקליידעט, און אין טרויער פערשלייערט, בעגלייט פון א טרויעריגער טוידטען־ליעד. מיר בליקען אריין אין די צייטען, וואס קומען מיט אונגעוויסהייט; מיר זיינען ניט זיכער אויב מיר וועלען לעבען נעכסטען יאהר, אויב מיר וועלען האבען פון וואס צו לעבען, צי אונזערע קינדער וועלען זיין דאס וואס מיר ווילען זיי זאלען זיין, און אויב מיר וועלען זיי קענען ערציהען ווי אונז ווילט זיך.

www.libtool.com.cn

מאנכעסמאָל רעגען זיך אין אונז געפיהלען פון האס, פון אמבי־ציאָן, פון הערשער־לוסט: מיר ווערען ווילדע, מיר ווילען אריינ־שפרינגען אין דעם ים פון לעבען, אין דער רוישיגער וועלט און זי צווינגען אונז צו געבען וואָס מיר ווילען און דארפען. מאנכעס מאָל ווילען מיר יענעם אונטערדריקען, מאנכעסמאָל ווילען מיר יענעם דיענען, יענעם צייגען געפעליגקייטען אויס פריינדליכקייט און ליעבע; מאנכעס מאָל ערגרייפט אונז פּלוצלינג די ליידענשאפט, מיר שמאכטען נאָך א געוויסער זאך, און די גאנצע געביידע פון אונזערע פעסטע אידעען און איבערצייגונגען ווערט ערשיטערט און צוטרייסעלט.

אלע דיעזע געדאנקען־שאַטענס, נייגונגען און געדאנקען; אלע דיעזע ליידענשאפטען, פערלאנגען, חלומות, האָפנונגען, שרעקען, פאנטאזיען, ציעלען, שטרעבונגען, בענקונגען, זאָרגען, פריידען, ליידען, בעצויבערונגען, פרעכטיגקייטען, קעמפפע און שטרייטיגקיי־טען פון לעבען; אלע דיעזע קאָנוואולסיאָנען, שעהנהייטען, ליעב־ליכקייטען, שרעקען, אומעטיגקייטען, זאָרגען און אהנונגען פון דער זעעלע; אלע דיעזע שעהנהייטען, גרויסקייטען, פרעכטיגקיי־טען און ליכטיגקייטען פון לאנדשאפטען, פון לעבען און טויט, קריעג און פריעדען, ליעבע און האס; פון ימים און בערג, מענשען און טהיערע, — ווען אלעם דאָס ווערט אויסגעדריקט, געצייכענט, געשילדערט און בעזונגען אין א שעהנער, ריכטיגער פאָרמע — דאָס איז פּאָעזיע.

מיט א ריכטיגער פאָרמע מיין איך, דאָס א געפיהל אָדער א געדאנק, וועלכער זינגט זיך ביים פּאָעט אין קאָפּ, זאָל איבער־געגעבען ווערען אין א פערז וועלכער זאָל זינגען און ניט שלעפּען זיך; יעדער פערז מוז זיין ריכטיג צוגעפּאסט צו דעם געפיהל אָדער דעם געדאנק, וועלכען דער פּאָעט וויל אויסדריקען, אָדער צו דעם בילד, וועלכען ער וויל צייכנען. יעדער פערז מוז זיך אָנפאנגען פּיאנאָ אָדער פאָרטאָ, שטירמיש אָדער געמעסיגט, לויט די שטאַר־קייט, שטורעמדיגקייט, שוואכקייט אָדער זאנפטקייט פון דעם

www.libtool.com.cn

גערדאנק, לויט די עכטקייט און ווארעמקייט פון דעם געפיהל. דער דיכטער מוז זיין א מוזיקער, א מאהלער; ער מוז קענען כאפען דעם ריכטיגען קלאנג פון זיין גערדאנק, אדער די ריכטיגע פארב, דאס ליכט אדער דעם שאטען פון זיין לוינע; ער מוז קענען בענוצען זיין שפראך און זיינע פערזען, ווי דער מוזיקער בענוצט זיינע טענער און אינסטרומענטען, אדער ווי דער מאהלער בענוצט זיינע פארבען. דען עס זיינען דא פערזענארטען, וועלכע זיינען עהנליך אין קלאנג, זאנפטקייט אדער שטארקייט צו דעם קלאנג פון דער פלייט, דער פיעדעל, דער צעלא אדער דעם טראמפעט. פאעזיע פעראייניגט אין זיך די קונסט פון מוזיק און מאהלעריי, דען דער פאעט קען זיין מוזיקאליש ווי דער מוזיקער, און קען מאהלען בילדער ווי דער מאהלער, — ווערטער און פערזען זיינען ווי טענער, ווי אקארדען, ווי פארבען. א גרויסער גערדאנק, ד. ה. א גערדאנק וועגען דער אייביגקייט, וועגען די קראפט פון דער נאטור, וועגען גרויסע קעמפפע, וועגען לעבען און טוידט א. ז. וו. מוז אויסגעדריקט ווערען אין א פערזענמאס, וועלכע זאל דיזע גרויסקייט אונז מאכען פיהלען אין דעם פערז, אין דער שפראכע, אין די ווענדונגען, אין דעם אנפאנג און אין די ענדע פון דאס געדיכט.

ווען דער פאעט איז מונטער אויפגעלעגט און זינגט אין פריה־לינג פון ליעבע, האפנונגען און לעבען, מוז ער עס ווירקליך פיהלען, זיין זעעלע מוז לאכען האפען; ליעבע און לעבען מוזען ארויסשמייכלען, ארויסשיינען צו אונז פון דעם פערז. ווען דער פאעט זינגט פון א טייך, וועלכער פליעסט רוהיג דורך א שעהנעם, רייכען וואלד און דורך רייכע, פעטע לאנקעס, וואו סטאדעס פאשען זיך, מוז די רוהיגקייט, וועלכע ווערט ערוועקט ביים פאעט אין קאפ, די גערדאנ־קען פון וואהלשטאנד, וועלכע ערוואכען אין איהם דאן, דאס רוהיגע פליסען פון דעם טייך, די שטאלצע שעהנקייט פון דעם וואלד און די פעטקייט און הרחבה פון די לאנקעס, ארויסשמייכלען, ארויס־פליסען מיט שטאלץ, רוהיגקייט און הרחבה אין דער שפראכע. דער פיין־פיהלענדער לעזער מוז באלד פעהיג זיין אויסצוגעפינען אויב

www.libtool.com.cn

דער געפיהל איז עכט אָדער פאַלש, אויב די פאָרמע איז גאָלד אָדער פסולת, אויב דער פּאָעט האָט ווירקליך געזונגען, אָדער זיך געמאַטערט צו זינגען. און א פיין־פיהלענדער לעזער קען גלייך אוים־געפינען און ענטדעקען די עכטקייט, טיעפקייט אָדער פלאַכקייט פון א געפיהל, די פּאַסיגקייט אָדער אונריכטיגקייט פון דעם פערז.

דער פּאָעט דאַרף ניט און זאָל ניט פערוואַנדלען קיין אייג־פאַבע, פלאַכע, אָבגעריסענע געפיהלען אין פּאָעזיע. ער מעג זיך זינגען פון פרייד אָדער לייד, פון רייכטהום אָדער אָרמוטה, פון גליק אָדער ליידען, (דען ארמוטה האָט אין זיך אויך א גרויסקייט, די גרויסקייט פון עלענד, פון זאָרגען: ליידען האָבען וועלטען פון בעזאָנדערער שעהנקייט און דונקעלע געגענדען פון פּאָעזיע, וואו די מענשליכע געדאַנקען זיינען ווי אַלטע ווערבעם מיט אָראָב־הענגענדע צווייגען, ביי די טייכען פון אונזערע טרערען). אבער פון וואָס דער פּאָעט זאָל ניט זינגען, זאָל ער עס, מוז ער עס ווירקליך פ י ה ל ע ן. ווען ער זינגט פון ליידען, זאָל ער ווירקליך ליידען, — אָדער אין ווירקליכען לעבען אָדער אין דער פאַנטאַזיע. ער זאָל ניט שרייען אָה! און אַה! ווען ער איז ניט אויפגעלעגט דערצו, ווען דער „אָה“ און דער „אַה“ רייסען זיך ניט ארוים פון זיין הערץ. ער זאָל אָנטהאָן זיינע פערזען אין די רייכסטע קליידער, אָדער פון עלענד און טרויער, אָדער פון פרייד און גליק. ער זאָל זיין ווי א האַנדעלסמאַן, וועלכער שטעלט אוים זיינע בעסטע סחורות צום פערקויף, און ריזיקירט זיינע רייך־בעלאָדענע שיפען מיט די פלאַטערנדיגע זעגעל אויף דעם ווייטען ים פון לעבען. ער זאָל זיין ווי דער דרייסטער מאַטראָז, וועלכער קריכט אַרויף אונערשראָקען אויף דעם הויכען זעגעל־שטאַנג, און קימערט זיך ניט וואָס אונטען רוישט און קאָכט דער ים.

דער פּאָעט מוז אָבשיידען, גלייך ווי פיינע זיידען־פעדים, איין געפיהל פון דעם צווייטען, איין געדאַנק פון דעם צווייטען; ער מוז דייטליך אַנאַליזירען זיין יעדען געפיהל און געדאַנק; אָב־שיידען איין ארט געפיהלען פון דער צווייטער ארט, איין רייהע

www.libtool.com.cn

גערֿאנקען פֿון דער צווייטער, אום ריכטיג צו קענען איבערגעבען וואָס ער פֿיהלט און דענקט אין דער ריכטיגער שפּראַכע און פֿאָרמע.

אַ דיכטער מוז שטודירען פֿאָרמען און פּאָזיציאָנען, בעוועגונגען און העויות, געזיכטסציגע און געזיכטס־אויסדריקע, נאַטור־סצענען און גאַסען־בילדער, פאַרבען און קלאַנגען, געביידען און גאַסען; ער מוז עס אַלעס שטודירען לויט ווי דאָס אַלעס שפּיעגעלט זיך אָב ביי איהם אין קאָפּ, אין זיין פּאַנטאַזיע, און עס צונויפקלייבען אין זיין מח; ער מוז זיך פערטיעפען אין שעהנקייט, זיך אָנזויגען מיט דאָס לעבען, אום עס צו קענען איבערגעבען אין זיין דיכטונג. ער מוז שטודירען דעם מענשען — דעם מענשען ווי ער האַנדעלט און רעדט אין פרייד און שמערץ, האָפֿנונגען און פערצווייפלונג, אין רוהיגע שטונדען און אין איבערראַשונג. ער מוז לעזען די גרויסע שרייבער, די קלאַסיקער און גרינדליך וויסען ווי זיי האָבען בעזונגען און געשילדערט דאָס אייביג־לעבענדע, דאָס אונשטערבליכע אין מענשען און געפיהלען. ער מוז קענען זיין צייט, אום צו קענען זיין די שטימע פון זיינע מיטמענשען; ער מוז זיין ווי אַ גרויסער שטראָם, צו וועלכען אַלע קליינע טייכעלעך פון דענקען און פיהלען זאָלען זיך ציהען; ער מוז זיין ווי אַ האַרפע מיט פייערדיגע סטרונעס, אויף וועלכע אַלע ווינטען, זאַנפט און שטורעמדיג זאָלען שפּיעלען; ווי אַ שפּיעגעל פאַר דער וועלט, פאַר דעם אוניווערזום; ער מוז זיך ווידמען זיין קונסט מיט לייב און לעבען, און אימער, אימער לערנען, דענקען פון זיין קונסט, זי האָבען אין זינען וואו ער געהט און שטעהט. ער מוז זיין בערייט צו אָפּפערען דערפאַר זיין צייט, זיין געזונד, זיין געדולד און זאָגאַר זיין לעבען. ער מוז זאָגען צו זיך אַליין: „אַזוי פיעל טאַלאַנט האָב איך, עס מוז זעהן די ליכטיגע זון, די בלומען פון מיין הערץ מוזען אויפבליהען, די קינדער פון מיין פאַנטאַזיע מוזען געבאָרען ווערען, ווי שווער עס זאָלען ניט זיין די געבורטס־וועהען!“

אַ פּאָעט מוז זיך לערנען צו דענקען גרויס און לאָגיש, גרויס אויפצופאַסען געגענשטענדע און עראייגניסע. ער מוז בעטראַכטען

www.libtool.com.cn

געגענשטענדע און אומשטענדען פון פיעלע זייטען ; ער מוז קענען אראָבבליקען אויף דער וועלט, מוז קענען אויסגעפינען פעהלער, קריטיקירען, אויסגעפינען וואו עס איז צופוילט, לעכערדיג און פער־לאַטעט ; ער מוז דעם מענשען, זאָ צו זאָגען, קענען האַלטען אויפ'ן האַנד, ווי אַ ריעז האַלט אַ צווערג, און איהם בעטראַכטען פון אַלע זייטען ; ער מוז זאָגען פיעלעס אין ווייניג ווערטער, ארומנעהמען אַ וועלט מיט איין בליק.

דאָך ניט אַלע פּאָעטען, ווי ניט אַלע מענשען, פיהלען גלייך. מאַנכע זעהען זאַכען מיט אַ גרויסען בליק, אַנדערע זעהען זאַכען קליין ; מאַנכען בליקען אראָב אויף דער וועלט זיצענדיג הויך אין די וואָלקענס, און אַנדערע בליקען ארויף צו די קלויסטער־שפּיצען, צו די דעכער און ניט העכער. מאַנכע נעהמען ארום פיעלע שעהנ־הייטען, געפיהלען, מענשען, געגענשטענדע און נאַטור־סצענעס, וועהרענד אַנדערע זיינען בעגרענעצט, זעהען ווייניג, פיהלען ניט טיעף, ניט שטאַרק, ניט מעכטיג. ניט אַלע פאַנטאַזיען זעהען זאַכען אין דער זעלבער אַרט, ניט אַלע פאַנטאַזיען זעהען די אַלע שעהנ־הייטען. מאַנכע פאַנטאַזיען קענען זיין פערגלייכבאַר אין גרויס־קייט, אין רייכקייט, אין דערזעלבער צייט קענען זיי זעהען פער־שיעדענע שעהנהייטען, אָדער אויסדריקען די שעהנהייטען וועלכע זיי זעהען, אין פערשיעדענע פאָרמען און אַרטען. איינער קען זינגען פון געגענשטענדע פון אויבען אראָב, ווי אַ גאָט, דער צווייטער קען זינגען פון אונטען ארויף, אָבער ביידע קענען זיין גרויס, טיעף, מעכטיג, און זאָגאַר פערגלייכבאַר אין זייער גרויסקייט. איינעמס געדאַנקען און געפיהלען וועלען זיך בעסער צופּאַסען צו דער לירי־שער, קורצער פערזענמאָס ; דעם צווייטענס, צו דער לאַנגער, עפּי־שער, ערצעהלענדער פערזענמאָס. ביי איינעם וועט דער פערז זיין רוהיג און גראַד, פליסענד ווי אַ ברייטער רוהיגער שטראָם ; ביים צווייטען וועט עס שיסען מיט קראַפט, ווי אַן איינגעהאַלטענער שטראָם, וואָס שפּאַרט זיך דורך ענגע פעלזענשפּאַלטען און שיסט אריבער איבער די בערג ; ביי איינעם וועט דער פערז זיין

www.libtool.com.cn

קלאפּענד, פּעסט, האַרמאָטענ־עהנליך, אָדער ווי אַ קלאַנג פון לויטע פעלד־טראָמפּעטען; ביי אַ צווייטען וועט עס אַרויסשיסען ווי די לאַווא פון אַ וואולקאַן, שוואַרץ, רויכערדיג, דורכגעמישט מיט פייער, אַש און שוועבעל.

מאַנכע פּאָעטען זיינען ווי גרינע בערגלעך אין ווייטע פעלדער, אויף וועלכע, ווען איהר שטעלט זיך, קענט איהר ניט זעהן ווייט אַרום זיך, און וועלכע, ווען אַ שטורעם רוישט, ווען דונערען און בליצען שלאָגען אין דער לופט, און פינסטערע וואָלקענס ציהען דורך די הימלען, פערגרעסערען זיי ניט די שרעקליכקייט פון דער נאַטור־אויפרעגונג און ווערען אַליין ניט שרעקליך. אבער אַנדערע פּאָעטען זיינען ווי הויכע פעלזען, וועלכע הויבען אויף זייערע קעפּ אין די וואָלקענס און הימלען אַריין, זעהען געטליך, ערהאַבען, טויזענד־פאַרביג און זעלען־ענטציקענד אין צייט פון פריעדען אין דער נאַטור, און שרעקליך, ווען בליצען און דונדערען פליהען און שוועבען איבער זיי, און די שטורם־ווינטען דרעהען זיך אַרום צווישען זיי, וואָיען, סוויסטשען און צושמעטערען. פון די שפּיצען פון אַזעלכע בערג זעהט איהר מיט אַ מאָל פיעלע שטעדט, שטעדטלעך און דער־פער, טויזענדער הייזער און טויזענדער מענשען, טויזענדער בוימער, טהאָלען און טייכען.

אָט ווי עס פיהלט אַ גרויסער פּאָעט. ער זעהט אַלעס, ווי אַ גאָט; נעהמט אַלעס אַרום, דריקט אַלעס אויס; זיין מח, זיין פאַנטאַזיע איז ווי אַן אַלגעמיינעס לאַגער־הויז וואו אַלעס איז צונויפ־געקליעבען, דאָס גרויסע און דאָס קליינע, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאָס שעהנע און דאָס העסליכע, דאָס געטליכע און דאָס געמיינע. ער איז ווי אַן אַרט גרויסער טהורעם, אין וועלכען עס בעוועגט זיך אַ גאַנצע פון מענשען און חיות; און ווען ער עפענט אויף די טהירען פון זיין מח, אָדער געדאַנקען־אַרסענאַל, דאַן לאָזען זיי זיך אַרויס — זיינע געדאַנקען און בילדער אין גאַנצע מחנות, שטויסענדיג איינע די אַנדערע, — דאַן לאָזען זיי זיך אַרויס די פער־שיעדענע ליעדער און פערזען, וועלכע זיינען עהנליך צו מחנות

www.libtool.com.cn

פויגעל מיט וואונדער־שעהנע פעדערען פון די ווארימע לענדער; אָדער ווייסע טויבען מיט ליעבעס־בריעף אָנגעטהאָן מיט זיידענע שנירלעך אויף זייערע ווייסע, פּובקע העלזער; אָדער קליינע געטער פון דער ליעבעס־לוסט, מיט פייל און בויגען אויף זייערע אקסעל; אָדער העסליכע, ברומענדע אפען, וועלכע שפּרינגען ארום אויף שנירלעך, קלינגען מיט די גלעקלעך און נעהמען אַרונטער די היטע־לעך ווען מען גיט זיי א פּעני; אָדער ליעבליכע דאמען אין ווייסע, רוישענדע, זיידענע קליידער, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר און שעהנע, געזונד־פארביגע געזיכטער; אָדער אַלטע מכשפות, וועלכע בליקען אריין פינסטער אין דאָס לעבען; אָדער שפּרינגענדע רייטער מיט פלינקע פערד וועלכע גאַלאָפּירען אוועק איבער די פעלדער, קנאקענ־דיג מיט זייערע בייטשען; אָדער דענקער מיט טיעף־קלוגע אויגען, עדעלע געזיכטסציגע; אָדער בלייכע פערליעבטע, וועלכע עסען ניט, שלאָפען ניט, טהוען גאָר גישט, און וואַנדערען ארום מעלאַנכאָ־ליש צווישען די בערג; אָדער משוגעים וואָס רייסען זיך און בייסען זיך און יאָגען זיך אַרום אין ווילדער מהומה; אָדער קעמפּפער, ערפינדער, לאַנד־פאָרשער, רייזענדע, — אַלערליי וועזען, ברואים און געגענשטענדע, וועלכע מיר זעהען אין דער וועלט און אין לעבען. א פּאָעט, א גרויסער פּאָעט, איז ווי א וועלטעל אין וועלכער אַלעס בעוועגט זיך, ווי אין א צויבער־לאַנד.

---

## פאָרמען פון פּאָעזיע.

מיר וועלען איצט בעטראַכטען די פערשיעדענע פערזען־פאָרמען אָדער ארטען פּאָעזיע, וועלכע די דיכטער פון אַלע לענדער האָבען געשאַפען און ערפונדען דורך א צייט פון יאהרהונדערטע.

עס זיינען דאָ ל י ר י ש ע, ד ר א מ א ט י ש ע, ע פּ י ש ע און ד י ד א ק ט י ש ע דיכטונגען; עס איז דאָ אַן ארט געדיכט וועלכעס רופט זיך ס אָ נ ע ט ע, א צווייטעס, וועלכעס רופט זיך

www.libtool.com.cn

אָ ד ע, אַ דריטעס, וועלכעס רופט זיך ב אַ ל אַ ד ע. דאַן זיינען וויעדער דאָ דיכטונגס־אַרטען, וועלכע רופען זיך ע ל ע ג י ע, ל ע ג ע נ ד ע, פ אַ ב ע ל, ע פּ י ג ר אַ ם. עס זיינען דאָ נאָך פערשיעדענע דיכטונגס־אַרטען, אָבער די וועלכע איך האָב דאָ דערמאָנט זיינען די וויכטיגסטע.

אַ לירישעס געדיכט, איז אַזעלכעס וואָס דריקט אויס, אָדער דאַרף אויסדריקען, אַ טיעפען געפיהל, אַ נאָבעלען, טיעפען געדאַנק, אָדער עס מוז צייכענען, מאָהלען מיט געפיהל און אין שעהן־קלינגענדע פּערזען אַ שעהנע געגענד, אַ נאַטור־בילד א. ז. וו. דער געפיהל און דער געדאַנק קען זיך זיין פון ליעבע, טרויער, שמערץ, פרייד און פערדרוס. די סצענע אָדער דאָס נאַטור־בילד מעג זיך זיין אַ פרעהליכע אָדער אַ טרויעריגע, אָבער דאָס געדיכט מוז זיך זינגען, עס מוז ציטערען, אָדער ווי די פריידיגע שטראַהלען פון דער זון, אָדער ווי אַ טרער. לירישע געדיכטע ווערען מעהרסטענטהיילס געשריעבען אין אַלערליי קורצע, שעהן־קלינגענדע פּערזען. אבער לירישע געפיהלען און געדאַנקען קענען אויך אויסגעדריקט ווערען אין לענגערע פּערזען, אָדער זאָגאַר אויך אין פּראָזאַ, ד. ה. ניט אין פּערזען, ווי מען געפינט עס אָפט אין די שריפטען פון דעם גרויסען ענגלישען דיכטער יאָהאַן מילטאָן.

איך ברענג דאָ אַ לירישעס געדיכט פון דעם ערשטען סאָרט, אין וועלכען דער דיכטער ג ע ט ה ע זינגט פונ'ם מאַי פון ליעבע און לוסט:

„ווי הערליך לויכטעט
מיר די וועלט!
ווי גלענצענד די זון,
ווי לאַכט דער פעלד!

עס דרינגען בליטהען
פון יעדען צווייג,

www.libtool.com.cn

און טויזענד שטימען
פון וואלד און שטייג,

און פרייד און לעבען
פון יעדער ברוסט.
אָ ערד, אָ זאָנע!
אָ גליק, אָ לוסט!

אָ ליעבע, אָ ליעבע,
ווי שעהן ביזטו,
ווי מאָרגענ־וואָלקען
אין הימעלס־רוה!

דו בענשט מיט פראַכט
דעם פרישען פעלד,
אין בליטהען־דאַמפף
די פולע וועלט.

אָ מיידעל, מיידעל,
ווי ליעב איך דיך!
ווי בליקט דיין אויג,
ווי ליעבסטו מיך!

זוי ליעבט דער פויגעל
געזאַנג און לופט,
און מאָרגען־בלומען
דעם הימעלס־דופט,

ווי איך ליעב דיך
מיט וואַר'מער בלוט,

www.libtool.com.cn

דיך, וואָס דו גיבסט מיר
יוגענד און מוטה.

צו נייע טענצע,
און נייעם געזאַנג:
זיי עוויג גליקליך,
דיין לעבענס לאַנג."

איהר וועט דאָ מערקען ווי טיעף און ווי שעהן דעם דיכטער'ס געפיהלען זיינען, און ווי ריכטיג, ווי עכט ער פיהלט דאָס, וואָס ער זינגט. איהר וועט אויך מערקען, ווי די פערזען זינגען זיך אליין, לייכט, ווי די פרייד פונ'ם דיכטער'ס הערץ. און דאָ איז אַ צוויי־טעס, זעהר בעריהמטעס געדיכט פונ'ם זעלבען דיכטער, אין וועלכען ער מאָהלט אַ סצענע מיט געפיהל און ענדיגט דאָס געדיכט מיט אַ טיעפען שעהנעם געדאנק:

„איבער אַלע בערג הערשט רוה;
אין אַלע צווייגען שפירסטו
קוים נאָך אַ הויך;
די פויגעלעד שלאָפען אין וואַלד,
וואַרט נאָר, באַלד
רוהסטו אויך!"

איהר זעהט, ער מאָהלט דאָ אַ בילד און אין די לעצטע צוויי שורות „וואַרט נאָר, באַלד רוהסטו אויך" דריקט ער אויס אַ טיעפען, נאָבעלען געדאנק. איהר מערקט אויך ווי דער אַנפאַנג, דער טאָן, דער קלאַנג, די ווענדונג פון דאָס געדיכט פאַסט זיך צו דעם געדאנק און גיט אויך איבער די רוהיגע גרויסקייט פונ'ם דיכטער'ס געפיהל און געדאנק.

www.libtool.com.cn

דאָ איז נאָך אַ געדיכט פון היינריך היינע, זיין בעריהמטעם לירישעם געדיכט „די לאָרעליי". אין דיעזען געדיכט שילדערט ער דעם מענשענ'ס תאוה, זיצענדיג אויף אַ הויכען פעלז ביים ברעג פון דעם שעהנעם רוהיג־פליסענדען רהיין, אין דער געשטאַלט פון אַ וואונדער־שעהנע מיידעל, וועלכע קעמט זיך איהרע גאָלדענע האָר מיט אַ גאָלדענעם קאַם, און זינגט אַ וואונדערליכע, געוואַלדיגע מעלאָדיע, וועהרענד די לעצטע זונענשטראַהלען בעשיינען פורפור־פארביג און גאָלדיג די שפּיצען בערג, איהרע ציערונגען, און דעם רוהיגען שטראָם; און דעם מענשען פערגלייכט ער צו אַ שיפעל צווישען די ענגע פעלזען פון לעבען, און שטעלט זיך אָב הערען איהר וואונדערבארע ליעד, ארויפקוקענדיג צום פעלז, און זיך ניט קימערנדיג פאַר דעם שטראָם און די פעלזען, וועלכע קענען דורך איהר ליעד צוברעכען דעם קליינעם שיפעל און דערטרינקען דעם שוואַכען שיפער.

## „די לאָרעליי.

איך ווייס ניט וואָס עס קען בעדייטען,
וואָס כ'זעה אַזוי טרויעריג אויס;
אַ געשיכטעלע פון אַלטע צייטען,
געהט מיר פון קאָפּ ניט ארויס.

די לופט איז קיהל, און עס דונקעלט,
און רוהיג פליעסט דער רהיין;
דער הויכער בארג־שפּיץ פונקעלט
אינ'ם אבענד־זאָנענשיין.

די שעהנסטע מיידעל זיצט
דאָרט אויבען וואונדערבאַר:

www.libtool.com.cn

איהר גאָלדענע ציערונג בליצט,
זי קעמט איהרע גאָלדענע האָר.

מיט אַ גאָלדענעם קעמעל קעמט זי,
און בעגלייטעט אַ ליעדעל איהר מיח;
די גאַנצע הארץ צונעהמט זי
מיט איהר גוואַלדיגער מעלאָדיע.

דער שיפער בלייבט אונטען זיצען,
ערגריפען פון ווילדען פיין;
ער זעהט ניט די פעלזען־שפּיצען,
ער קוקט זיך אין איהר נור איין....

איך גלויב, דאָס די וועללען פערשלינגען
די שיפעל און דעם שיפער דערביי;
און דאָס האָט געטהאָן מיט איהר זינגען
די שעהנע לאָרעליי.“ —

איהר וועט מערקען ווי וואונדערשעהן דאָס בילד איז וועלכעס דער דיכטער צייכענט, ווי געפיהלפאָל ער צייכענט עס, און ווי רייך דער געדאַנק איז אויסגעדריקט.

די דראַמאַטישע דיכטונגס־ארט איז אזא, אין וועלכע דער דיכטער רעדט ניט דירעקט צו אייך אין דער ערשטער פּערזאָן, אין וועלכער ער שילדערט ניט קיין לאַנדשאַפטען, פּערזאָנען און בעגעבענהייטען רעדענדיג דירעקט צו אייך, נאָר ער בעשאַפט מענ־שען, ער לאָזט פּערזאָנען רעדען, ווי זיי וואָלטען גערעדט, אָדער ווי זיי רעדען אין ווירקליכען לעבען, אונטער געוויסע אומשטענדען, און לאָזט זיי האנדלען אויף דער ביהנע, ווי זיי וואָלטען געהאַנדעלט אָדער האנדלען אין ווירקליכען לעבען. ער בעאָבאַכטעט מענשען, זיטען, עראייגניסע, צופעלע, און צייגט דיעזע צופעלע, דיעזע מענ־

www.libtool.com.cn

שען אויף דער ביהנע פונקט אזוי, ווי ער האָט זיי געזעהן אין לעבען; אָדער ער שילדערט פּערזאָנען פון דער געשיכטע, ד. ה., ער שטעלט פאָר א געוויסען צופאַל, א געוויסע בעגעבענהייט, וועלכע האָט זיך געטראָפען מיט יאָהרען צוריק, און צייגט אונז פערזאָנען, וועלכע זיינען שוין לאַנג טויטע, אָבער וועלכע מיר, ד. ה., די וואָס זיינען בעקאַנט מיט זייער לעבענס-געשיכטע, געדענקען אָדער צום גוטען, אָדער צום שלעכטען אין דער דראַמאַ צייגט דער דיכטער אויף פערשיעדענע פעהלער פון דער געזעלשאַפט, ער צייגט ווי גרויסע מענער האָבען געלעבט, געשטריטען, געליטען און זיך פערטהיידיגט; ער צייגט ווי מענשען ליעבען זיך, בעטריגען זיך, מאַכען איינער דעם צווייטען אונגליקליך, אום צו ווארנען אנדערע, ד. ה. די צושויער, אָדער זיי צו לערנען. אויסציגע פון דראַמען וואָלט געווען נוצלאָז צו געבען, און צו רעדען פון דער דראַמא און איהר געבוי איז דאָ אייגענטליך ניט דער פּלאַץ.

אַן עפּישעם געדיכט איז א געדיכט אין וועלכען דער דיכטער דערצעהלט אונז א העלדענטהאַט אָדער א העלדישע ליעבעס-געשיכטע אין שעהנע, געוועהנליך לאַנגע, פערזען אָדער אין א שעהנער פערזענמאָס אָהן גראַמען. אזא געדיכט איז געוועהנליך זעהר לאַנג און פילט אַן געוועהנליך א דיקען בוך. אין אזאַ געדיכט שילדערט דער דיכטער פיעלע פערזאָנען: העלדען, קריעגסלייט, ליעבהאבער א. ז. וו.; פיעלע האַנדלונגען, אינטריגען, סיטואַציאָנען, שטעדט, לענדער, ימים, בערג, וועלדער, טייכען א. ז. וו. ער שילדערט די העלדען יעדען מיט זיין ליידענשאַפט, אויסזעהען, בעשעפטיגונג, ליעבעס-געשיכטע א. ז. וו. ער שילדערט די געבורטס-און וואוינ-ערטער פון זיינע העלדען, און דאַן ברענגט ער זיי צונויף און לאָזט זיי רעדען, קעמפּפען, ליעבען זיך, ליידען, גליקליך זיין, לויט ווי זיין ערצעהלונג, אָדער ווי די היסטאָרישע פאַקטען, אויף וועלכע ער גרינדעט זיין געדיכט, פערלאַנגען. געוועהנליך זינגט אַן עפּישער דיכטער פון העלדען, פון געטער, פון גרויסע קעמפּפער, פון בעריהמטע, זעהר שעהנע אָדער שוידערליכע ליעבעס-געשיכטען,

www.libtool.com.cn

אָרער פון קעניגע, הערשער, קריעגסלייט און גרויסע שטרייטען. אין זיין גרויסעם עפּישעם געדיכט „דער פערלאָרענער גן־עדן“ זינגט דער גרויסער ענגלישער דיכטער מילטאָן פון דעם פאַל פון אדם און חוה אין גן־עדן, פון דעם שטן, וועלכער האָט זיי אָנגערעדט צו עסען פונ׳ם עץ־הדעת, פון דעם פאַל פונ׳ם שטן, וועלכער האָט רעבעלירט געגען גאָט און איז אַרויסגעטריעבען געוואָרען פון הימעל אין גיהנם אַריין מיט זיינע אנהענגער. ער שילדערט אין דיעזען געדיכט די בעשאַפונג פון דער וועלט, לויט דער ערצעהלונג אין דער ביבעל, און מאָהלט אין פּראַכטפאָלע פאַרבען און וואונדערליכע פערזען אָהן גראַמען די פערשיעדענע לאַנדשאַפטען פון גן־עדן, די שהענהייטען פון דער יונגער, ערשט־בעשאַפענער נאַטור, די פעהיגקייטען פון די הימלען מיט די מחנות פלאַמענדע, אומשוועבענדע מלאכים און שרפים, און דעם גיהנם מיט זיין פייערדיגען טייך פון שוועבעל און פעך, מיט זיין פינסטערנים, אימה׳דיגקייט, גרויסקייט און דונקעלהייט, און מיט די אַרויסגעטריעבענע, רעבעלירענדע מלאכים, וועלכע קייקלען זיך אויפ׳ן פלאַמענדען שטראָם אַרום זייער פיהרער, דעם שטן.

אין זיין עפּישעם געדיכט די „איליאַדע“ און די „אָדיססע“, זינגט דער אונשטערבליכער האָמער, דער פאָטער פון די פּאָעטען, און דער גרעסטער עפּישער דיכטער פון דער וועלט, „פון דער איינ־נעהמונג און דעם פאַל פון דער שטאדט טראָי“, פון די קעמפפע און ליעבעס פון די אַמאָליגע גריעכען; פון די אַלטע, וואונדערשעהנע גריעכישע געטער מיט זייערע געטינען, בעטראַכטונגען, פעסטען, שטרייטיגקייטען, אינטריגען און אַריינמישונגען אין די קעמפפע פון די גריעכען מיט די טראָי׳ער. ער שילדערט דעם אַמאָליגען לעבען פון די גריעכען אין וואונדערליכע לעבענדע פאַרבען און ציינט אונז אַ וועלט, וועלכע איז לאַנג ניטאָ אין דער ווירקליכקייט, אָבער וועלכע לעבט און בליהט אין זיין דיכטונג און איז אונשטערבליך און זאָנדערבאַר שעהן.

אין זיין גרויסעם עפּישעם געדיכט „די געטליכע קאָמעדיע“,

www.libtool.com.cn

זינגט אונז דער אונשטערבליכער ד אַ נ ט ע, — דער גרעסטער דיכ־טער פון איטאַליען — פון די קוואַלען, פּייניגונגען, שרעקען און געוואַלדיגע אימה׳דיגע יסורים און שטראָפען פון גיהנם; פון דער מיטעל־געגענד צווישען גיהנם און דעם הימעל, וואו די זינדיגע נשמות, וועלכע וועלען און מוזען אמאָל אריין אין גן־עדן, לייטערן זיך און ווערען אָבגערייניגט פון זייערע זינד, און פון דעם הימעל, דעם פּאַראַדיז אַליין, וואו די הייליגע, אָבגעקומענע און אויסגערייניגטע נשמות האָבען די זכיה צו זעהן דעם אָבגלאַנץ פון דער געט־ליכקייט אַליין, און הערען די וואונדער־זיסע געזאַנגען און לויב־געשרייען פון די מלאכים, כרובים, שרפים און די דאָרט לעבענדע זעעלען. דאָס געדיכט איז וואונדערליך גרויס אין זיינע שילדערונ־גען פון די קוואַלען פון גיהנם, פון די פערשידענע אבטהיילונגען פון יסורים און אונבעשרייבליכע ליידען, וואו פייער און וואַסער, פּעך און שוועבעל, שנעע און אייז, געוואַלדיגע היץ און אייביגער פראָסט, — וואו אַלערליי קוואַלען און שרעקליכע שטראָפען ווערען געברויכט פאַר די זינדיגע און אונריינע נשמות פון דיזער ערד; עס איז גרויס אין דער דייטליכקייט, מיט וועלכע דער דיכטער האָט געשיל־דערט אַלע זיעבען אבטהיילונגען נאָך אַ געוויסע אָרדנונג, און געצייכענט די פערדאַמטע און זייערע פּייניגער, די מעכטיגע, שרעק־ליכע און דאָך גרויסע שדים; — עס איז גרויס אין די שעהנהייטען און אייביגע קרעפטען, וועלכע דער דיכטער שילדערט און בעשרייבט אין דער דריטער אבטהיילונג פון דעם געדיכט, וועלכעס רופט זיך „דער גן־עדן“.

אַלס ביישפּיעל וועל איך דאָ געבען אַן אויסצוג פון גרויסען ענג־לישען דיכטער מילטאָן׳ס עפּישעם געדיכט „דער פערלאָרענער גן־עדן“. מיט דיעזען אויסצוג וויל איך צייגען, ווי אַ גרויסער דיכטער שילדערט אַ לאַנדשאַפט, ווי פיעל שעהנהייטען און גרויסקייטען ער נעהמט ארום מיט אַ מאָל, און ווי רייך ער שילדערט און בעשרייבט עס. אין דיעזען טהייל פון דעם געדיכט שילדערט ער דעם גן־עדן, ווי דער שטן האָט איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן אראָבשטייגענ־

www.libtool.com.cn

דיג אויף א צווייג אין דער געשטאַלט פון א רויב־פויגעל, וועלכער רופט זיך „קאָרמאָבאַנט“.

„אַ גליקליכער לאַנד־אָרט רייך אין אויסזיכטען.
וועלדלעך וואָס זייערע בוימער האָבען געוויינט
מיט גומיען דופטענדע און באַלזאַם; און
מאַנכע וואָס זייערע פריכטע, אָנגעטהאָן
אין גאָלד'נע שאָלעכץ, זייגען אנגענעהם
און זעהר געשמאַק געהאַנגען אויף די צווייגען.
און צווישען זיי זייגען געוועזען לאָנקעס,
אָדער גלייכע גריבע פלעצער גראָז,
וואו סטאַדעס האָבען זיך געפּאַשעט אויף
די וויכע גרינסען; אָדער פּאַלמען־בערגלאַך,
אָדער דער בלומענשוים פון מאַנכען טהאָל
וואָס קען בעוואסערט ווערען, האָט פערשפּרייט
זיין רייכטהום, — אַלערליי קאָלירטע בלומען,
און אויך די ראָזע אָהנע דערנער. אין
אַ צווייטער געגענד זייגען דאָרט געוועזען
שאָטענדיגע היילען אויסגעטיעפט אין פעלז,
שטיל, קיהל און איינזאַם, איבער וועלכע דער
מיט זאַפט ערפילטער ווייגשטאָק לאָזט ארוים
זיין פּורפּור־רויטע ווייגטרויב, וואַקסענדיג
אין רייכטהום זאַנפט און שטיל, און אונטערדעסען
פאַלען מורמלענדיגע וואַסערן, באַרג אראָפּ,
אין שטראָמען זיך צושפּרייטענדיג, אָדער
זיך אין אַ טייכעל זאַמלענדיג, וואָס איז
אַ שפּיגעל פאַר'ן ארומגעזוימטען ברעג,
וואָס איז געקרוינט מיט מירטען. ס'זינגען דאָרט
די פויגעל, ליעדער, פריהלינגס־ליעדער, וועלכע
אטהמען ארוים דעם דופט פון וואַלד און גאָרטען,
זינגען די בלעטער; אונטערדעסען האָט
די עוויגע נאַטור, פערפלאָכטען מיט
די שטונדען און די גראַציען אין אַ טאַנץ,
געפיהרט דעם עוויגען פריהלינג.“

(„דער פערלאָרענער גן עדן“, 4טעם בוך, שורות 241-268).

www.libtool.com.cn

א דידאַקטישעס געדיכט איז אַ געדיכט, אין וועלכעם דער דיכטער לערנט אונז עטוואָס דירעקט, אין אַזאַ געדיכט קען מען פּרעדיגען מאָראַל, ערקלערען אַ וויסענשאַפטליכע טהעאָריע, ווי מען פלאַנצט בלומען, צום ביישפּיעל, אָדער ווי מען זאָל האַלטען אַ ביהנסטאָק. עס איז אַ געדאַנקען־געדיכט און ווערט געשריבען ניט מיט טיעפען געפיהל; אָבער אין אַזאַ געדיכט קענען אויך אויסגעדריקט ווערען שעהנע, פּאָעטישע געדאַנקען. ווען דער דידאַקטישער דיכטער רעדט צו די פעלקער, אָדער צו זיין אייגענעם פאָלק, אָדער ווען ער לערענט אונז, דאַן קען ער זיין ווירקליך פּאָעטיש.

די „סאָננעטע" האָט אין זיך שטענדיג פערצעהן שורות, וועלכע גראַמען זיך זעהר שעהן. אין אַ סאָנעטע מוז דער דיכטער אויסדריקען אַ שטאַרקען, טיעפען, רייכען, אויסגערונדעטען געדאַנק אָדער געפיהל, אָדער ער מוז מאָהלען אַ בילד, שילדערען אַ סצענע, אָבער זעהר שעהן און האַרמאָניש. ער מעג זיך ריידען פון ליעבע, פון העלדישקייט, פון פרייהייט, פון אַ גרויסען אידעאַל, פון שמערץ און זאָ ווייטער, אָבער דער געדאַנק מוז זיין טיעף, שטאַרק, קורץ געפאַסט און וויכטיג. איך ברענג דאָ אַ סאָננעטע, וועלכע איז איינע פון די בענאַהע דריי הונדערט סאָננעטען, אין וועלכע דער פּאָעטער פון דער סאָננעטע און בענאַהע איהר גרעסטער מייסטער, דער גרויסער איטאַליענישער דיכטער פּ ע ט ר אַ ר ך (געלעבט אין 14טען יאָהרהונדערט) האָט בעזונגען זיין ליעבע פיר אַ געוויסער, זעהר שעהנער און גייסטרייכער דאַמע מיט דעם נאָמען „לאָראַ". אין דיעזער סאָננעטע בעקלאָגט ער דאָס פערוועלקען פון זיין געליעבטער לאָראַ'ס שעהנהייט. איהר וועט מערקען, ווי שעהן דער געדאַנק קלינגט דאָ און ווי רייך דאָס געדיכט איז אין פערזען־מאָס און קלאַנג; איהר וועט אויך מערקען ווי די שורות גראַמען זיך שעהן:

### די סאָננעטע.

„פערוועהט צום ווינד זיינען די גאָלדענע האָר,
וואָס האָבען אין טויזענד לאָקען זיך צושפּרייט,

www.libtool.com.cn

און יענע זיסע אויגען־ליכט איז פערוועהט,
וועלכע איך זעה ניט מעהר זאָ שעהן און קלאָהר.
און אויך ניט איהר געזיכט, וואָס האָט מיר נאָר,
(ס'האָט ווירקליך זאָ געשיינט) מיט גוטעם ערפרעהט.
אויך איך, וואָס מוז לעבען ביז צום טויט,
האָב עס פערצעהרט — וואָס פאַר אַ וואונדער נאָר?
איהר שריט איז ניט געוועזן קיין מענשליבער,
נור ווי אַ מלאך'ס, און איהר זיסע שפּראַך
האָט ניט געקלונגען ווי אַ מענשענ'ס רייד,
אַ לעבענדע זאַנע, ווי אַ גאַסט פיעל מעהר,
כ'האָב זי געזעהן, — ניט שעהן ווי יונגערהייד,
דאָך שמערצט די וואונד, אָבוואָהל דער בויגען איז שוואַך".

אויב איך האָב אין דער איבערזעצונג געמאַכט וועלכע ענדע־רונגען, האָב איך עס געטהאָן, אָדער געמוזט טהאָן צוליעב דעם זשאַרגאָן. דער לעזער אָבער קען זיך פון דעם מאַכען אַ בעגריף וועגען דער סאָננעטע, און ווי די שורות גראַמען זיך. די ערשטע און די פיערטע, די פינפטע און די אכטע שורהה גראַמען זיך; דאַן גראַמען זיך די צווייטע און די דריטע, די זעקסטע און די זיעבעטע; דאַן גראַמען זיך ווידער די ניינטע און די צוועלפטע, די צעהנטע מיט דער פערצעהנטער, און די עלפטע מיט דער דרייצעהנטער.

די אָ ד ע איז אַ געדיכט, וועלכעם ווערט געשריבען, ווען דער דיכטער וויל לויבען אַן ערהאַבענעם געגענשטאַנד, אַ גרויסער מאַן, אַ גרויסע אידעע, אַ גרויסע בעוועגונג; אָדער ווען ער וויל אויפ־וועקען אַ פאָלק, אָדער פעלקער צו אַ גרויסען קאַמפף. אַזוי ווי די גרויסע דיכטער האָבען געשריעבען די אָדע, איז זי אַן אַרט כרובים־געזאַנג, אין וועלכען דער דיכטער דריקט אויס זיין העכ־סטע בעגייסטערונג אין אינהאַלטסרייכע, קלינגענדע און העכסט־מעלאָדישע פערזען. מיר מוזען ווערען בעגייסטערט זי לעזענדיג; מיר מוזען זיך פאָרשטעלען די ערהאַבענהייט פונ'ם דיכטער ווען

www.libtool.com.cn

ער דיכטעט עס, ווען ער פערטיעפט זיך אין זיין גרויסען געדאנק, און שוועבט ארויף אין די הימלען אויף די פליגעל פון זיין פאנטאזיע. איך ברענג דא א טהייל פון א געדיכט, וועלכעס איז אם עהנליכסטען צו דער אָדע, ווי די גרויסע דיכטער האבען זי א מאל געשריבען, און וועלכעס דער גרויסער ליטעראטור־היסטאריקער סיסמאָנדי בעטראכטעט אלס איינע פון די רייכסטע און ערהאבענסטע געדיכטע, וואס דער איטאליענישער דיכטער פעטראך האט ווען געשריעבען. אין דיעזער אָדע, עס איז וואהר, מונטערט דער דיכטער אויף די פעלקער צו א קרייץ־צוג. אונז קימערט אָבער דא ניט דער אינהאלט פון דאס געדיכט, נור די פאָרמע, די אָרט, אין וועלכער דאס געדיכט איז געשריבען געוואָרען. איהר וועט מערקען ווי גרוים די אויפפאסונג איז דא, ווי הויך דעם דיכטער'ס פאנטאזיע פליהט דא, ווי רייך די שפראכע איז, און ווי ער פערשטעהט און ערהויבט דעם געדאנק און די אידעע דורך די מעלאָדיע פון די פערזען, וועלכע גיסט זיך אָהן אן אָבשטעל, שטייגט ארויף און ווערט רייכער און ברייטער, ווי די טענער פון אן אָרגאן אָדער ווי א פעראייניגונג פון פיעלע הארפען־שטימען:

„און אַלע וועלכע וואוינען צווישען די
זאַלציגע הויפט־ימים, און רהיין און רהאָן,
צווישען דעם שטראָמען־טייך גאַרראָן,
און אין די הויכע בערג, זאָלען פריה
זיך מיט דעם קריסטען־צוג פעראייניגען.
און אויב עס לעבען מענשען, — צווישען
דעם קרייז וואָס רינגעלט זיך אַרום אָרום
די פירענייען, וועלכע שעצען מוטה,
זאָל אַראַגאָן און שפּאַניען אומעדום
פערלאָזען ווערען. ענגלאַנד, וועלכע רוהט
מיט איהרע אינזלען, איינגעגאַרטעלט פון
דעם ים, צווישען די ווייטע בער־שטערן און

www.libtool.com.cn

דעם גרויסען זווילען־דורכגאַנג, — יא, איטליבע
לאַנד וואו די הייליגע חכמה פון העליקאָן *)
בעזיצט נאָך וועלכען צויבער, פערשיעדענהייט
אין שפּראַכע, קלייד און וואַפּע זאָל טהאָן,
פון זיסער וואָהלטהאַט ווערען, דיעזע טהאַט. —
דען וועלכע טרייע ליעבע, צערטליכקייט,
פון קינדהייט, אָדער מעדכען־פּרעכטיגקייט,
קען זיך פערגלייכען מיט די זיטליכע,
און שטרענגע פליכט פון דיזען הייליגען שטרייט?

„ס'איז דאָ אַ ווייטע געגענד פון דער וועלט,
בעדעקט מיט שנעע, און איינגעדריקט אין קעלט,
דערווייטערט שטאַרק פון דער זון'ס ליכטיגקייט,
וואו אין טומאַן פערלויפט די טאַגעס־צייט.
דאָרט וואָהנט אַ ראַסע, וועלכע איז פון דער
נאַטור געוואוינט צו קריעג, וועלכע פעראַכט
די שרעק, זאָגאר אין טויט, — זאָלען זיי, פריער
נאָך ווי זיי האָבען וועלען געשיינט צו זיין,
איינשליסען זיך מיט זייער שטאַרקע מאַכט
אינ'ם דייטשען בונד. און דאַן, דענק איך,
וועלען די טערקען און אַראַבען זיך,
און די כאַלדעער ביים ברעג פון רויטען מעער,
ניט לאַנג בעריהמען מיט זייער פוסטער קראַפט,
אָדער מיט זייער פאַלשער געטערשאַפט.
אַ פאָלק פון נאַק'טע טרוסען, ניט געשווינד
אין קאַמפּף צו געהן, און אויך ניט קלוג,
און אויך ניט שטאַרק גענוג,
נאָר וועלכער שלאָגט זיך מיט דעם פוסטען ווינד".

*) אַ באַרג אין גריכענלאַנד. די אַלטע גריכען האָבען געגלויבט,
אַז דאָרט וואוינען די מוזען, אַזוי ווי אויף דעם באַרג פּאַרנאַס.

www.libtool.com.cn

ד י  ב אַ ל אַ ד ע  איז אַ געדיכט, אין וועלכער דער דיכטער דערצעהלט אַ שעהנע געשיכטעלע פון די זאַגען פון פאָלק, אָדער אַן אייגענע ערפונדענע. ער מעג דערצעהלען פון ליעבע, ריטער, פאַסטוכער, רויבער א. ז. וו. אָבער עס מוז אימער קלינגען פער־חלום׳ט, קינדיש, פאָלקס־מעסיג. עס איז אַ געדיכט, וועלכע פאַסט זיך געלעזען צו ווערען אין ווינטער, ווען דער שנעע וועהט און בורעט אין דרויסען, ווען די בערג און די בוימער זיינען אָנגעטהאָן אין ווייסען, די פענסטער בעדעקט מיט אַלערליי אייז און פראָסט־בלומען, אין שטוב איז ווארעם, לוסטיג, ציכטיג, ליעבליך און דאָס אויוועלע ברענט העל און וואַרפט זיין שיין אויף די דילען און די ווענט. דאָ איז אַ באַלאַדע פון דעם גרויסען דייטשען דיכטער געטהע:

## פאַר׳ן געריכט.

„פון וועמען איך האָב עס, דאָס זאָג איך אייך ניט;<br>
דאָס קינד איז מיין פלייש און בלוט.<br>
פוי! שפייט איהר אויס! די געמיינע פרוי!<br>
כ׳בין דאָך אָבער עהרליך און גוט.

„ווער ס׳איז מיין געליעבטער, דאָס זאָג איך אייך ניט.<br>
מיין געליעבטער איז ליעב און גוט,<br>
אויב ער טראָגט אַ גאָלדענע קייט אויפ׳ן האַלז,<br>
אָדער אַ שטרויענע הוט.

„און מוזען מיר ווערען פערשפּאָט און פעראַכטעט,<br>
דאָך טראָג איך אַליין דעם שפּאָט;<br>
דען איך קען איהם גוט און ער קען מיך,<br>
עס וויים דערפון אויך גאָט.

„איהר גלח און איהר הערר בעאַמטער איהר,<br>
איך בעט אייך לאָזט מיך צורוה;

www.libtool.com.cn

עס איז מיין קינד, עס בלייבט מיין קינד,
איהר לעגט דאָך דערצו ניט צו!"

די פּאַבעל איז אַ דיכטונגס־אַרט, אין וועלכער דער דיכטער דערצעהלט אונז אַ געוויסע געשיכטעלע פון חיות און זאַכען, דערצעהלט אונז וואָס זיי האָבען, צ. ב. ש. געטהאָן (אויב עס איז נאַטירליך צי ניט, אַרט אונז ניט) און לערנט אונז דאדורך, אינדירעקט, אַ מוסר השכל, אָדער צייגט אונז אויף אַ געוויסען פעהלער.

די עלעגיע איז אַ טרויער־געדיכט, אין וועלכער דער דיכטער בעוויינט דעם טויט, אָדער דעם פערלוסט פון אַ פריינד, אָדער אירגענד וועלכען טהייערען געגענשטאַנד.

דאָס עפּיגראַם איז אַ קורצעס געדיכט, געוועהנליך פון צוויי אָדער דריי שורות, אין וועלכעם דער דיכטער דריקט אויס אַ גרויסען, טיעפען, פיעלעס־אַרומנעהמענדען אַלגעמיינעם געדאַנק, וועלכער קען אָנגעווענדעט ווערען אַלס אַ בעלעהרענדער תוך־געדאַנק. דאָ איז אַ ביישפּיעל פון דאָס עפּיגראַם:

„ביזטו אַזוי ווי אַ בוים, וועלכער גיט אונז ערקוויקענדע פרוכט,
ווערסטו געליעבט און געאַכטעט, ווערסטו געשעצט און געזוכט".

דער דיכטער דריקט דאָ אויס אַ טיעפען געדאַנק אין צוויי שורות, וועלכער איז אימער וואָהר, — דעם געדאַנק, נעמליך, דאָס אַלע האָבען ליעב אַ מענשען מיט אַ רייכען גייסט, מיט אַ שעהנער, בליהענדער נאַטור; אַ מענשען, וועלכער קען אונז געבען ערקוויקענדע פרוכט, ווי אַ בליהענדער בלום!

* * *

אַ געפיהל אָדער געדאַנק, אין וועלכער פאָרמע דער דיכטער זאָל איהם ניט אויסדריקען, מוז אימער זיין טיעף, שאַרף, נאַטור־

www.libtool.com.cn

טריי. ווען דער דיכטער שילדערט א לאנדשאפט, זאָל ער ניט צוזאמענקלייבען ווערטער, מיט וועלכע מען קען אָפּמאָהלען א נאטור־בילד און זיי צונויפפלעכטען אין א געדיכט, אָהן עס צו פיהלען, נור ער זאָל פריהער זיין בעאיינפלוסט פון דער שעהנהייט פון דער נאטור, פון דער סצענע, וועלכע ער מאָהלט, ער זאָל פ י ה־ ל ע ן, וואָס ער צייכענט; — דאָס בילד, דער געדאנק, דאָס גע־פיהל זאָל זיך ארויסזינגען!

ווען איהר לעזט פּאָעזיע, זוכט אין איהר אמת'ע געפיהלען, וואהרע מוזיק, שעהנע געדאנקען, רייכטהום פון שפּראכע און בע־גריפע; זוכט דעם רייכטהום פון דער אויסערליכער וועלט און פון דער אינערליכער וועלט, פון דער זעעלע.

## די נוצען פון פּאָעזיע.

לעזענדיג גוטע פּאָעזיע, פילען מיר גאָן די מוחות מיט אנ־גענעהמע, שעהנע בילדער, אָדער מיט רייבע, שעהנע, בעגייסטערנ־דע געדאנקען. מיר נעהמען אריין אין זיך דאָס, וואָס דער וואה־רער פּאָעט דענקט אימער פון שעהנעם און ערהאבענעם. „א בוך, — זאָגט דער גרויסער ענגלישער דיכטער מילטאָן, — איז א מענש, די נשמה, דאָס בעסטע, דאָס רייכסטע פון א מענשען". (נאטירליך, ער מיינט א גוטען בוך). און געוויס קען מען זיך אָפּלערנען עטוואָס גוטעס, ווען מען מאכט די בעקאנטשאפט פון מענשען, ווי מילטאָן, שעקספּיער א. ז. וו. פּאָעזיע, גוטע פּאָעזיע, הויבט אונז אויף, נעהמט אונז ארוים פון אונזערע טעגליכע זאָרגען און ענגע געדאנקען־קעמערלעך און פיהרט אונז אריין אין פּאלאַס־טען פון שעהנהייט און ערהאבענהייט. זי פערשפּרייט א צויבער ארום אונזער לעבען, ווארעמט אָן די וועלט פאר אונז און פילט אָן די לופט ארום אונז מיט מוזיק און שעהנהייט. פּאָעזיע, אין איה־רע פערשיעדענע פאָרמען, צייגט אונז, וואו מיר בעגעהען פעהלער אין פריוואטען אָדער געזעלשאפטליכען לעבען; זי האלט פאר אונז

www.libtool.com.cn

א שפּיגעל און צייגט אונז, ווי מיר זעהען אויס און ווי די גאַנצע וועלט זעהט אויס.

פּאָעזיע האָט געהאַט, האָט ביז צום היינטיגען טאָג, און וועט אימער האָבען אַ גרויסע ווירקונג אויף דער מענשהייט. זי בע־גייסטערט מיליאָנען, טרייסט און שטאַרקט טויזענדער, רעדט פיר אַלעמען, דריקט אויס אַלעמענס ליידען, אַלעמענס זאָרגען, אַלע־מענס פרייד און טרויער; עס איז די שפּראַכע פון דער זעלע, פון יענע געפיהלען און געדאַנקען, וועלכע קענען ניט אויסגעדריקט און איינגעראַהמט ווערען אין אַ קאַלטער פּראָזא, ווייל זיי זיינען הייס, גליהענד, פליסענד, שטראָמענדיג. פּאָעזיע איז אַ צויבער־לאַנד פון שעהנהייט, פּראַכט, לוסט, ליעבע, ענטציקען, אַן אונבעשרייב־ליכע לאַנד פון וואונדער און בעגייסטערונג.

מיט פּאָעזיע קען מען ענטציקען, אויפמונטערען און בעגייס־טערען גרויסע מאַסען מענשען פאַר אַ גרויסען קאַמפף. איין ליע־דעל קען ערוועקען טויזענדער און ווערען זייער קאַמפּפס־געשריי אין פעלד.

דער פּאָעט פיהרט אונז אַרויס פון לעבען אין דער נאַטור; ער פיהרט אונז צוריק אין די אַלטע צייטען, צום אָנפאַנג פון דער וועלט, צו דער צייט, ווען אַלעס איז נאָך געווען יונג, פריש און בליהענד; ער פיהרט אונז צוריק אין די הייליגטהימער פון פעל־קער, צוריק צו די אוראַלטע טעמפּלען פון געזאַנג און קונסט. ער וועקט אויף די טיעפע, גרויסע שטימע וועלכע קלינגט אַרויס פון די טיעפקייטען פון דער וועלט, די שטימע, וועלכע רופט אַרויס טרעהרען אין די אויגען, ווען מיר דערהערען זי. דער פּאָעט צייגט אונז די גרויסע טראַגעדיעס פון לעבען, ווי מענשליכע הערצער ווערען צובראָכען, ווי שיקזאַלען ענטשיידען זיך, ווי וועלטען און דורות געהען אַוועק. אויף דעם אייביגען מאַרשירען פון די דורות און די פעלקער רוהט זיין בליק. ער שטעהט אויף דעם הויכען שאָסע פון די צייטען און זעהט די פּילגער פון לעבען ציהענדיג פון וויעגעל צום קבר; ער זעהט זייערע פלאַטערנדע לאַנגע קליי־

www.libtool.com.cn

דער, זייערע פערשיעדענפארביגע קאסטיומען און געוואנדען, זייערע געזיכטס־ציגע, ער זעהט זיי שפרייזענדיג דורך די בערג און טהאלען, איבער דערנער און בלומען, בארג ארויף און בארג אראפ; און ווי א וועג־פיהרער אדער ווי א פאטער גריסט ער זיי, ציינט זיי אן מיט זיין ערהאבענער האנד, וואוהין זיך בעסער צו ווענדען, צייגט זיי וואו עס ליעגען די זוניגע לענדער פון גליק און שעהנעם, ערדלעם און ערהאבענעם. — און בעטראכטענדיג דיעזען אייביגען פילגער־צוג, ציטערט זיין גייסט מיט דעם געפיהל פון א נביא, זיפצען רייסען זיך ארויס פון זיין הערץ, און ער וויינט, — וויינט מיט טרעהרען פון ליעבע, טרעהרען פון איבערפליסענדע געפיהלען, טרעהרען פון האפנונג און טרעהרען פון ענטציקונג.

די פאעזיע איז די זינגענדע געשיכטע פון די צייטען.

עס קלינגט איבעראל: וועקענדיג, שטופענדיג, לאסטשענדיג, קושענדיג, לאכענדיג, וויינענדיג, פערוויעגענדיג, בעגייסטערנדיג, און ערצעהלענדיג די טהאטען פון פריהערדיגע דורות; עס נעהמט אונז ארויף אויף די שפיצען פונ'ם אויביגען בארג אלימפוס, וואו די גריכישע געטער ריידען צוזאמען אין בעראטהונג, אין די גרויסע גאלדיג־פינקלענדע זאלען, טרינקענדיג וויין; זיי שפיעלען זיך מיט דעם דונער און בליץ־שטראהל, זיי שפיעלען אין ליעבע, אין אייביגער געטליכער ליעבע, די ראזיגע, זוניגע געטער, און לאכען און שוועבען ארום פון לאנד צו לאנד, וואו עס וואוינען די דיענענדע פעלקער.

איהר זעהט ווי די קעמפפע פון אור־אלטע פעלקער ערוואכען פאר אייערע אויגען; איהר זעהט די אלטע אייראפעער קעמפפענדיג ווי לייבען, און רייסענדיג זיך ווי טהיערע, טרינקענדיג פרעהליך אין זייערע זאאלען, צוהערענדיג זיך צו די ליעדער פון זייערע אלטע פאעטען; איהר זעהט די טעמפלען אין אלטען עגיפטען, די דונקעלע געטער מיט זייערע גזירות; דאס שקלאפענדע פאלק און די הערשענדע הערען; די קעניגע מיט זייערע טעמפלען און מעכטיגע פיראמידען, מיט זייערע אונטעראירדישע היילען און ריעזיגע

www.libtool.com.cn

ספינקסען, וואָס קוקען אריין אינ'ם מדבר, געהיימניספאָל און דונ־קעל; איהר זעהט שטורם און רוהע, ליעבע און ראכע, האס און פעראכטונג, העלדען און געטער, אידען און היידען, אראבער, גרי־כען און רוימער, דייטשען און איטאליענער, טיראָלער און שוויי־צער, רוסען און פּאָליאַקען, אלעמען זעהט איהר אין זייערע נאַ־ציאָנאלע קאָסטיומען מיט זייערע זיטען און לעבענס־ארטען, געז־טער און פיהרער, געזעצע און רעגיערער; מיט פיגורען און בע־וועגונגען; געהענדיג, וואקלענדיג, שטרייטענדיג, קעמפּפענדיג, האנדלענדיג, ליעבענדיג, האסענדיג, האָפענדיג, לערנענדיג און לעבענדיג.

www.libtool.com.cn

# היינריך היינע

היינריך היינע, דער גרויסער דייטשער פּאָעט, וועמעס מאָנו־
מענט מען האָט מיט יאָהרען צוריק אויפגעשטעלט אין ניו יאָרק, אין
דער 166טער סט., איז געבאָרען געוואָרען אין דיסעלדאָרף, דייטש־
לאַנד, אין דעם יאָהר 1799, אָדער 1800. זיין מוטער איז געווען
אַן אויסגעצייכענטע, קלוגע און געבילדעטע פרוי, וועלכע האָט איהר
זוהן שטארק געליעבט, און איז פון איהם שטארק געליעבט געווען.
זיין פאָטער איז געווען אַ געשעפטסמאַן, וועלכער האָט זיך ווייניג־
וואָס אָבגעגעבען מיט ליטעראַטור און בילדונג; ער איז אבער
געווען אַ גוטער און ניט קיין נאַרישער מענש.

אלס קינד האָט היינע געלערנט אין די שולען פון דיסעלדאָרף,
און אין דעם יאָהר 1819 איז ער אוועק נאָך באָן צו שטודירען געזעצע
(לאָא), אָבער דאָרט האָט ער זיך גענומען מיט מעהר חשק צו שטודי־
רען די מאָדערנע און אַלטע דייטשע ליטעראַטור אונטער דער אויפ־
זיכט פון זיין לעהרער און פריינד אויגוסט שלעגעל. ער האָט נאכ־
הער שטודירט אין בערלין און אין געטינגען, און האָט אין דער
לעצטער שטאָדט געקראָגען דעם טיטעל פון אַ געזעץ־געלעהרטען.
אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געטויפט. אין יאָהר 1822 האָט
ער געדרוקט זיין ערשטע זאַמלונג לירישע ליעדער (מעהרסטענ־
טהיילס ליעבעס־ליעדער), וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.
אין דעם יאָהר 1826 האָט ער געמאַכט אַ רייזע נאָך דער „האַרץ"
(אַ געגענד אין דייטשלאַנד) און נאָך איטאַליען. דיעזע רייזען
האָבען איהם פערזאָרגט מיט מאַטעריאַל פאַר זיינע „רייזע־בילדער",
וועלכע ער האָט אָבגעדרוקט ביז דעם יאָהר 1831. דיעזער בוך
האָט געהאַט אַ זאָנדערבאַרען ערפאָלג אין דייטשלאַנד. דער יונגער
דור איז בערוישט געוואָרען פון איהם. ניט ווייניגער ערפאָלגרייך

www.libtool.com.cn

איז געווען זיין „בוך דער ליעדער“, געדרוקט אין 1827. דורך דער יולי־רעוואָלוציאָן איז היינע געוואָרען אַ זעהר הייסער דעמאָקראַט־רעוואָלוציאָנער. און אין דעם יאהר 1831 זיינען ערשיענען זיינע שריפטען מיט דעם טיטעל: „קאַהלדאָרף׳ס מיינונגען איבער דעם אדעל, אויסגעדריקט אין בריעף צו דעם גראַפען מ. פאָן־מאָלטקע“. ער האָט דאַן געפונען פיר פאַסענד צו פערלאָזען דייטשלאַנד. פון זיכערהייטס־וועגען איז ער אַוועק נאָך פּאַריז, וואו ער האָט פער־בראַכט די איבריגע יאָהרען פון זיין לעבען אין שרייבען.

אין דעם יאָהר 1835 האָט ער געהייראַטה אַ געוויסע „מאַטהילדע“, אַ פּראָסטע אָבער ליעבליכע פרויענצימער, וועלכע ווערט אָפט דערמאָנט אין זיינע שריפטען.

אין דעם יאהר 1843—44 האָט ער ווידער בעזוכט זיין געבורטס־לאַנד, דייטשלאַנד, צו זעהן זיין אַלטע מוטער, וועלכע ער האָט שטאַרק געליעבט. ביי זיין צוריקקעהרען זיך אין פראנקרייך האָט ער געדרוקט זיין ווערק „דייטשלאַנד, אַ ווינטער־מאַזקע“, אין וועלכען ער דערצעהלט פאַנטאַסטישע געשיכטען און לעבערליך קאָמישע מעשה׳לעך, אין וועלכען ער לאַכט אָב און קריטיקירט זעהר שאַרף אַ גרויסע מאַסע פון זיינע לאַנדסלייט: קעניגע, שטאַאַטס־מענער, פּראָפעסאָרען, שרייבער, קינסטלער א. ז. וו.

אין דעם יאָהר 1847 האָט ער געקראָגען די קרייץ־קראַנקהייט, און איז פון דאַן אָן ביז זיין טויט כמעט אימער געלעגען אין בעט. ער האָט שרעקליך געליטען, און איז בלינד געוואָרען אויף איין אויג. ער האָט אָבער געליטען ווי אַ מענש, ווי אַ העלד און איז מעהרסטענ־טהיילס געווען גוט־אויפגעלעגט ביז זיין טויט, וועלכער האָט שטאַט־געפונען אין פּאַריז, דעם 17טען פעברואר 1856. אין זיין צוואה פערלאַנגט ער, דאָס קיינע רעליגיעזע צערעמאָניעס זאָלען ניט געמאַכט ווערען ביי זיין לויה. „דאָס — שרייבט היינע וועגען דעם — איז ניט די פוסטע פאַנטאַזיע פון אַ פרייידענקער. אין די לעצטע פיער יאָהר האָב איך אַוועקגעוואָרפען דעם גאַנצען פילאָזאָ־

www.libtool.com.cn

פישען שטאָלץ, און האָב געפיהלט די קראַפט פון רעליגיעזער װאַרהייט.‟ װי פיעל מען קען גלויבען אין דיזער בעהויפּטונג, צייגט, װאָס ער האָט נאָכדעם גערופען גאָט „דער מעכטיגער אַרי־סטאָפּאַנעס פון הימעל‟, װעלכער לאַכט פון זיינע שמערצען. (אַריסטאָפּאַנעס איז געװען אַ גריעכישער פּאָעט).

אויסער די װערקע װאָס איך האָב דאָ דערמאָנט האָט היינע געשריעבען און געדרוקט די פאָלגענדע שריפטען: „פראַנצויזישע צושטענדע‟, „דער סאַלאָן‟, „שעקספּיער׳ס מעדכען און פרויען‟, „נייע געדיכטע‟, „אַטטאַ טראָלל‟, „ראָמאַנצעראָ‟ א. ז. װ. זיינע געזאַמעלטע שריפטען זיינען שוין פיעלע מאָל איבערגעדרוקט געװאָרען, און װערען געדרוקט אין דער גאַנצער װעלט אין ביינאַה אַלע שפּראַכען פון דער ערד. ער איז בעריהמט געװען אין זיין צייט אַלס איינער פון די גרעסטע לירישע דיכטער, אַלס איינער פון די ערשטע און הייססטע פערטהיידיגער פון פרייהייט און רעכט, און אויך אַלס פילאָזאָף, און װעט בלייבען בעריהמט.

היינריך היינע, דער מענש, איז געװען ניט קיין גאַנץ געזונדער מענש, איך װאָלט זאָגאַר זאָגען דאָס ער איז געװען אַ קרענקליכער מענש. ער האָט געהאַט אַ שװאַכע, זעהר פיינע קאָנסטיטוציאָן און זעהר פיינע נערװען. ביי דער קלענסטער געלעגענהייט איז זיין סיסטעם ערשיטערט געװאָרען, און זיינע נערװען האָבען געציטערט צו װייך, זאָגאַר אָפט צוקראָכען. דאָס איז היינע געװען. זאַנפט־קייט שאַדעט ניט, איז אָפט זעהר שעהן אין מענער, אין העלדען, אין גייסטיג־שטאַרקע מענשען; קינסטלער, דיכטער, מוזיקער, א. ז. װ. האָבען אין זיך געװעהנליך אַ סך זאַנפטקייט, דאָס זעלבע האָבען די פרויענצימער אין זיך, אבער היינע האָט געהאַט אביסעל צופיעל פון דיעזער זאַנפטקייט. דער גייסט פון „געה איך ניט אַהין געה איך אַהער‟, אָדער פון „בין איך צוקראָכען אָדער ניט, װאָס איז די נפקה מינא?‟ איז ניט קיין געזונדער גייסט, און קען שאַדען אַנדערע אויך. היינע׳ס בילד, װען מען בעטראַכט איהם גוט, מאַכט דעם איינדרוק דאָס ער איז געװען אַ גרויסער קינסטלער,

www.libtool.com.cn

א טרוימער, געוואַלטיגער טרוימער, צו א געוויסען גראַד. אין זיין לעבען האָט זיך היינע ניט אָבגעהיט ווי ער האָט זיך געדאַרפט אָבהיטען, און געשטאָרבען איז ער נאָך א לאַנגער, לאַנגער, שווערער קראַנקהייט, וועלכע האָט איהם באַלד וואהנזיניג געמאכט. ער האָט געדאַרפט, און איך גלויב אויך געקענט, לעבען און ענדיגען זיין לעבען אַנדערס. איך מיין ניט, דאָס היינע האָט בעדאַרפט לעבען ווי א הייליגער, אָדער ניט פערזוכען קיין וויין, אָדער ניט הנאה האָבען פון פרויען. אבער צופיעל האָט ער זיך דערין ניט געדאַרפט פערטיעפען. געליטען האָט היינע אויך, אמאָל דורך מאַנגעל אין געלד, אָפט דורך די זינד, און די פערברעכען פון זיינע מיטמענשען. זיין הערץ האָט אָפט געפיהלט און געבלוטעט פאַר אַלעמען, פאַר זיין גאַנצער צייט. אבער עס זיינען געווען נאָך א סך אַזעלכע גרויסע, און נאָך גרעסערע קינסטלער און פרייהייטס־קעמפפער ווי היינע, וועלכע האָבען אויך געליטען און געקעמפפט, און מאַכען דאָך א סך א געזונדערען איינדרוק ווי היינע. פיליייכט האָט זיין גרונד־שוואַכקייט געשטאַמט פון א שוואַכקייט אָדער קראַנקהייט אין דער פאַמיליע, אָבער דער פאַקט בלייבט א פאַקט. ווען מען לעזט איבער היינע׳ס שריפטען זעהט מען, דאָס ער איז געווען א זעהר גרויסער דיכטער, מיט א פייערדיגען גייסט און א געוואַלטיג־לעבהאַפטע פאַנטאַזיע, ער איז געווען אַן אמת׳ער פרייהייטס־קעמפפער, א גרויסער דענקער און א גוטער מענש. אָבער אין זיינע שריפטען וועלכע זיינען אַזוי אויסגעצייכענט אין פיעלע שטעלען, אין זיינע לירישע געדיכטע וועלכע האָבען אין זיך אַזוי פיעל העל־שטראַה־לענדע און רויט־גליהענדע שעהנהייטען פון ליעבע און וויין, געפינען זיך שטעלען פון קרענקליכער ערביטערונג און מעלאַנכאָליע, און אָפט עפּעס א מין מאָדנע לויזקייט און פונאַנדערגעשאָטענקייט וועלכע איז ניט זעהר געזונד. דער שוואַכער גייסט, די צוקראָכענקייט, דאָס איז א שלים־מזל אין דער וועלט. און וואָס פעסטער, וואָס גרינדליכער די קינסטלער און דיכטער זיינען דעסטאָ בעסער, דעסטאָ געזינטער פאַר אַלעמען. דער גייסט פון דיכטער געהט איבער צו

www.libtool.com.cn

די לעזער דורך זיינע שריפטען, און וואָס געזינטער דער גייסט, וואָס קלערער, פעסטער און העלער, דעסטאָ בעסער. אויך געטהע האָט געליעבט און געשריעבען ליעבעס־ליעדער, אויך געטהע האָט געקניעט פאר זיינע געליעבטע, און זיך ערלויבט שוואך צו זיין, — אויך געטהע איז געווען זאנפט. אבער ווי אנדערס איז געטהע, ווי פערשיעדען פון הייגע אין זיין פיהלען און דענקען! ווי פעסט, ווי געטאָקט, ווי געשניצט, ווי קלאָר, ווי געזונד! אין הייגע פינק־לען פיעלע טהייערע שטיינער, — רובינען און קאָראלען, אין הייגע בליהען און דופטען פיעלע בלומען, שלאָגען ארוים פיעלע בליצען, און פיעלע געוויטערן ציהען פארביי און רוישען אוועק, — אבער ווען מען וויל זיך אן איהם אָנהאלטען פיהלט מען באלד עפּעס א שוואכקייט, עס לאָזט זיך אָב, גליטשט זיך אראָב, און מען שווימט ארום צווישען חלומות און פאטערלאנדס־ליעבע; בלויע אויגען, מיידלעך און דייטשע וויין־קעלערן. אין געטהע זעהט מען שעהנע גערטנער, פרישע, אויסגעלעגטע בלומען־בייטען, מען פיהלט די שטיינדלעך פון די סטיעזשקעס אונטער די פיס אזוי אנגענעהם און פעסט, מען פיהלט, מען טאפּט בענאהע אָן די פעסטע, שעהן־געהאקטע מארמאָר־פלאטען און באלקענס, און דאָס גאנצע איז עפּעס אזוי געזונד, פריש, צארט, דייטליך, קלאָר און דויערהאפט.

איך מיין ניט צו פערקלענערן הייגע'ס נאָמען מיט מיין שרייבען; איך מיין ניט גלאט צוצוטשעפּען זיך, נור איך בין איבער־צייגט אין דעם וואָס איך זאָג, און בין אויך איבערצייגט, דאָס דער אלגעמיינער איינדרוק, וועלכען הייגע מוז און וועט מאכען אויף דער יוגענד, איז ניט קיין גאנץ געזונדער. זיין ליעבע פאר'ן פאָלק, זיין פרייהייטס־ליעבע, זיין מענשען־ליעבע, פיעלע פון זיינע שריפ־טען זיינען זעהר גוט; ער וועט אימער דאפיר געעהרט און בעוואונדערט ווערען פון אלע עהרליך־דענקענדע מענשען. אבער די שוואכע זייטע בלייבט די שוואכע זייטע.

דאָס אידישע פאָלק דארף עס אבער גאנץ בעשטימט האלטען פאר אן עהרע, דאָס הייגע איז געבאָרען געוואָרען פון אידישע

www.libtool.com.cn

עלטערן. פיינד האָבען אידען א סך, און דארום וואָס מעהר גרויסע לייט און זשעניען זיי האָבען צווישען זיך, דאָס בעסער!

## געדאַנקען פון היינריך היינע.

ביי מיין וויעג האָבען זיך געשפּיעלט די לעצטע שטראַהלען פון דער לבנה פונ'ם אכצעהנטען, און די ערשטע מאָרגענ־רויטקייט פונ'ם נײינצעהנטען יאהרהונדערט.

*

איך בין ניט ראַכע־זיכטיג (נוקם ונוטר), איך וואָלט מיינע פיינד גערן געליעבט, אָבער איך קען זיי ניט ליעבען איידער איך האָב פון זיי גענומען נקמה; ערשט דאַן עפענט זיך פאַר זיי מיין הארץ. אזוי לאַנג ווי מען האָט קיין נקמה ניט גענומען, בלייבט אימער אין הארצען א ביטערקייט איבער.

*

די אידען זיינען געווען די איינציגע, וועלכע האָבען בעהויפּ־טעט זייער גלויבענס־פרייהייט אין דער צייט ווען אייראָפּא האָט זיך בעקעהרט צום קריסטענטהום.

*

די אידישע געשיכטע איז שעהן; אבער די יונגע אידען שאַדען די אַלטע, וועלכע מען וואָלט געשעצט פיעל מעהר ווי די אַלטע גריעכען און רוימער. איך גלויב, דאָס ווען עס וואָלטען מעהר קיין אידען געווען, און מען וואָלט וויסען דאָס עס לעבט נאָך אַן עקזעמפּלאַר פון דיזען פאָלק, וואָלט מען רייזען הונדערט שטונדען, אום איהם צו זעהן און איהם די האַנד צו דריקען, — און יעצט וויכט מען אונז אויס!

*

זייט גאַנץ טאָלעראַנט, אָדער גאָר ניט; געהט אין דעם וועג פון גוטען אָדער בייזען; אום צו בלייבען שטעהן פערצאָגט צווי־שען צוויי וועגען, דערצו זייט איהר צו שוואַך — אויך הערקולעס

www.libtool.com.cn

האָט עס ניט געקענט טהאָן און האָט געמוזט אויסוועהלען איינעם פון די צוויי וועגען.

*

די אידען, ווען זיי זיינען גוט, זיינען זיי בעסער, און ווען זיי זיינען שלעכט זיינען זיי ערגער ווי די קריסטען.

*

אין דונקעלע צייטען זיינען די פעלקער אם בעסטען געפיהרט געוואָרען פון דער רעליגיאָן, ווי א בלינדער איז דער בעסטער וועג־ווייזער אין א שטאָק־פינסטערער נאַכט; ער קען די וועגען און די שטעגען בעסער ווי א זעהענדער. עס איז אָבער נאריש, אזוי באלד ווי עס ווערט נאָר טאָג די אַלטע בלינדע ווייטער צו געברויכען אלס וועגווייזער.

*

אזוי ווי די וויסענשאפטס־מענער האָבען וועהרענד דער מיטעל־אַלטערליכער פעריאָדע געזוכט צו ענטדעקען די וויסענשאפטליכע וואַרהייטען פון דער ביבעל, אזוי בעמיהען זיך יעצט די רעליגיאָנס־געלעהרטע די טעהאָלאָגישע (רעליגיאָנס־) וואַרהייטען ארויסצוקריי־גען פון דער וויסענשאפט, — אין דער געשיכטע, אין דער פילאָזאָ־פיע, אין דער פיזיק: די דריי־איינינגקייט אין דער אינדישער געטער־לעהרע; די לעהרע פון דער איינפערלאָבונג פונ׳ם הייליגען גייסט אין דער לאָגיק; דעם מבול אין דער געאָלאָגיע א. ז. וו.

*

ביי די פריהערע רעליגיאָנען איז דער גייסט פון דער צייט אויסגעשפּראָכען געוואָרען דורך איינציגע פערזאָנען, און בעשטע־טיגט געוואָרען דורך וואונדער. ביי די יעצטיגע רעליגיאָנען ווערט דער גייסט פון דער צייט אויסגעשפּראָכען דורך פיעלע, און בעשטע־טיגט דורך דעם פערשטאַנד. יעצט טרעפען זיך ניט מעהר קיין ניסים, נאָכדעם ווי די פיזיק האָט זיך ענטוויקעלט.

*

וועגען דער פראגע פון איינגעבאָרענע אידעען און געדאנקען

www.libtool.com.cn

אינ׳ם מענשליכען מוח, וואלט די פאלגענדע אנטוואָרט ריכטיג זיין: עס זיינען דאָ מענשען צו וועלכע אלעס קומט פון דרויסען, — די זאגענאנטע טאלענטע, וועלכע דערמאָנען אונז אָן אפען וועלכע אהמען נאך, — אין זייער גייסט איז ניטאָ קיין זאך אויסער דאָס וואָס זיי האבען אריינגענומען אין זיך דורך זייערע חושים. עס זיינען אבער אויך דאָ מענשען, ביי וועלכע אלעס קומט פון זייער גייסט, אזעלכע זשעניען ווי ראפאעל, מאָצארט, שעקספּיער — פיר אלע דיעזע איז דאָס שאפען פון קונסטווערקע שווערער ווי פאר דעם טאלענט. ביי די טאלענטע איז עס א שאפען אָהן לעבען, אָהן אינערליכען געפיהל, — מעכאניזמוס; ביי די זשעניען קומט אלעס ארויס פון זייער גייסט, פון זייער „איך“.

*

א זשעניע טראָגט אין זיין גייסט אַן אָבבילד פון דער נאטור און, ווערענדיג פון דער נאטור דערמאָנט, גיט ער דיעזען אָבבילד געבורט דורך דער קונסט; דאָס טאלענט אבער מאכט די נאטור נאך, ער שאפט דורך אנאליזירונגען, ניט דורך אינערליכע עמפפינדונגען.

*

אין דער קונסט איז די פאָרמע אלעס, דער מאטעריאל גאָר נישט. דער שניידער שטויב פלעגט רעכנען פאר׳ן פראק, צו וועלכען מען האט איהם קיין טוך ניט געגעבען, פונקט אזוי פיעל ווי פאר א פראק מיט טוך. ער פלעגט זיך נאָר לאָזען בעצאָהלען פאר דער פאסונג, די מאטעריע פלעגט ער שענקען.

*

געטהע׳ס אונווילינקייט זיך הינצוגעבען צום ענטהוזיאזמוס איז גראד אזוי אבשטויסענד ווי קינדיש. אזא אָבהאלטען זיך איז מעהר אָדער וועניגער זעלבסטמאָרד; זי איז עהנליך צו דעם פלאם וועלכער וויל ניט ברענען, ווייל ער האט מורא טאָמער וועט ער אויסברענען. דער גרויסמוטהיגער פלאם, די זעעלע פון דעם דייטשען דיכטער שיללער האט געפלאקערט מיט אויפאָפּפערונג, —

www.libtool.com.cn

יעדער פּלאַם אַפּפּערט זיך אַליין; וואָס שעהנער ער ברענט, דאָס נעהנטער קומט ער צו דער פערניכטונג, צום פערלעשען זיך. איך בין ניט מקנא די שטילע נאַכט־ליכטלעך וועלכע ברענען זיך אַזוי אָבגעהיט און שטיל.

*

אזוי ווי יעדער מענש זעהט דורך זיינע חושים א בעשטימטען געגענשטאנד אויף אַן אַנדער אופן, אַזוי זעהט אויך יעדער מענש א בעשטימטען בוך עטוואָס אַנדערש ווי דער אַנדערער, דארום מוז אַן איבערזעצער זיין א גייסטיג־בעגאַבטער מענש, דען ער מוז פעהיג זיין צו זעהען אין בוך דאָס בעדייטענדסטע און בעסטע, אום עס נאכהער איבערצוגעבען. די בעדייטונג פון א וואָרט, די קער־פערליכע מיינונג, קען יעדער איבערזעצען וואָס האָט נור געלערנט גראַמאַטיק און זיך פערשאַפּט א ווערטערבוך. אבער דעם גייסט איבערגעבען דאָס קען ניט יעדער.

www.libtool.com.cn

# ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן

.1

אין די הויכע קלאָהרע הימלען ערשיינט אמאָל א גרויסער, ליכטיגער שטערן, וועלכער שיינט אריבער די איבעריגע שטערן מיט זיין ליכטיגקייט, און ציהט צו צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון פיעלע מענשען, און הויפּטזעכליך פון דענקער און פּאָעטען. דיעזע איינציגע שטערען שיינען די גאַנצע נאַכט דורך, און ווען עס הויבט אָן שטארק טאָגען זעהען זיי זיך נאָך בלייכערהייד אויף דעם הימעל־געוועלב. אזא ליכטיגער, גרויסער שטערן פון זשעניע, איז געווען ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, דער פילאָזאָף פון קאָנקאָרד, מאַסס.

ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן איז געבאָרען געוואָרען אין באָסטאָן, מאַסס., אין דעם יאָהר 1803. זיין פּאָטער איז געווען א פּריעסטער אין דער ערשטער באָסטאָנער קירכע ביז זיין טויט, אין דעם יאָהר 1811. די עמערסאָנס זיינען כמעט אַלע געווען פּריעסטער, — די שטרענגע דעמאָקראַטישע אריסטאָקראַטען פון מאַסאַטשוזעטס, — אריסטאָקראַטען פונ'ם גייסט, פון פערשטאַנד, פון בילדונג, וועלכע זיינען אימער רעספּעקטירט געוואָרען אלס די גייסטליכע פיהרער פון זייערע געמיינדען. זיין פּאָטער, וויליאם עמערסאָן, איז אין זיין צייט בעטראַכט געוואָרען אלס א טאָלעראַנטער „ראַדיקאַל“; אין אַנדערע הינזיכטען איז ער געווען ניט קיין גאַנץ פעהיגער מענש. ער האָט אָבער געהאַט יענע רוהיגע, אַנגענעהמע מאַנערען, און די זעלבע רוהיגע לייכטקייט אין ריידען, וועלכע האָבען נאָכדעם אויס־געצייכענט זיין זוהן ראַלף.

עמערסאָן האָט געוועהנליך געלעבט זעהר רוהיג, און מיט דער אויסנאַהמע פון א קורצער אבוועזענהייט פון דיעזען לאַנד, האָט ער פערבראַכט זיין לעבען אין קאָנקאָרד, מאַסס.

www.libtool.com.cn

ווערענד ער איז נאָך געגאַנגען אין סקול, און שפּעטער אין קאָלעדזש, האָט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור אָנגעפאַנגען צו בליהען אין באָסטאָן. נייע, טאַלאַנטפאָלע שרייבער און רעדנער האָבען אָנגעהויבען געהערט און בעריהמט צו ווערען; און די פּריעסטער, וועלכע האָבען פריהער געשריבען נור דרשות אין אַ שלעכטער שפּראַך, האָבען אָנגעפאַנגען זיך מעהר צו קימערען פאַר דער שעהנ־קייט פון זייער אַרט שרייבען און אויך פאַר דעם אינהאַלט. אַן אמת'ע בעוועגונג פאַר וואַהרע בילדונג האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען אין באָסטאָן און אין דער דערבייאַיגער שטעדטעל קעמברידזש. עמערסאָנ'ס פאָטער האָט זיך דאַן גאַנץ שטאַרק בעשעפטיגט מיט דער ענטוויקלונג פון דער ליטעראַטור.

אַ קורצע צייט איז עמערסאָן געווען אַ לעהרער אין אַ סקול, ווייל די פאַמיליע איז געבליבען אין אָרעמע אומשטענדען נאָך זיין פאָטער'ס טויט. נאָכדעם האָט ער שטודירט אין דער קעמברידזשער טהעאָלאָגישער שולע, און איז געוואָרען אַ מיטגליעד פון דער יוני־טאַריאַנער פריעסטער־שולע. אין דעם יאָהר 1826, זייענדיג אַלט 29 יאָהר, האָט ער געקראָגען אַ שטעלע אין דער צווייטער באָס־טאָנער קירכע אַלס געהילפס־פּריעסטער. דאָרט האָט ער פערבראַכט פיער יאָהר אַלס פּרעדיגער. זיין קאַריערע אין דיעזע פיער יאָהר איז געווען ערפאָלגרייך, אָבער ניט גלענצענד. ער איז געווען איינער פון די רעפאָרמער, וועלכע האָבען געקעמפּפט פיר דער בעפרייאונג פון די שקלאַפען; ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט דעם פאָרט־שריט פון די סקולס, און איז אַ קורצע צייט געווען דער גלח אין דעם שטאַאַטס־סענאַט. אין דיעזע יאָהרען האָט ער געהייראַט, אָבער זיין פרוי האָט ניט לאַנג געלעבט.

אין סעפּטעמבער 9, אין דעם יאָהר 1832, האָט ער געפּרעדיגט געגען אַ געוויסע צערעמאָניע אין דער קירכע. דאָס האָט אויפגע־בורעט אַלע פּריעסטער און ער האָט דורך דעם פערלאָרען זיין שטעלע, אָדער בעסער צו זאָגען, דאָס האָט געמאַכט אַן ענדע צו

www.libtool.com.cn

זיין קירכען־קאַריערע. זייט דאַן האָט ער זיך גענצליך געווידמעט דער ליטעראַטור.

אין 1833 האָט ער געמאַכט אַ פאַרבערייטונגס־רייזע נאָך יוראָפּ, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט פיעלע בעריהמטע מענער, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער גרויסער ענגלישער שרייבער קאַרלייל. ביי זיין צוריקקעהר האָט ער נאָך געפּרעדיגט בּיסלעכווייז אין מאַנכע קירכען, אָבער קיין שטעלע האָט ער ניט געקענט קריגען צוליעב זיינע אידעען. אין 1834 האָט ער זיך בעזעצט אין קאָנקאָרד, מאַסס., וואו ער האָט געוואוינט ביז זיין טויט. זייט דאַן איז קאָנקאָרד געוואָרען דער צענטער פון ליטעראַטור. עמערסאָן האָט צוגעצויגען צו זיך פיעלע יונגע טאַלענטען, וועלכע האָבען געוואָלט וואוינען נאָהנט ביי דעם גרויסען דענקער און גערעכענט זיך צו צעהלען צווישען זיינע געדאַנקען־קאַמעראַדען. עס האָט זיך דאַן אויסגעבילדעט אַ שולע, די „קאָנקאָרד שולע“ פון שרייבען און דענקען, וועלכע איז בּיסלעכווייז געוואָרען אַ קראַפט אין אַמעריקאַ.

אין דעם יאָהר 1836, האָט עמערסאָן געדרוקט אַ קליינעם ביכעלע מיט דעם טיטעל „נאַטור“. דיעזער ביכעלע, לויט זיין אינהאַלט און שפּראַך, קען מיט רעכט בעטראַכט ווערען אַלס דער ווינקעל־שטיין פון עמערסאָן'ס בעריהמטקייט. אין דעם יאָהר 1840 איז עמערסאָן געווען רעדאַקטאָר פון דער באָסטאָנער צייטונג „דער ציפערבלאַט“. דיעזער אָרגאַן האָט פערטהיידיגט די אידעען און אנזיכטען, וועלכע עמערסאָן און זיינע אנהענגער האָבען געהאַט, — נעמליך: דעם גלויבען אין אַ זעעלע, וועלכע עקזיסטירט אַן און פיר זיך, און דעם גלויבען אין וויסען און בילדונג, וועלכע דער מענש ערווערבט זיך ניט דורך שטודירען, אָדער דורך בעטראַכטען די וועלט, נאָר וועלכע קומען צו איהם אַליין פון געטליכע קוועלען, דורך בעגייסטערונג. אין דעם יאָהר 1841 — אין דעם אַלטער פון 36 יאָהר — האָט ער געדרוקט זיין ערשטען באַנד פילאָזאָפישע שריפטען; אין דעם יאָהר 1878 — אין דעם אַלטער פון 35 יאָהר — האָט ער געדרוקט דעם לעצטען באַנד פון זיינע שריפטען. די גאַנצע

www.libtool.com.cn

צייט צווישען דיעזע יאָהרען האָט ער פערבראַכט אין זיין היים, אויפ'ן פאַרם, שטודירענדיג, שרייבענדיג און לעקטשורענדיג. זיין לעבען איז געווען רוהיג און אַנגענעהם, און האָט זיך ניט אויסגע־צייכענט מיט אירגענד וועלכע בעזאָנדערע צופעלע.

אין זיין לעבענס־צייט איז ער שוין בעריהמט געוואָרען אלס גרויסער דענקער אי דאָ, אי אין אויסלאַנד, און איז געעהרט און בעוואונדערט געוואָרען פון די גרעסטע מענער. וואָלט וויהיטמאַן איז געווען אייגער פון זיינע פריינד, און עמערסאָן איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט פאַר דער ערשטער אויסגאַבע פון וואָלט וויהיטמאַן'ס „בלעטלעך גראָז“.

זיינע געזאַמעלטע ווערקע זיינען צוועלף בענדער, צוויי פון וועלכע ענטהאַלטען זיינע געזאַמעלטע געדיכטע. ער איז געשטאָרבען אין אַלטער פון 76 יאָהר, קלאָהר, אָבער אביסעל אָבגעשוואַכט אין גייסט.

## 2.

עמערסאָן אַלס פילאָזאָף איז אין זיינע מעהרסטע שריפטען אַ פּראַקטישער מענש. ער ציהט שליסע פון לעבען, ער בעטראַכט ווי די וועלט געהט, ער שטודירט מענשען, ער שטודירט זיך, און קומט צו דער איבערצייגונג, דאָס די און די זאַך איז אַזוי און אַזוי. אין אַלע זיינע שריפטען לערענט ער אונז זיין מוטהיג, שטאַרק, קלוג, פריי, גייסטיג־פריי, און אונאַבהענגיג, האָפנונגספאָל, פערטרויענד און גלויבענד. ער אַליין איז אַ קלאָהרער גייסט, פול מיט לעבען, ליעבע און זונ־שיין, און דאָס וואָס ער פערמאָגט וויל ער, דאָס מיר זאָלען עס אויך פערמאָגען. ער איז זעלטען איבעראײַלט, זעלטען אונגעדולדיג. ער גלויבט אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט; ער גלויבט אין דעם ערפאָלגרייכען רעזולטאַט פון זיין שטרעבען און וואָרט געדולדיג, זיך ניט קימערענדיג פאַר טעג אָדער וואָכען. די פרייד פון לעבען, די גאַטעס־רוהיגקייט, אונאַבהענגיגקייט, פריי־הייט אין דענקען און האַנדלען, אַ גלויבען אין אַ לעבען נאָכ'ן טויט, אין אַ גרויסען, אַלעס אַרומנעהמענדען גייסט, אָדער בעשע־

www.libtool.com.cn

פער, — דאָס איז פאַר איהם דאָס וויכטיגסטע אין לעבען, אַלעס. ער גלויבט דאָס די נאַטור איז אַ קראַפט וועלכע איז בערייט צו דיענען דעם מענשען; דאָס זי קען בעהערשט ווערען און לאָזט זיך בעהערשען, און דאָס די גאַנצע וועלט מיט אַלעס וואָס זי פערמאָגט איז געמאַכט געוואָרען פאַר'ן מענשען. אָבער אויסער דעם וואָס ער בעטראַכט די נאַטור אַלס דענקער און פּראַקטישער מענש, בע־טראַכט ער זי אויך אַלס פּאָעט און ווייס גוט, ווי הילפרייך, ווי היילענד, ווי גוט זי איז צום מענשען, און ווי איינפלוסרייך זי איז מיט איהר אויסערליכען אויסזעהן, מיט איהרע סצענען, וועלדער און טייכען.

אָט איז אַן אויסצוג פון איינעם פון זיינע בעסטע ווערק, פון „נאַטור“. דיעזער אויסצוג קען דיענען אַלס ביישפּיעל פון זיין שפּראַך, פון זיין שעהנעם סטיל, און פון זיין טיעפעם פיהלען פאַר, און מיט, די שעהנהייטען פון דער נאַטור.

„עס זיינען דאָ טעג אין דיעזען קלימאַט, אין כמעט יעדען טהייל פון יאָהר, אין וועלכע די וועלט דערגרייכט איהר פאָלקאָ־מענהייט. די לופט, די שטערען און די ערד מאַכען דאַן אַ האַרמאָניע, פונקט ווי די נאַטור וואָלט וועלען נאָכגעבען איהרע קינדער. דיעזע טעג, אין דיעזען קאַלטען קלימאַט, זיינען אַזוי שעהן ווי די שעהנ־סטע טעג אין די רייכסטע, וואַרעמסטע קלימאַטען, און מיר וואַרע־מען זיך אין די ליכטיגע שטונדען פון פלאָרידאַ און קיובאַ. יעדע פּיצעלע וואָס האָט אין זיך לעבען ציינט דאַן צופריעדענהייט, און די סטאַדעס וואָס ליגען אויפ'ן גראָז שיינען צו האָבען גרויסע און רוהיגע געדאַנקען. אַזעלכע טעג קען מען מיט מעהר זיכערהייט ער־וואַרטען אין דעם ריינעם אָקטאָבער־וועטער, וועלכען מיר אונטער־שיידען מיט דעם נאָמען „דער אינדיאַנישער זומער“. דער טאָג, וועלכער איז זעהר לאַנג, שלאָפט אויף די ברייטע בערג און וואַרעמע ברייטע פעלדער.

„צו האָבען דורכגעלעבט אַלע זוניגע שטונדען פון אַזעלכע טעג, הייסט עס שוין געלעבט לאַנג גענוג. די אָבגעלעגענע פּלעצער זעהען ניט אויס גאַנץ איינזאַם. ביי די טויערען פון וואַלד איז דער איבער־

www.libtool.com.cn

ראשטער וועלט־מענש געצוואונגען אוועקצוא־ווארפען זיין שטאָדטי־שע אָבשאצונג פון גרוים און קליין, פון קלוג און נאריש. דער פּעקעל פון געוועהנהייט פאלט ארונטער פון זיינע פּלייצעס, אזוי באלד ווי ער שטעלט נור אריין א פוס אין דיעזע געגענדען. דאָ הערשט א הייליגקייט וועלכע פערשעהמט אונזער רעליגיאָן, און א ווירקליכקייט וועלכע פערקלענערט דעם ווערטה און די בעריהמט־קייט פון אונזערע העלדען. דאָ געפינען מיר אויס, דאָס די נאטור איז די קראפט געגען וועלכע אַלע אנדערע אומשטענדען זיינען ווי צווערגען, — דאָס זי אורטהיילט ווי א גאָט אַלע מענשען וועלכע קומען צו איהר. מיר זיינען ארויסגעקראָכען פון אונזערע ענגע, אָנגעפילטע הייזער אין דער נאטור און אין דעם פריהמאָרגען, און מיר זעהען וועלכע מאיעסטעטישע שעהנקייטען עס וויקלען אונז טעגליך איין אין זייערע בוזעמס. ווי גערן מיר וואָלטען זיך ארויס־דרעהען פון אַלעם וואָס שוואכט אָב דעם איינדרוק פון דיעזע שעהנ־הייטען, — פון אונזער לצנות׳דיגען צושטאנד און לאָזען די נאטור אונז בעצויבערען. די געדעמפּפטע ליכט פון וואלד איז ווי אַן אייבי־גער פריהמאָרגען ; עס ערמונטערט אונז ; עס איז העלדיש. די אַלטע צייבער־געשיכטען נעהמען אונז ארום ; די שטאַמען פון די דעמבעם און די אייכענבוימער בליצען במעט ווי אייזען אויף דער אויפגע־רעגטער אויג. די שטומע בוימער הויבען אָן אונז איינצורעדען צו לעבען מיט זיי, צו פערלאָזען אונזער לעבענס ארט פון הייליגע קלייניגקייטען. דאָ איז קיין געשיכטע, קיין קירכע, קיין שטאאט ניט אריינגעמישט אין דעם געטליכען הימעל, אין דעם אונשטערבליכען יאָהר. ווי לייכט מיר וואָלטען אוועקגעשפּאצירט ווייטער אין דער בעטראכטונג פון נייע סצענען, פערטיעפט אין אונזערע האסטיגע געדאנקען ביז דאָס אנדענקען אָן דער היים וואָלט אונז בילעכוויז ארוים פון קאָפּ, — ביז אַלעם וואָלט פערמעקט געוואָרען פון זכרון דורך דער טיראניי פון דער געגענווארט, און מיר וואָלטען געפיהרט געוואָרען אין טריאומף פון דער נאטור.״

www.libtool.com.cn

אין אן אנדער פּלאַץ רעדט ער וועגען דעם דויערענדען איינדרוק וואָס די נאַטור מאַכט:

„די שטערען וועקען אויף אין אונז אַ געוויסע אַכטונג אָדער עהרווירדיגקייטס־געפיהל; ווייל כאָטש זיי זיינען אימער דאָ, קען מען זיי דאָך ניט דערגרייכען. אָבער אַלע געגענשטענדע אין דער נאַטור מאַכען אַן עהנליכען איינדרוק, ווען מען וויל זיך נאָר לאָזען בעאיינפלוסען פון זיי. די נאַטור זעהט קיינמאָל ניט אויס געמיין; און אפילו דער קליגסטער מענש צווינגט פון איהר ניט ארויס איהר געהיימניס, און הערט ניט אויף זיין נייגיעריג ווען ער געפינט אויס איהר פּאָלקאָמענהייט. פאַר קלוגע מענשען איז די נאַטור נאָך קיינמאָל ניט געוואָרען אַ שפּיעל־זאַך. די בלומען, די חיות און די בערג האָבען אָבגעשפּיגעלט דעם שכל פון זיינע רייפסטע יאָהרען, פּונקט ווי זיי האָבען ענטציקט די אונגעקינסטעלטקייט פון זיין קינדהייט.“

אביסעל ווייטער זאָגט ער:

„גרויסע טהאַטען צייגען אונז, דאָס די וועלט איז דאָס אייגענטהום פון יעדער בריאה'לע וואָס לעבט אין איהר. יעדע בעשעפּעניס וואָס האָט שכל, האָט די גאַנצע נאַטור פאַר איהר נדן, פאַר איהר אייגענטהום. זי איז יעדענס, אויב מען שטרענגט נאָר אָן די ווילענסקראַפט זי צו קריגען.“

„דער מענש נעהמט אריין די וועלט אין זיך לויט דער ענערגיע פון זיינע געדאַנקען און פון זיין ווילען.“

„די בענוצונג פון דער ווילענסקראַפט, אָדער די לעקציאָן פון קראַפט, קען מען לאַכען פון אַלעם וואָס קומט פאַר אין לעבען. פון דער צייט אָן וואָס דער קינד הויבט אָן בענוצען זיינע חושים ביז דעם מאָמענט ווען ער זאָגט: „דיין ווילען זאָל געשעהן“, לערענט ער די געהיימניס, דאָס ער קען בעצווינגען און בעהערשען מיט זיין קראַפט ניט נאָר אַליין בעזאָנדערע עראייגניסע, אָדער אומשטענדען, נאָר אפילו אַלע אומשטענדען, און קען אזוי צופּאַסען אַלעם אין לעבען צו זיין כאַראַקטער.“

„די נאַטור איז דיסציפּלינע; — אַלעם איז איינגעטהיילט

www.libtool.com.cn

אין איהר, יערע זאך פיר איהר געברויך — יערע זאך ענטהאלט אין זיך די מעגליכקייט פון ענטוויקלונג.“

.3

אין זיין אָבהאַנדלונג איבער „פּאָליטיק“ זאָגט ער דאָס פאָלגענדע:

„די געזעלשאפט איז א פערבלענדעניס פאר דעם יונגען בירגער. זי ליגט פאר איהם אין א שטייפער רוה מיט געוויסע נעמען, מענשען און אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען איינגעוואָר־צעלט אין מיטען ווי אייכענבוימער, און ארום וועלכע אלע שטעלען זיך איין אזוי גוט ווי זיי קענען. אָבער דער אלטער שטאאטס־מאן וויים, דאָס די געזעלשאפט איז א פליסיגע זאך, דאָס עס זיינען ניטאָ אזעלכע מיטעלפונקטען און צענטערס, און דאָס יעדער טהיילכעלע קען פּלוצלינג ווערען דער מיטעלפונקט פון דער בעוועגונג, און צווינגען דאָס איבעריגע זיך צו דרעהען ארום איהם.“

ער קומט דאַן צו פאָלגענדען שלום:

„וואָס וועניגער רעגיערונג מיר האָבען, וואָס וועניגער געזעץ, און וואָס וועניגער קראפט פערטרויט אין אנדערע, דעסטאָ בעסער. דער היילינסטער מיטעל געגען דעם פעהלער פון אָפיציעלער רעגיע־רונג איז דער איינפלוס פון פריוואט מענשען, דער וואוקס פון דעם איינציגען; דאָס ערשיינען פון דעם פּרינציפּ אָנשטאָט דעם פערטרעטער; דאָס ערשיינען פון דעם קלוגען מענשען, נאָך וועמען די עקזיסטירענדע רעגיערונג איז נאָר א שלעכטע נאָכאהמונג.“

„אויסצובילדען קלוגע מענשען, דערצו עקזיסטירט דער שטאאט; ווען דער קלוגער קומט, דאַן פערשווינדעט דער שטאאט. אן אמת'ער כאראקטער דארף קיין שטאאט ניט האָבען. דער קלוגער מענש איז דער שטאאט.“

וועגען שעהנקייט און קונסט זאָגט ער דאָס פאָלגענדע:

„די בעשאפונג פון א קונסט־ווערק בעלייכטעט די געהיימנים פון דער מענשהייט. א קונסט־ווערק איז אין אבסטראקט די אונטער־שטע שורה פון דעם גאנג פון דער וועלט.“

www.libtool.com.cn

„דער פּאָעט, דער מאַהלער, דער סקולפּטאָר, דער מוזיקער, דער אַרכיטעקט, שטרעבט צו קאָנצענטרירען די ליכטיגקייט פון דער וועלט אויף איין פּונקט; און יעדער שטרעבט אין זיין ווערק צו בעפריעדיגען זיין ליעבע פיר שעהנקייט וועלכע צווינגט איהם צו שאַפען."

„וואַהרהייט, גוטסקייט, זיינען נור פערשיעדענע זייטען פון דאָס גאַנצע."

עמערסאָן איז, אויסער וואָס ער איז אַ טיעפער דענקער און אַ פילאָזאָפישער פּאָעט, אויך אַ דיכטער. זיינע געדיכטע קלינגען זעהר שעהן. זייענען זעהר געזונד, פול מיט געדאַנקען און שעהנע אויס־דריקע; זיינען קלאָהר און אמת קינסטלעריש געשריבען. זיי קלינגען שטאַרק מיט געטהע'ס אַרט שרייבען, און מאַכען אויף אייך אַ זעהר געזונדען איינדרוק.

אום צו געבען דעם לעזער אַ בעגריף פון זיין אַרט שרייבען, וועל איך דאָ איבערגעבען צוויי קלייגע געדיכטע פון זיינע צוויי בעגדער שירים:

.1

## יאַגדעם קלייבען.

„אפשר איז דאָס אמת, דאָס די ערד
איז אַ וויסטע פון יללות,
פול מיט פאַלשקייט, און מיט שרעק",,,,
האָב איך מיר געדענקט ביי די לאַנקעס
וואַנדלענדיג, און ביי'ן ברעג פון טייך.

צווישען די שוואַרצע יאַגדעס
האָב איך מיך פערטשעפּעט באַלד
און, זיך פרעהענדיג מיט די בלומען,
האָב איך ליעבליך באַלד געטרוימט.
„וועלכער איינפאַלוס האָט עס מיך,

www.libtool.com.cn

דעם אויסערוועהלטען, פֿאַרבערייט
פֿאַר אזעלכע שעהנע חלומות?“

האָב איך באַלד מיט פריוד געפרעגט.
„ווי האָסטו געמיינט, דאָס עס וואַקסט
קיין שכל ניט אויף אונז'רע יאגדעס?“
האָב'ן די וויינשטעק מיר געענטפערט. —

2.

## קונסט.

בעפּוצט די גלאָז, דעם טאַץ, די פאן,
מיט די סצענען פון אַ ראָמאַן;
די לבנה'ס זילבער־שיין
זאָל ביי־טאָג אויך ליכטיג זיין.
גערטנער פלאַנצט אין אייערע גאַסען,
אַרומגעזיימט מיט בלומען־פּאַסען.
בויט פאַנטאַנען אויפ'ן סקווער,
וואו די היץ איז גרויס און שווער,
זאָלען אויך פריידען־ליעדער שאַלען;
זאָלען סטאַטוען, בילדער, זאַאַלען,
די פערגאַנגענהייט בעשעהנען,
און די מענשהייט קריינען.
זאָל דער אייגגעמיעדטער קלערק
זעהען אויפ'ן שטאָדט־אוהר אַ מייסטערווערק
פון פולקען קעניגע בעגלייטען,
און ענגע, מיט פליעגעל אויסגעשפּרייטע,
זאָל ער אין אַלטע פאַבלען זעהן,
וואָס זיינע עלטערן זיינען געווען.

www.libtool.com.cn

זיינע קינדער זאָלען געניסען
זייער שפּייז אויף הימלישע טישען,
קונסט האָט דיזע שעהנע קראַפט,
אונז פערגניגען זי פערשאַפט.“

ווי געזאָגט, עמערסאָן איז א גרויסער דענקער. אין זיין פילאָזאָפיע האָט ער בעהאַנדעלט די וויכטיגסטע פראגען פון לעבען, אָבוואָהל ניט סיסטעמאַטיש. אַלעם פון וואָס א מענש קען דענקען אין דער פילאָזאָפישער וועלט, האָט ער דורכגעדענקט. זיינע שריפטען זיינען פול מיט גלענצענדע פילאָזאָפיש־פּאָעטישע געדאַנקען. זיין שפּראַכע איז ריין; זיין גייסט, זיין פאַנטאַזיע זיינען קלאָר. אין מאַנכע ערטער, עס איז וואַהר, פערקריכט ער אַביסעל ווייט אין פאָרשונגען וועגען דער נשמה און דעם רוח הקודש, אָבער אין די מעהרסטע שטעלען איז ער קלאָר און דירעקט. עס איז א פערגניגען איהם צו לעזען, איהם צו שטודירען, אי צוליעב זיין פילאָזאָפיע, אי צוליעב זיין פּאָעזיע. מען קען זיך איהם אָנטרויען מיט ליב און זעעלע, און אָבוואָהל ער איז ניט קיין סאָציאַליסט, איז ער דאָך, אין תוך גענומען, פיר דיזע אידעען און פרינציפּען, — פיר א וויטערער, ברייטערער פרייהייט ווי די יעצטיגע רעגיערונגס־בעאַמטע און בלינדע אַרבייטער בעגרייפען. ער איז, גלויב איך, ביז יעצט, דער גרעסטער אַמעריקאַנישער דענקער; אפשר איז וואָלט וויטמאַן עפּעס גרעסער פאַר איהם.

www.libtool.com.cn

# וואלט וויטמאן

שעהן, טיעף און קלאָהר איז געווען זיין גייסט און פערשטאנד, ווי די וועלט און די נאטור. אין איהם האָט אַלעס געלעבט, אַלעס האָט זיך בעוועגט, פיעלייכט מיט דערזעלבער קראפט, געוויס מיט דער זעלבער טיעפקייט, ווי אין שעקספּיער. שוסטער און פילאָזאָף, שניידער און דענקער, וויסענשאפטס־מאן און האָלץ־העקער, פּאָעט און קינסטלער, בעטלער און קעניג, רייכער און אָרימער, — אַלע, אַלע, פון קליין ביז גרויס, פון אָרעם ביז רייך, פון יונג ביז אַלט, — געפינען אין איהם דעם אויסדרוק פון אַלע זייערע פערלאנגען און געפיהלען, און די אונטערשטע שורה — פון זייערע געדאנקען.

וואָלט וויטמאַן איז געווען אַ פּאָעט פון זיין צייט. ער איז אָבער אויך געגאנגען פּאָראויס, פּאַר זיין צייט, מיט דעם וואָס ער האָט אויסגעדריקט די פּאָרטשריטליכסטע אידעען פון די דענקער פון דער ענדע פונ'ם נייצעהנטען יאָהרהונדערט. — ער איז געווען אַ שטארקער פערטהיידיגער און פּרעדיגער פון וואהרער פרייהייט אין יעדער הינזיכט; פון גלייכהייט, גערעכטיגקייט, יושר און רחמנות; פון וויסענשאפט און פון וואהרער בילדונג. ער איז געווען אַן עפענטליכער פיינד פון היפּאָקריטסטוואָ, פון פּריסטערליכער פאלשקייט, און קאפּיטאליסטישער רויבעריי. ער זינגט פון פרייהייט מיט אַ גאנץ אנדער טאָן, ווי עס זינגען די געוועהנליכע היהנער־פּאָעטען און זעה־מיך־ניט־אָן דיכטער. זיין שפּראך איז קלאָר (אם וועניגסטענס אין דיעזער הינזיכט), דירעקט, ניט פערשטעלט, ניט געקינסטעלט און פריש, ווי די גרויסע בלעטער, וואָס וואקסען ארויס ביי די וועלדער. ער זאָגט אריין גאָר פּראָסט,

www.libtool.com.cn

ניט געשעהמטערהייד, און טרעפט גראדע דארטען, וואו עס טהוט וועה, אדער וואו עס איז פערלאטעט, אדער קיצעלדיג.

אום צו פערשטעהן וואלט וויטמאן׳ס ווערקע, הויפטזעכליך זיין הויפט-ווערק „בלעטלאך גראז“, מוז מען איהם נאטירליך דורכשטודירען. איך זאג דורכשטודירען, ווייל זיי ענטהאלטען די אונטערשטע שורה פון גאנצע יאהרען דענקען און פיעלע וויסענשאפטליכע ווארהייטען, וועלכע עס איז אין אנפאנג שווער צו פערשטעהן. אויך קענען פיעלע שעהנהייטען פון זיין פאעזיע ערשט האן פאלקאממע פערשטאנען ווערען, ווען מען לעזט איהם דורך א פאר מאל.

וואלט וויטמאן שרייבט זיין פאעזיע אין דעם סטיל, און זעהר אפט אין דעם טאן, פון דער ביבעל. ער זינגט, ווי די אמאליגע נביאים האבען געזונגען, — עבען אזוי בעגייסטערט, מיט עבען אזא טיעפען גלויבען אין דער וועלט, אדער אין דער גאטהייט, מיט עבען אזוי פיעל פרייער און פרישער נאטירליכקייט. די אלטע, געוועהנליכע פארמען פון פאעזיע, די פערזען מיט די גראמען, האט ער פערווארפען, און אויסגעקליבען זיין אייגענעם סטיל. אויב איך וואלט עטוואס טאדלען אין זיין סטיל, איז עס, נעמליך, זיין ברייטקייט; זיינע פערזען אהן גראמען קלינגען וואונדערליך-שעהן, אבער אין זיין ברייטקייט קען מען אפט הערטרונקען ווערען, ווי אין א ים.

וואלט וויטמאן איז געבארען געווארען אין וועסטהילס, לאנג איילענד, אין דעם שטאאט נויארק, דעם 31טען מאי, 1819. דער עלטסטער מיטגליעד פון דער פאמיליע וויטמאן, וועלכען דער שרייבער פון זיין ביאגראפיע האט געקענט ביז יעצט נאכפארשען, איז געוועזן אביה וויטמאן, געבארען אין ענגלאנד, אין דעם יאהר 1560. זיין זוהן, דער רעווערענד זכריה וויטמאן, — געבארען אין דעם יאהר 1595, — איז אריבערגעקומען פון ענגלאנד אויף דער שיף „טרו לאוו“ („אמת׳ע ליעבע“) אין דעם יאהר 1635. פון

www.libtool.com.cn

איהם שטאמען די אמעריקאנער מיטגליעדער פון דער פאמיליע וויטמאן, און אויך דער פאעט.

ווען וואלט וויטמאן איז געווען א קינד, האבען זיינע עלטערן געמופט נאך ברוקלין. דא איז ער אויפגעוואקסען. אבער, אלס איינגעל און אלס יונגער־מאן, האט ער אפט בעזוכט זיין געבורטס־ארט, און האט אפט פערבראכט גאנץ לאנג אין די קווינס און סאפאלק קאונטים. אין ברוקלין האט ער בעזוכט די געוועהנליכע שולען, און האט זיך אנגעפאנגען צו לערנען שריפטזעצעריי, ווען ער איז אלט געווען דרייצעהן יאהר. אין דעם אלטער פון זעכצעהן אדער זיעבצעהן יאהר איז ער שוין געווען א לעהרער אין די קאונטרי־סקולס און האט שוין דאן געשריבען פיר די צייטונגען און זשורנאלען. ער האט אויך געארבייט אויף א פארם א קורצע צייט.

ווען ער איז אלט געווען ניינצעהן אדער צוואנציג יאהר, האט ער פון דעם יאהר 1839—48 ארויסגעגעבען א צייטונג אין האנטינגטאן, מיט דעם נאמען „דער לאנג־איילענדער". דאן איז ער געקומען וואוינען אין ניו יארק. די נעקסטע צוועלף יאהר איז ער געווען בעשעפטיגט אלס שריפטזעצער און מיטארבייטער אין צייטונגען און זשורנאלען. אין דעם פערלויף פון יענע צוועלף יאהר, און נאך א פאר פאלגענדע יאהרען, האט ער זיך ערווארבען דעם גרעסטען טהייל פון זיין בילדונג. ער האט דורכגעשטודירט ניו יארק מיט אלע איהרע אומגעגענדען, און האט אריינגעדרונגען איז דער סאמע הארץ פון איהר לעבען און איהרע איינוואוינער. ער איז דאן פול געווען אומעדום, האט אלעם בעטראכט, אלעם דורכגעשטודירט, אלעם אריינגעזויגען אין זיך. ער האט בעזוכט האספיטאלען, קירכען, שולען, קאזארמעס, — וואס איהר ווילט; און האט געערדט אין דעבאטיר־קלובען, און גענומען א לעבהאפטען אנטהייל אין פאליטיק. אלעם, וואס ער האט געטהאן און געזעהן, האט איהם, ווי עס שיינט, פערשאפט פערגעניגען. אין דעם יאהר 1847—48 איז ער געווען בעשעפטיגט אין ברוקלין אלס רעדאק־

www.libtool.com.cn

טאָר פון דער ציימונג „די איגל“ (דער אָדלער). אין דיעזער צייט, אין דעם יאָהר 1849, האָט ער געמאַכט אַ לאַנגע רייזע אין די מיטעלע, מערב־און דרום־זייטיגע שטאַאטען. ער האָט לאַנגזאַם דורכגערייזט פענסילווייניען, ווירדזשיניאַ; האָט אריבערגערייזט די אַלעגהאַני־בערג און איז לאַנגזאַם אַראָבגעפאָהרען די אָהייאָ און מיסיסיפּי טייכען ביז ניו אָרליאַנס, וואו ער האָט אַ קורצע צייט געוואוינט און איז געווען בעשעפטיגט אַלס רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג „די קרעססענט“.

נאָכדעם ווי ער האָט אַרומגערייזט אין פיעלע שטאַאטען, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק נאָך ברוקלין. אין דעם יאָהר 1851 האָט ער ארויסגעגעבען אַן אייגענע צייטונג מיט דעם נאָמען „די פרימען“. נאָכדעם האָט ער געבויט און פערקויפט קליינע הייזער; דערביי האָט ער גוט פערדיענט און וואָלט רייך געוואָרען, ווען ער וואָלט דיעזען געשעפט ניט אויפגעגעבען. אין דעם אָנפאַנג פון די פופציגער יאָהרען האָט זיך זיין בוך „בלעטלעך גראָז“ אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אין זיין מוח. אין דעם יאָהר 1855 איז ערשיענען די ערשטע אויסגאַבע פון זיין הויפּט־ווערק „בלעטלאך גראָז“, און האָט ענטהאַלטען צוועלף געדיכטע.

געשריבען האָט ער איבעראַל: — אין טהעאַטער, אויפ׳ן גאַס, אין דער פעררי, ביים ים, אין די פעלדער, און מאַנכעס מאָל האָט ער אוועקגעלייגט זיין אַרבייט אום צו שרייבען.

אין דעם יאָהר 1862, באַלד נאָך דער ערשטער שלאַכט פון פריעדריכסבורג, איז ער אוועק אויפ׳ן שלאַכט־פעלד, און האָט דאָרט פערבראַכט אַ לאַנגע צייט אויפפּאַסענדיג און היילענדיג (ער האָט געהאַט אַ ידיעה אין מעדיצין) די קראַנקע און פערוואונדעטע סאָלדאַטען וואָס האָבען געקעמפּפט געגען די שקלאַפעריי פון די זיד־שטאַאטען. דיעזע ארבייט האָט אויף אימער אונטערגעגראָבען זיין געזונד, און שפּעטער איז ער דאַדורך געלעהמט געוואָרען. זיין פריינדשאַפט, ליעבע און צערטליכקייט צו די פערוואונדעטע סאָלדאַטען האָט דאַן אריבערגעשטיגען אַלע ערוואַרטונגען.

www.libtool.com.cn

א קורצע צייט פאר דעם שלום פון דער קריעג איז ער־וועהלט געווארען אלס קלערק ביי דער רעגיערונג אין וואשינגטאן. אבער באלד נאכדעם האט איהם דער נייער סעקרעטער, מר. רושיימס הארלאם, „דיסטשארדזשט", ווייל ער איז געווען דער פערפאסער פון אן „אונמאראלישען" בוך, פון „בלעטלעך גראז".

געלעהמטערהייד האט ער פערלאזען וואשינגטאן און האט זיך בעזעצט אין קעמדען, ניו דזש., און דארט, דורך די יאהרען 1873, 1874 און 1875, איז זיין לעבען געהאנגען אויף א האר. אויף די עלטערע יאהרען האט ער געליטען אי פון ארימקייט, אי פון אלטקייט, אי פון קראנקהייט. זיין קראנקהייט האט אבער גע־געבען געבורט צו איינעם פון די זיסעסטע און געזינדסטע ביכער, צו דעם „טאגעבוך פון אן אינוואליד". ער האט אויך געשריבען א רעכטע ביסעל אנדערע ווערקע אויסער זיין הויפט־ווערק: — זיין אייגענע לעבענס־בעשרייבונג, רייזע־בילדער, קריטיקען, ער־צעהלונגען פון זיינע יונגע יאהרען, א. ז. וו. אלע זיינע ווערקע זיינען זעהר געזונד; דורך אלע ציהט זיך דורך די זעלבע מענ־ליכקייט, דער זעלבער מוטה, שטאלץ, די זעלבע פרייהייטס־ליעבע און בעגייסטערונג, ווי אין „בלעטלעך גראז". אין דעם יאהר 1882 איז ערשיענען די אכטע, און לעצטע, אויסגאבע פון „בלעטלעך גראז", און האט ענטהאלטען אלע געדיכטע אין זייער יעצטיגער פארמע.

וועהרענד זיין לעבען האט ער געמאכט די פערזענליכע בע־קאנטשאפט פון פיעלע פון די גרעסטע מענער אין אמעריקא און אייראפא, און איז פון די מעהרסטע בעוואונדערט און געליעבט געווארען. געשטארבען איז ער ריין, פאלקאם קלאר, אבוואהל ניט רייך, אין דעם פולען אלטער פון א יאהר פינף אדער זעקס־און זיבעציג. זיין פיגור, זיין אויסזעהן אויף דער עלטער ווערט גע־שילדערט פון זיינע פריינד ווי די פיגור פון א פראפעט, פון א פאטריארך: — די האר לאנג, זיידיג און גרוי; די אויגען עבען אזוי בלוי ווי אין דער יוגענד; דאס געזיכט אפען, פריי און

www.libtool.com.cn

פריינדליך; די שטימע זיס; און זיין גאנצעם וועזען ריין און עהרענווירדיג. ביז אין לעצטען טאָג איז ער פערבליבען דער זעל־בער קלאָרער, פרעהליכער, געזונטער, פריינדליכער מענש; און קיינע זאָרג, קיינע בעליידיגונגען און פעראכטונגען פון זיינע מיט־מענשען, קיינע יסורים האָבען ניט געקענט פערזויערען זיין נאַטור, אָדער פערדונקלען זיין פערשטאַנד. ער שטעהט פאַר אונז אין א שטראָם ליכט — א גרויסע, ליבטיגע, אנגענעהמע, אָבער אויך פראָפּעטישע פערזאָן, — א מין בודהא אָדער משה רבינו פון פרייען דענקען, פון אייביגען פאָרטשריט און אייביגער ליעבע. אויף די הויכקייטען פון די צייטען שטעהט דער גרויסער טעמפּעל פון וואר־הייט און ליכט, וועלכען ער האָט געבויט, און די פעלקער וועלען אייביג פילגערען צו איהם, ווי צו א היילינגטהום.

די „בלעטלעך גראָז" איז זיין הויפּט־ווערק. — וועלכע גלענ־צענדע, פּאָעטישע שטעלען געפינען זיך אין איהם! וואָס פאַר א טיעפקייט! וואָס פאַר א ברייטקייט! — ווי זיין זעעלע, די זעעלע פון דעם גרויסען דיכטער, לעהרער און נביא.

אָט אזוי הויבט ער אָן זיין הויפּט־ווערק: „בלעטלעך גראָז":

„פריי, פריש, ווילד, מיט א גרינגער שפּראַך און א ריינעם געמיטה, — איינער, וואָס איז צופריעדען מיט זיך אליין און האָט ליעב מענשען און ערטער;

„וואָס האָט ליעב דעם פיש־פערמעגען פון פּאָמאַנאָק־אינ־זעל, *) וואו איך בין געבאָרען געוואָרען;

„איינער, וואָס האָט ליעב דעם ים, וואָס איז געבאָרען גע־וואָרען אין דער הרחבה פון קערפּער און גייסט, און איז א קענער אין פיעלע זאַכען;

„א קינד פון דער שטאָדט ניו יאָרק, וועלכע איז מיין שטאָדט;

*) פּאָמאַנאָק אין דער אַלטער אינדיאַנישער נאָמען פון לאָנג איילענד.

www.libtool.com.cn

„אָדער אַ זוהן פון די הויכע, אינלענדישע געגענדען, אָדער פון די גרויסע גראָז־פּלעצער פון דרום־זייט;

„פול אָנגעזויגען מיט דער לופט פון קאַליפאָרניען, אָדער מיט טעקסאסער, אָדער מיט קיובאַנער לופט;

„אַ טאָלמאַטש פאַר אַלעם, — אָפּהילכענדיג דעם ניאַגאַראַ־שטראָם אָדער דעם טייך מיזורי;

„אָדער לעבענדיג גראָב אין מיין היים אין די קענאָק'שע וועלדער;

„אָדער וואַנדערענדיג און געהענדיג אויף געיעג נאָך מיין טרינק־וואַסער און מיין עס־פלייש;

„אָדער ליעגענדיג פערטיעפט אין מיינע געדאַנקען ערגעץ־וואו אין אַ שטילען ווינקעל;

„וויים אַוועק פון דעם רויש פון דער מאַסע, פערברענגענדיג אַ קורצע צייט, בעגייסטערט און גליקליך;

„שטערען, פּאָעזיע, שנעע, די בערג, פעלזען, די בלומען פון'ם פינפטען חודש, מיין איבעררעשונג, מיין ליעבע;

„וויסענדיג דאָס עס לעבט די חיה וועלכע רופט זיך באַפּאַלאָ, וויסענדיג פון די פריעדליכע סטאַדעס, און פון דעם בול־אָקס, מיט אַ שטאַרקער ברוסט און האָריג;

„וויסענדיג בעגינען־צייט פון דעם שפּאַט־פויגעל אין די וואַלדעהניסע;

„איינזאַם, זינגענדיג אין דער וועסט, קום איך קעמפּפען פיר אַ נייער וועלט".

* * *

ער נעהמט אַלעם אריין אין זיינע ליעדער, דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע: —

„אַלעם אַלעם!

„זאָלען אַנדערע זיך ניט מאַכען וויסענדיג פון וואָס זיי ווילען, איך זינג די ליעד פון שלעכטס אויך.

„איך בין אַליין עבען אַזוי שלעכט ווי גוט.

www.libtool.com.cn

„און איך זאָג דאָס עס גיבט אין פאַקט קיין שלעכטס ניט.
„אָדער, אויב עס איז דאָ שלעכטס, איז עס עבען אַזוי וויכ־טיג פאַר אייך, פאַר מיר און פאַר דער ערד, ווי אירגענד וואָס“.
אין אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט ער:
„איך וועל זינגען פון׳ם עגאָאיזמוס, און וועל צייגען, דאָס ער שטעקט הינטער אַלעם; איך וועל זיין דער זינגער פון פער־זענליכקייט“.
אָט איז זיין לוסט פיר נאַטירליכקייט:
„מיר דאַכט, איך וואָלט קענען געהן לעבען מיט חיות; זיי זייִנען אַזוי געלאַסען און איינגעהאַלטען;
„זיי שוויצען ניט און קלאָגען ניט אויף זייער לאַגע.
„זיי ליגען ניט וואַך אין דער פינסטער, קלאָגענדיג אויף זייערע זינד.
„זיי מאַכען מיך ניט קראַנק דיסקוטירענדיג וועגען זייער פפליכט צו גאָט.
„איך בין אַ פרייער קאַמעראַד; איך ליעג ביי בעלאַגערענדע וואַך־פייער!
„איך פערשטעה די גרויסע האַרץ פון העלדען, דעם מוטה פון דער יעצטיגער און פון אַלע צייטען“.
וועגען גלויבען זאָגט ער פאָלגענדעס:
„איך פעראַכטע אייך ניט, פריסטער. מיין גלויבען איז דער גרעסטער פון אַלע גלויבענס, — ער ענטהאַלט אַלע גלויבענס, פאַר־צייטיגע און הייִנטיגע, און אַלע צווישען די פאַרצייטיגע און הייִנטיגע“.
„און איך קען אויסרופען צו דער מענשהייט:
„זייט ניט נייגעריג וועגען גאָט, — דען איך, וואָס איך בין נייגעריג איבער אַלעם, בין ניט נייגעריג איבער גאָט; קיינע ווער־טער קענען ניט אויסדריקען ווי רוהיג איך בין וועגען גאָט און וועגען טויט“.
„איך הער און זעה גאָט אין יעדער זאַך, און הויב איהם ניט

www.libtool.com.cn

אַן צו פערשטעהן, און איך קען ניט בעגרייפען וואָס עס קען זיין וואונדערליכער ווי איך אַליין".

לעזט דיעזען בעשלוס, ווערכען ער פאסט. אזוי דענקט יעדער מענש:

„אַ סוף דערמיט! איך הער אויף טרייבען קאטאָוועס;
„פון היינט אָן געוועהן איך מיך אין לויפען, שפרינגען, שווימען, האנגלען און באָרען זיך;
„אריבערצוטראָגען קעלט אָדער היץ,
„צו לערנען זיך גוט שיסען — צו זעגלען אין אַ שיף.
„צו פיהרען פערד, — צו האָבען פרעכטיגע קינדער,
„צו ריידען לויט און פערשטענדליך, — צו פיהלען זיך ווי אין דער היים צווישען געוועהנליכע מענשען.
„און צו בלייבען מוטהיג אין שרעקליכע צופעלע, אויפ'ן לאנד אָדער אויפ'ן ים" .

ווייטער זאָגט ער וועגען שעהן־שרייבער: —
„מיך אַרט ניט פאַר בעפוצער...
„איך האָב ליעב גרינדליכע זאַכען, אמת'ע מענער און פרויען.
„לאָז מיך געהן אין מיין אייגענעם וועג, — זאָלען אַנדערע פערשפרייטען די געזעצע, איך וויל פון זיי קיין חשבונות ניט פיהרען,
„זאָלען אַנדערע לויבען בעריהמטע מענער און אויפהאַלטען דעם פריעדען, — איך האַלט אויף אויפשטאַנד און קריעג,
„איך לויב קיין גרויסע מאָן ניט, — איך טאַדעל אין געזיכט אַריין דעם, וועלכען מען האָט געהאַלטען פאַר דעם בעסטען".
אין די לעצטע בלעטער פון זיין ווערק זאָגט ער פאָלגענדעס:
„דאָס איז ניט קיין בוך, — ווער עס ריהרט איהם אָן, ריהרט אָן אַ מענשען.
„(איז יעצט נאַכט? זיינען מיר דאָ אַליין?)
„דאָס בין איך, וועמען איהר האַלט, און איך האַלט אייך.

www.libtool.com.cn

„איך שפּרינג אַרויס פון די בלעטער אין אייערע אָרעמס, —
דער טויט רופט מיך אוועק“.

„גענוג, אָה פערשווינדענדע געגענוואַרט!
„גענוג, אָה אונטערגעשטריכענע פערגאַנגענהייט!
„מיין טהייערער פריינד, וואו דו זאָלסט ניט זיין, עמפּפאַנג
דיעזען קוש.

„איך גיב איהם הויפּטזעכליך דיר, — פערגעס מיך ניט.
„איך פיהל ווי איינער וואָס האָט אָפּגעטהאָן זיין ארבייט, —
איך געה ווייטער.

„די אונבעקאַנטע געגענד, וועלכע איז אמת’ער ווי איך האָב
געטרוימט, איז מעהר דירעקט, וואַרפט ערוועקענדע שטראַהלען
אַרום מיר, — אַדיע!

„געדענק מיינע ווערטער, איך ליעב דיך;
„איך שייד מיך פון מאַטעריעלע געגענשטענדע,
„איך בין ווי איינער וואָס איז בעפרייט פון זיין קערפּער.
„איך בין טריאומפירענד, טויט“.

וואָלט וויטמאַן האָט, ווי געוועהנליך, געהאַט צו קעמפּפען
געגען די פּאַראָורטהיילספּאָלע, אַלטע און ניט עהרליך געזינטע
מענשען פון דיעזען לאַנד. ווען דער ערשטער טהייל בלעטלעך
גראָז איז ערשיענען, זיינען אַ באַנדע דומע ציימונגס־שרייבער
און פּעראַירטע, דין־פּיסיגע בעל־עבירה’ניקעס אַרויסגעשפּרונגען
געגען איהם. די ווילדעסטע, דומסטע, פערקעהרטסטע מיינונגען
זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען וועגען זיין בוך; די משוגע’נסטע,
אונבעגרייפליכסטע אויסדריקען זיינען געברויכט געוואָרען צו פער־
וואַרפען מיט שמוץ אי דעם שרייבער, אי זיין ווערק. פיעלע
שטעלען אין זיין בוך האָבען „ערשיטערט“ זייער מאָראַל, זייערע
געפיהלען פון „אַנשטענדיגקייט“. הויפּטזעכליך האָט זיי אויפ־
געבורעט אַ געוויסעס געדיכט, אין וועלכעם ער רעדט פון די בע־
ציהונגען און שייכות פון די ביידע, מענליכע און ווייבליכע, גע־
שלעכטער. פאַר דיעזעס געדיכט האָט מען איהם געוואָלט אַרעס־

www.libtool.com.cn

טירען, איך גלויב אין באָסטאָן. עס איז, נאָך זייער מיינונג גענצליך געגען דער מאָראַל, אַ פערברעכען, אזוי צו ריידען וועגען אַזעלכע פערברעכערישע געגענשטענדע. וואָס זיי פערשטעהען אונטער דאָס וואָרט מאָראַל, איז שווער צו פערשטעהן. די ביבעל לעזען, אין קירכע געהן, די תפילות איבערזאָגען, מאַכען געשעפטען, בעשווינדלען און בערויבען, שטייערן צאָהלען, לאָזען אַנדערע אַרבייטען פאַר זיך, לעבען איינגעצויגען און איינגעשרומפען, שטילערהייד זינדיגען און עפענטליך זיין אַ שונא פון יעדען פאָרטשריט, — דאָס איז, נאָך זייער מיינונג, מאָראַל; דאָס מעג מען!

די אויפרעגונג וועגען וואָלט וויטמאַן האָט זיך אָבער שוין לאַנג איינגעשטילט. מען רעדט שוין פון איהם ביינאַה איבעראַל מיט רעספעקט, ליעבע און עהרפורכט, ווי ער פערדיענט; ניט צו ריידען פון די פרייע און געבילדעטע. פון זיי איז ער שוין לאַנג, לאַנג אַנערקענט, בעליעבט און בעוואונדערט. — ער איז איבערזעצט אין איינינע שפּראַכען.

www.libtool.com.cn

# עדווין מארקהאַם

נאָך די פיעלע צוקער־וואסערדיגע פערזען, וועלכע מיר קריגען צו לעזען אין די אַמעריקאַנער זשורנאַלען; נאָך די פיעל הערצענס־אויסגיסונגען פון מאַט־אויגיגע דאַמען און האַלב־פלייׁשיגע, האַלב־מילכיגע רעפּאָרטערלעך און סתם ליעבעשפּיעלענדע יונגע לייט, איז עס אַ פערגעניגען צו לעזען די פערזען פון אַ וואהרען בעגאַבטען דיכטער. דיעזער דיכטער איז מר. טשאַרלס עדווין מארקהאַם, אַ מיטגליעד פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי.

מר. מאַרקהאַם איז געבאָרען געוואָרען אין אָרעגאָן, אַם 23טען אַפּריל 1852. זיינע עלטערען שטאַמען פון די ערשטע קאָלאָניסטען פון פּענסילווייניען און ניו־ענגלאַנד. צווישען זיינע פערוואַנדטע און אורעלטערען זיינען געווען פיעלע בעאַמטע פון שטאַאַט, וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען אַ הויכען ראַנג דורך זייערע טרייע דיענסטע.

שטאַמענדיג פון אַזעלכע עלטערען און האָבענדיג פערבראַכט זיין יוגענד אין די רייכע געגענדען, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט די פּיאָנערען אין דער וועסט, האָט מר. עדווין מאַרקהאַם, — דען ביי דיעזען נאָמען קען מען איהם אַם בעסטען צווישען די שרייבער — פריה געוויזען צייכענס פון קראַפט און אָריגינאַליטעט פון דענקען, וועלכע האָבען שפּעטער כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצע קאַריערע. ער איז געווען דער איגנסטער זוהן פון פּיאָניר־עלטערען, וועלכע האָבען קורץ פאַר זיין געבורט איבערגערייזט די ווייטע לאַנד־שטרעקען פון מישיגאַן, האָבענדיג פערלאָרען זיין פאָטער איידער ער איז נאָך אַלט געוואָרען פינף יאָהר, האָט ער זיך בעזעצט, — אָדער בעסער צו זאָגען, זיין מוטער און זיינע ברידער האָבען זיך מיט איהם בעזעצט — אין אַ שעהנעם ווילדען טהאָל ניט ווייט פון

www.libtool.com.cn

סואי סאַן, אין צענטראַל קאַליפאָרניען. דאָרט איז ער אויפגעוואַקסען געוואָרען און האָט זיך איינגעוועהנט צו טהאָן די נויטווענדיגע אַרבייט, וועלכע מען מוז קענען אויף אַ פיה־פאַרם אין דער וועסט. געלערענט האָט ער אין די ניט זעהר גוטע לאַנד־שולען. קיינע חברים האָט דער יונגער דיכטער ניט געהאַט אויסער זיין עלטערען ברודער, וועלכער איז געוועזן טויב און שטום, און זיין מוטער, אַ שטרענגע, שווייגענדע פרויענצימער מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער און אַ זעהר אָריגינעלע נאַטור. געלעזען האָט ער מעהרסטענטהיילס פּאָעזיע. האָמער און בייראָן זיינען געוועזן זיינע ערשטע מייסטער, און זיינע געדאַנקען האָט ער פריה אָנגעפאַנגען אויסצודריקען אין פערזען. איינע פון זיינע ערשטע פּראָבען אין פּאָעזיע איז געוועזן אַ געדיכט מיט דעם נאָמען „אַ טרוים פונ׳ם כאַאָס“, געשריבען אין בייראָן׳ס סטיל, מיט אַ רעכט ביסעל געפיהל און איינבליק אינ׳ם לעבען. נאָך דיעזען אָנפאַנג האָט ער נאָכאַנאַנד בעקאַנט געמאַכט זיין נאָמען דורך זיינע שריפטען, און יעצט איז ער אַנערקענט אַלס איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער פּאָעטען.

אין 1871 איז מר. מאַרקהאַם אַריינגעטראָטען אין דער נאָר־מאַל־שולע פון סאַן דזשאָזע אויף זיין אייגענעם חשבון, און האָט דאָן פּאָרטגעזעצט זיינע קלאַסישע שטודיען אין „קריסטשיען קאָלעדזש“ פון סאַנטאַ ראָסאַ, קאַליפאָרניאַ. נאָכדעם ווי ער האָט פערלאָזט דעם קאָלעדזש האָט ער אַ קורצע צייט געלעזען איבער געזעץ; ער האָט אָבער קיין געזעץ פּראַקטיצירט. ער האָט געלייס־טעט זעהר וויכטיגע דיענסטע אין קאַליפאָרניען אַלס סופּעראינ־טענדאַנט און פּרינציפּאַל אין פיעלע שולען אין פערשיעדענע ערטער אין אַ רייהע פון פיעלע יאָהרען. אין 1899 איז ער געוועזן דער העד־מייסטער פון דער טאָמפּקינ׳ס אָבסערוואַציאָנס־סקול אין אָוקלאַנד; איז פערבונדען געוועזן מיט דעם אוניווערסיטעט אין קאַליפאָרניען, וואו ער איז געוועזן בעשעפטיגט אַ לאַנגע צייט ביי אַן אַרבייט, וועלכע איז זעהר וויכטיג פאַר די אינטערעסען פון אַקאַדעמישער

www.libtool.com.cn

פאָרטבילדונג. פּראָפעסאָר מארקהאם'ס ביבליאָטהעק איז בעריהמט אלס איינע פון די בעסטע, און איז הויפּטזעכליך אויסגעצייכענט אין די אבטהיילונגען פון פילאָזאָפיע און ליטעראטור־קריטיק. זיינע איינגענע בייטרעגע צו דער ליטעראטור זיינען הויפּטזעכליך פּאָעטישע, און זיינע שריפטען זיינען בעשריבען געוואָרען אלס די בעדייטענדסטע, וועלכע זיינען פּראָדוצירט געוואָרען אין דער וועסט. ער האָט בייגעטראָגען צו פיעלע פון די אמעריקאנער זשורנאלען, און איז זאָ־צו־זאָגען, א יחסן ביי די קריטיקער. מר. מארקהאם האָט אויך געשריבען וועגען סאָציאלע פראגען.

ער האָט צונויפגעקליבען זיינע קלענערע געדיכטע אין צוויי בענדער, וועלכע רופען זיך: „דער מאַן מיט דער גראבליע און אנדערע געדיכטע" און „אין שוים פון דער ערד". דאָס געדיכט „דער מאן מיט דער גראבליע" איז אינספּירירט געוואָרען דורך מילעט'ס גרויסען בילד, וועלכער טראָגט דעם זעלבען נאָמען. דיזעס געדיכט האָט אויפגערעגט פיעל אָנזעהן ביי די אמעריקאנער קריטי־קער, און האָט געבראכט דעם פערפאסער פיעלע בריעף פון איירא־פּעאישע גרויסע מענער.

מר. מארקהאם איז א גרויסער דיכטער, אַן עכטער פּאָעט, וועמעס שפּראכע איז רייך, שטארק, בעגייסטערט, גליהענד, רייך אין בילדער און ארויסשיסענד ווי א לאַווא־שטראָם פון א וואולקאן. מר. מארקהאם רעדט און דענקט אין דער שפּראכע פון די גרויסע פּאָעטען און נביאים, שטארק, רייך, לויט־שרייענדיג, פריי און דענ־נאָך איינגעהאלטען אין די ראהמען פון זיינע שעהנע, פעסטע, זאפטיגע און קרעפטיגע פערזען. א וואהרער ריטער פונ'ם מענש־ליכען דענקען, פון אונאבהענגיגקייט און פערטרויען אינ'ם מענש־ליכען גייסט! מיט פאנצער און שפּיז געהט מר. מארקהאם אין קאמפּף פיר פרייהייט און סאָציאלער גערעכטיגקייט, און זיין שטימע קלינגט ווי דער שאַל פון א לויטען פעלד־טראָמפּעט!

www.libtool.com.cn

איך גיב דאָ איינינע אויסציגע פון דאָס געדיכט „דער מאַן מיט דער גראַבליע“, און נאָך אַ פּאָר קלענערע געדיכטע.
ריידענדיג וועגען דעם אַרבייטער אין דאָס ערשטע געדיכט, זאָגט דער דיכטער:

„אָ הערן, לאָרדען, הערשער פון דער וועלט,
ווי וועט די צוקונפט זיך אויסרעכענען
מיט דיזען מענשען? ווי וועט עס פערענטפערען
זיין טיעף־ברוטאַלע פראגע אין דער צייט,
ווען שטורעמווינטען פון דער רעבעליאָן
וועלען ערציטערן די וועלט? וואָס וועט
מיט קעניגרייכע און מיט קעניגע
געשעהען דאַן, מיט די וואָס האָבען איהם
געבראַכט דערצו, וואָס ער איז יעצט, — ווען דיזער
שטומער שרעקענס־מענש וועט ענטפערן
די גאָטהייט נאָך דעם שטילען לויף
פון די יאָהרהונדערטע?“

„וואָס פאר א תהומים ס'הערשען צווישען איהם
און די מלאכים! — וואָס איז דען פאר איהם,
וואָס איז אַן אַרבייטס־שקלאַף, די גרויסע ווערק
פון פלאַטאָ, אָדער דער געדאַנקען־שוואונג
פון פּליאַדעס? וואָס בעדייטען דען פאַר איהם
די ווייטע שטרעקען פון די בערגע פון
געזאַנג, דאָס רויטליך ווערען פון דער ראָזע?“

אָט אַזוי פאַסט אַ גרויסער דיכטער אויף די גרויסקייט פון דער אַרבייטער־פראַגע! מיט אַזאַ היץ, אין אַזאַ שטאַרקען טאָן, אַזוי גליהענד הייס, מיט אַזאַ שוואונג פון שפּראַכע און פערז רעדט אַ גרויסער דיכטער פון דעם אַרבייטער, פון דער צוקונפט, פון די

www.libtool.com.cn

הערשער און קעניגע פון דער וועלט. ווי פערשיעדען, ווי ווייט עס איז פון די געוועהנליכע קרעכצענדיגע און יאָמערענדיגע ליעדלעך פון די זאָגענאַנטע ארבייטער־פּאָעטען!

און דאָ האָט איהר נאָך אַ קליין געדיכט, וועלכעס ווערט זעהר שטארק בעוואונדערט פון די קריטיקער:

## „אַ בליק אין אַבגרונד

„איך האָב ארויסגעבליקט איין נאַכט און האָב
געזעהן די קעניגין סעמיראַמיס,
שטיל זיצענדיג און וויגענדיג זיך ביי
אַן אַלטען וועג פון גיהנם, — בלינד, פערוועלקט,
מיט אַלע איהרע טרויער טויבען ׳רום
איהר קאָפּ, און זינגענדיג צו דער לבנה
שטיקלעך פון געזאַנגען, וואָס מען האָט
פאר איהר אַ מאָל געזונגען אויף די העל־
בעלויכטעטע דעכער פון דער אַלט־שטאָדט נגוה,
און נאָכדעם האָט איהר הייזעריגע שטים
ארויסגעקלונגען אין אַ רייסענדען
געלעכטער; די טראָמפּייטען, האָרך!...
זיי שאַללען ווידער; די טראָמפּייטען,
וואָס האָבען אויפגעוועקט די נעכט פון בבל,
און האָבען ווייטער דאַן געשאַלט דורך נגוה!
אַוועק, איהר ציטערנדע קוריערען פון
דאָס אונגליק! — לאָזט אַוועק מיין האָר
איהר פרויען! דען איך בין די קעניגין!
אַ שטורם־ווינד און אַ פלאַם פון שווערדען
צו אונטערדריקען רעבעליר׳נדע שטעדט.
און זאָל דער אייזען־שריט פון די ארמייען
ערציטערען די ערד! זעהט הויכע טהורעמס:

www.libtool.com.cn

גאַנסירען געהט פערביי אויפ'ן ווינד.
זאָ שעפּטשעט זי דאָרט ביי דעם אַלטען וועג,
וועהרענד די שטעדט, וואָס האָבען זיך שוין לאַנג
אין שטויב פערוואַנדעלט, שטעהען אויף אין איהר
צומישטען מוח אויף דאָס ניי. — 'זוי רעדט
זי דאָרט די גאַנצע נאַכט; און ווען איהר שטים
שטאַרבט אָב, בעוועגען זיך איהרע ליפּען שטום."

מערקט ווי מייסטערהאַפט דאָס בילד איז געצייכענט. אַן אמת'ער פערגעניגען צו לעזען. עס איז אַזוי רייך, שעהן, דייטליך, גרויס, דאָס מען מוז עס בעוואונדערען.

די פּאָר שטיקלעך, וועלכע איך האָב דאָ איבערזעצט זיינען ענטנומען פון געדיכטע, וועלכע זיינען געשריבען אין פערזען אָהן גראַמען; דאָס הייסט, אין ענגליש, אין בליינק וואָירס. מר. מאַרק־האַם קען אָבער אויך שרייבען זעהר שעהנע, עכט־פּאָעטישע, ווירק־ליך לירישע פּאָעזיען. איך ברענג דאָ צוויי פערזען אַלס ביישפּיעל. די פערזען זיינען ענטנומען פון א געדיכט, וועלכעם דער דיכטער רופט „די אַנהענגער פון דעם נאַטור־גאָט פּאַן".

„פון שטאָדט צו שטאָדט, מיט פּיין און שמערץ,
הערט מען די פעלד־טראָמפּייטען שאַללען;
איך ברענג די ליעדער פון דאָס הערץ
פון לילימאָ'ס געהיימע קוואַללען.

איך זינג מיין ליעד בעגינען פריה,
די וואָרצעל זינג איך פון די קוויטען;
אַפּאָללאָ'ס שופרות שווייגען ביע,
און הערמעס שעפּטשעט אין די פליוטען!"

א צווייטעס, קורצעס לירישעס געדיכט איז געשריבען געוואָרען

www.libtool.com.cn

אין א פיעל רוהיגערען טאָן. עס איז א געבעט, און פאנגט זיך אָן ווי פאָלגט:

„פיהר מיך, פאָטער, דורך דער וועלט
זאנפט ווי ס׳גראָז, וואָס וואַקסט אין פעלד;
מאַך מיין זעעלע הארט ווי שטיין,
כ׳זאָל אין שטורם ניט אונטערגעהן;
דאַך מיין גייסט, געשטאַרקט און פרום,
מאַך זי איינפאַך ווי אַ בלום."

ווי געזאָגט, צייכענט זיך מר. מארקהאם׳ס פּאָעזיע אויס דורך איהר שטארקייט און פרישקייט פון פיהלען און ווארעמען דענקען. זיין פּאָעזיע איז דורך און דורך געזונד, אזוי ווי זיין גייסט איז פריש, און זאפטיג ווי די גרינע פלאַנצען אין פעלד, ווי דער בוים ביים וואלד, ווי די פרישע פירות פון געזונדע בוימער. ער איז א רענייסאנס־פּאָעט, א פּאָעט פון אונזער צייט, אין וועלכער ליטעראטור — קלאסישע ליטעראטור, אנגעזויגען מיט דעם פרייען גייסט פון דער רענייסאנס־פעריאָדע אין שעקספּיער׳ס צייט, פאנגט ווידער אָן אויפצובליהען און שיסט ארויס אין שטארקע שטאמען, וועלכע וועלען אויפוואקסען צו זיין מעכטיגע בוימער, — א פּאָעט פון דער נייער צייט, וועלכער קוקט ארויף צו די ראָזעווע בערג פונ׳ם פריהמאָרגען, הארכט זיך צו צו די זילבערנע טראָמפּעטען קלאַנגען פון די יונגע גייסטער, און פרעהט זיך אינערליך מיט דאָס גאָלדענע ליכט פונ׳ם טאָג, מיט דער תבואה פון פעלד, מיט דער שטילקייט פונ׳ם לענדליכען לעבען, מיט די פרישקייט פון יוגענד, פרויענליעבע, פון מענליכער קראפט און גייסטיגער געזונדהייט!

מר. מארקהאם׳ס ליעד איז דער טראָמפּעט פון פעלד, די שטימע פער דער פרייער הערץ, די האָפנונג פון דער צוקונפט, די פרישקייט פון די פעלדער, די זאפטיגקייט פון גראָז, די קיהלקייט פון דעם וואלד. מעגען א סך אזעלכע פּאָעטען זינגען! ווי ווייניג

www.libtool.com.cn

די וועלט זאָל זיך ניט בענויטיגען אין פּאָעזיע, מוז מען דאָך האָבען פּאָעטען אין יעדען דור צו זינגען די ליעדער און צו ריידען די שפּראַכע פון די הערצער און די גייסטער. און אַזעלכע פּאָעטען ווי מר. מאַרקהאַם קענען נור גוטעס טהאָן, קענען איינפּלאַנצען געזונד־הייט און ערפרישען די פערוועלקטע און פעראָרעמטע הערצער פון די אָרעמע, און אפשר פון די רייכע אויך.



www.libtool.com.cn

UNION LABEL COUNCIL 13
NEW YORK CITY

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn